STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04319

OYFZATSEN UN FELYETONEN

Isaac Leib Peretz

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. S. Fred Singer
in honor of Dr. Max Kampelman,
diplomat, humanitarian and scholar

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פרץ.

אויפזאצען און פעליעטאנען

4004-1

פערלאג אינטערנאציאנאלע ביבליאטעק "קאמפ."
ווארשא — נויארק.

ЛЕВИНЪ-ЭПШТЕЙНЪ, Варшава, Павлинная 38.
1913

אינהאלט פון 9-טען באנד

„אויפזאצען און פעליעטאנען".

ליטעראַטור און לעבען	7
איבער שרפות	43
װעגען יודישער חוצפה	55
ערוב	69
אַ ריזה	79
די לויה	89
דער פּאַקט און די פּרעסע	99
די באָבע יאַחנע	113
אלהי עד שלא נוצרתי	127
די קראַנקע נערוװען	135
גוטע פריינד	147
די נייע בעװעגונג	161
דער טאָג	175
אַ בריעף אויס װאַרשא	215
אויף אַ מיטינג	245
פון דער שװערער צייט	253
האָפנונג און שרעק	265
יעקב דינעסאָן	271
אין אייראָפּאַ און ביי אונז אינטערן אויבען	281
געדאַנקען איבער ליטעראַטור	295
דאס פּראָבלעם *)	303

*) השמטה פון 7-טען באנד.

ליטעראַטור און לעבען.

4004-1

אַמאָל אין די גוטע יאָהרען פלעגען זיין „שדים אויף די ביידעם״; לצים פלעגען אַרום טאַנצען אין די הייף, נשמות פון עולם הדמיון — האַלץ האַקען אין אַלע וועלדער; פון אַלע חורבות פלעגען רוחות אַרוים שרייען „קוקעריקו״ ווי דער בעסטער האָהן, און געשטאָרבענע אַפּיקורסים, אָדער אונטערן פלאָט בעהאַלטענע דייטשען — אַרום לויפען אויף די דעכער בצורת כלב און בילען, און בעטען זיך תקון!

עס איז געוועזען איין אמת ראָמאַנטישע צייט, סאַמע שילערישע „הוילע גייסטער״ און מלאָכים אפילו האָבען זיך אויך נישט זעלטען בעוויזען! פערקעהרט — זיי פלעגען זיך גאַנץ אָפט צו „יאַווען״ און פונקט צו דער רעכטיגער צייט, אָבצווישען דער אַלמנה׳ס טרערען, אויפצוהייבען אַ יתומה פון גלאַטען איז... זיי פלעגען טהייל מאָל אַפילו זיך צובעווייזען דעם רשע אין אַ חלום און אָנזאָגען איהם זהיר והזהר, ער זאָל נישט איבערפילען דאָס מעסטיל זינד! אויסער דעם — פלעגט אַ מאָל אומגעזייעט אַרויס וואַקסען אליהו הנביא, אַריין וואַרפען איין אָבגעקומענעם דאַנצ׳גער סוחר אַ זעקעל געלד דורכ׳ן פענסטער, ענדיגען אַ שטיקל אַרבייט פאַר אַ קראַנקען בעל־מלאכה און גאָר אַ פּשוט׳ן בטלן — אונטער וואַרפען אַ כשר׳ע מציאָה...

* *

*

וואָס האָט דעמאָלט אַ „יודען״ געפעהלט?

„מי יאַכילנו בשר״ *) איז גאָר קיין שאלה נישט געוועזען; אונטער אַלע בריקען האָבען געבלעקט פערכשופ׳טע קעלבער; געלד? אין אַלע אַלטע קעלער זענען בעגראָבען געוועזען אוצרות פון אַמאָליגע קלויסטער, און יעדען פאַרנאַכט האָבען זיך אוצרות

---

*) „ווער וועט אונז געבען צו עסען פליישׂ״.

בעוויזען! שמחות? זאבאווים? איז אלע הייף האבען קינדייסיוועט לצים, סצענעם געמאכט: געוויזען זיך מיט שאלען פון אייער און קארטאפעל; פראסט — צום קראנק־לאבען... אויסער דעם איז געוועזען מעהר ברית'ן ווי היינט אנדערע סעודות מצוה'ם ווי היינט! און אין אלע קרעטשמים איז געוועזען מוזיק! דאס האבען שדים חתונה'ם געשפיעלט!..

„הקפות" איז היינט איין מאל אין יאהר און נור ביי'ן א מנין, דעמאלט האט יעדערער שכור'ער בעל־עגלה געהאט צעהן מאל אין יאהר הקפות און א גאנצע נאכט ארום איין בוים אין א וואלד!

געגען שעבוד מלכיות — פאספארטען. גרעניצען וכדומה שווערע זאכען, האט געהאט די קבלה פערשריבענע רעצעפטען, צו ווערען א רואה ואינו נראה: פ"ח תעניתים, תקצ"ז סגופים, תרפל"ג שמות און: גירא בעיניך, סטראזניק, מען הערט דיך ווי די קאץ!

האט זיך אמאל בעוויזען א המן הרשע, א צורר היהודים — איז געווען א רפואה צו דער מכה: א ליב שרה'ס מיט'ן קניפיקיל, וואס האט פון איהם לאקשען געשניטען!..

א חוץ — וואס היינט־מארגען קומט „משיח־צדקנו"; איידער די קוקסט דיך אום — א פאפירענע בריק, בולקעס אויף די ביימער, תחית המתים וכו' וכו' נאך אנדערע גוטע זאכען!

וואס האט געקענט פעהלען אויף דער וועלט, אז זי איז געוועזען מיט יענער אזוי פערקניפט און פערבונדען? עס האבען זיך „הימעל און ערד געקושט"; צווישען זיי איז געוועזען א צוזאמענהאנג: א חלום, א מלאך אדער איין אנדערע מאדע אינטערווענציע *) פון דער השגחה פרטית; צווישען הימעל און ערד איז געשטאנען א בריק, אויב נישט א פאפירענע — על כל פנים א שפינוועבענע.

די פאנטאזיע האט פון אונזער בלאטע ביז צו'ם ריינעם בלאהעם הימעל אויפגעשטעלט א לייטער, און מענשען האבען

---

*) אריין מיטען זיך.

פערמאַכט די אויגען, געעפענט די מיילער און געקלעטערט אויף אַלע פיער!

און אַז עס האָט זיך גוט געלעבט, האָט זיך גוט געשריבען (אפילו שלא על מנת לקבל פרס), די שרייבער זענען אויך געשטאַנען מיט איין פוס אויף דער, און מיט'ן צווייטען אויף יענער וועלט... און אויף יענער וועלט (האָבען מיר דאָך אַ קיימאָ-לן!) זענען מיר תקיפים... אַלע אומות האָבען נור „שרים" און מיר — דען רבונו של עולם אַליין! און מיט'ן רבונו של עולם'ס הילף האָבען זיך אַלע מעשיות גוט געענדיגט; דער „קורא נכבד" *) איז באַלד אָהן „הוריות" רוהיג און פעסט איינגעשלאָפען, און אַלע ש"י עולמות האָבען זיך איהם געחלומט!

ביי'ן אַ מחבר, גאָר איין אַפּקורס, האָט זיך דער חלום, דער שד, דער מלאָך, אליהו הנביא און אַנדערע הימלישע אינטערווענציעס — פערשטעלט אין אַ ירושה פון אַ מוהמען אין אַמעריקאַ... נור סיי ווי סיי איז דער סוף געווען אַ מחיה. דער גוטער בחור האָט גענומען די גוטע בתולה מיט נדן און דרשה-געשאַנק כדת משה וישראל! דער שלעכטער בחור איז אַוועק מיט „איין אָבגעשנייצטער נאָז" אָדער — „ווי אַ קאַץ פון דער מילך"...

. . . .

אַנדערע צייטען — אַנדערע ליעדער...

די פריצים האָבען אויסגעהאַקט די וועלדער און די אָרימע נשמות פון עולם הדמיון האָבען נישט וואו האָלץ צו האַקען... טרעפט זיך אַ מאָל אַ הונד אויפ'ן דאַך, איז עס אַ פּראָסטער, משוגע'נער אָדער אַ מרה שחורה'דיגער הונד, און בילט נישט, און בעט זיך נישט קיין תקון... אויף שאָסען מיט ווערסטען האָבען לצים קיין שליטה נישט; אוים הקפות! מיט די לצים צוזאַמען זענען פערשווינדען געוואָרען די פערכשופטע קעלבער... די באַהן האָט דריי פיערטעל קרעטשמים פערמאַכט און — ווייסט דער טייוועל — וואו שדים מאַכען חתונה!.. אליהו הנביא

---

*) דער געעהרטער לעזער.

בעווייזט זיך נישט, ווער ווייסט אויב ער וואלגערט זיך נישט געבאָך עיגעץ אַרום אלס „ניעפּאָמניאַשטשי" אין אַ קאַזאַמאַט אין סיביר, אָדער ער זיצט נישט אין ירושלים, עסט יעביץ'עס דינע פרוטע גריץ פון טיטע ביינער מיט עטליכע גרויפּען פון שליירענס חכמה, און געהט אַלע פרייטיג אין באָד אַריין על חשבון החלוקה, אונטער יוסף ריבלינ'ס השגחה פרטית...

קיין מלאָך זעהט מען נישט פאַר אַמיליאָן... די יתומות מיט די אַלמנות האָבען שוין אפילו אויפגעהערט אויף זייער הילף צו האָפען, געבער שוין העלפען זיי אַמאָל אַרוים פון דער נויט די „גאָלדענע יונגע לייט", וואָס האָבען פון די אַלטע פריצים געירשנט prawem kaduka דען „Jus primae noctis" !

מיט דער אַלטער פאַרמאַקאַלאָגיע צוזאַמען האָבען זיך איבערגעלעבט דער קבלה'ס רעצעפּטען אויף רואה ואינו נראָה'ס; ליב שרה'סים ווערען נישט געבווירען, פון אוצרות הערט מען נישט, און כשר'ע מציאה, וואָס זענען אַמאָל אַ האַלבע פרנסה געוועזען, פיהרען היינט גלייך אין קרימינאַל אַריין...

אוים ראָמאַנטיק! אוים פּאָעזיע! דאָס לעבען איז טרוקען און פּאָסטנע!

עס ווייזען זיך אפילו אַמאָל עאוסאַפיעס פיס אויפ'ן אָרט פון שדים; פון טהייל נשמות ווערען אפילו טיש־פויקער און מען וואָלט מיט דער צייט פון זיי שוהל־קלאַפּער געמאַכט, אויפ'ן אָרט פון איין „משיח־צדקנו" האָבען מיר אפילו אַ סך, אַ סך אַזוינע, וואָס ווילען אונז אַרויסשלעפּען פון גלות... עס איז אָבער דאָך נישט דאָס!

עאוסאַפּיעס פּוס חאַפּט מען גאַנץ אָפט וואו מען דאַרף נישט; גוטע שטעלען האָבען נור יחידי סגולה, קוים איינס פראָ־מיל פון אַלע טעלער־לעקער! און די משיח'לעך זענען שוין, ווי מען זאָגט אין שוסטער גאַס; ווי נור אַ ישיבה־בחור לערנט ער זיך רייטען אויף — — דער כנסת ישראל...

עפּעס רעכטס זעהט מען נישט!

„נייע צייטען, נייע פייגעל, נייע ליעדער"!—

די ליטעראַטור. האָבען מיר אַ קימאַ-לן, איז אַ שפּיגעל פאַרן לעבען; זי בעשאַפט נישט קיין נייעס. ווער עס קוקט אַריין, דער קומט אַרויס; אַ רב, אַ בדחן, אַ גביר, אַ בטלן, אַ קאַץ אפילו, אַלס קומט אַרויס כהויה; און דעראיבער איז קיין וואונדער נישט, אַז מיט דער נייער צייט איז אין דער העבּראישער ליטעראַטור אַ מרידה געוואָרען און מען האָט אַ געשריי געטהון „ר ע אַ ל י ז ם!"

אוים ראָמאַנטיק! אוים פּאָעזיע!

אַז עס איז אַ שטורם-ווינד אויפ'ן ים, אַז דער ים שפּייט שוין אפילו מיט פּאַליעס דעם הימעל אין פּנים אַריין, אַז עס טאָפּיען שוין שיפען און גייהען אונטער ווי בליי... ציטערט נאָך אַלס נישט דאָס קליינע ביסעל לופט אין'ם ענגען שפּאַלט פון פעלזען, וואו די ווייבע מאַליוסקע *) האָט זיך בעהאַלטען. זי ליגט זיך רוהיג אין בנעימות אין איהר הייזעל וואָס וואַקסט מיט איהר צוזאַמען; נור שפּעטער — ערשט גאָר שפּעט, ווען דער ים איז שוין צוריק רוהיג ווי אַ שפּיגעל, עס שווימען שוין נייע שטאָלצע שיפען, מיט נייע מאַטשטען, נייע פּעהנער — דעמאָלט ערשט גנבית זיך אַריין קוים אַ בלאַז אין דער מאַליוסקעס הייזעל! דעמעלט ערשט ווערט זי פערציטערט, און שטעקט אַרויס דען ווייסען קאָפּף מיט די גרוים-נאַרישע אויגען, צו זעהען: וואָס פאַר אַ שטורם-ווינד עס וויל איהר חרוב ונחרב מאַכען דאָס הויז!

אין שוסטער גאַס, טרעפט זיך, האָט מען שוין אין אַ ניי'ס פּערגעסען, און זי האָט זיך אַלס נאָך נישט אַריין געגנבעט צום תפוס אונטער שלאָס און ריעגעל! און נישט איינמאָל געשיהט, אַז בשעת ווען דער אָרימער תפוס טאַנצט פאַר פרייד,

---

*) ווייב מהיר, הלזון.

אַז דער „נביא" איז געבווירען געוואָרען, זענען שוין קיה און קעלבער מעלה-גרה דאָס גראָז אויף'ן נביא'ס קבר!

אָדער — למשל — איישישאָק! ווען ווערט דאָרט מאָדע אַ הוט?

ווען ער ליגט שוין אין פאַריז אין מיסט-קאַסטען...

ביי גאָט קען מען קיין שאלות נישט פרעגען; אַזאַ מזל האָבען שוין: די מאַליוסקע אינ'ם שפּאַלט פון פעלזען, דער אַרעסטאַנט אונטער שלאָס און ריגעל, און דאָס פּראַנטיל, דאָס גיגעריל אין איישישאָק!

אַזאַ מזל האָט שוין אויך אונזער „אַלטע מאַמע" — די העבראַישע ליטעראַטור...

בשעת ווען מען האָט אין אונזער „אַלטען הייזעל פון עק", אַ געשריי געטהון: „רעאַליזם" און די אַלטע ווענד מיט פּוסבאָדען און סופית, מיט די איינוואָהנער בכלל, האָט געחאַפּט אַ ציטער. האָבען שוין אַנדערע גליקליכערע ליטעראַטורען דען רעאַליזם איבערגעלאָזט פון הינטען... זיי זענען שוין אפילו אַריבער איבער מאַטעריאַליזם, דעקאַדענטיזם און סימבאַליזם און ציעצקען זיך שוין מיט אַ נייעם בן-זקונים — מיט אָקולטיזם, נור ער האָט אויך עפּעס אַ גרין פּנים, ציהט ווייניג ביי דער ברוסט, און וועט זיך אויך לאַנג נישט האַלטען...

וואָס וועט זיין נאָך אָקולטיזם? אָדער: וואָס בעטייטען די שמות הקדושים, די אַלע „איזמען"? פרעגט ביי וועמען איהר ווילט, נור מיך לאָזט צו רוה, איך מיין אַז „די לצרה בשעתה", *) ווען זיי וועלען מאָדע ווערען ביי אונז, ווען עס וועט אַ ניי ליטעראַריש גיגעריל אָדער אַ מאַליוסקע אַרויף-שפּרינגען אויפ'ן אַלטען דעכעל מיט אַ גאָלדען שופר'ל און זיסען מיילעכיל אין אַ בלאָז געבען דער כנסת ישראל אַ נייען „משיח-צדקנו", אַ נייען „איזם"!

נור נישט אין דעם שטעקט דער קאַמיזם!

---

*) עס וועט צייט זיין ווען די צרה וועט קומען.

דער עקר קאָמיש איז דאָס, וואָס דען נייען ליטעראַרישען טעסטאַמענט האָט אונז געברענגט בן אביגדור!

וועגען בן אביגדור'ן איז דער עולם מחולק; דובנאָוו און וואָסראָ־ און בן דוד אין המליץ האָבען זיך די לונגען געריהרט און אויסגעבלאָזען בן אביגדור'ן ווי אַ לונג־און־לעבער; געמאַכט פונ'ם לכל הפחות אַ וויקטאָר הוגא! (דער אַלטער זאָל מיר עס מוחל זיין, אויב ער דרייט זיך איבער אין קבר), דער רעשט עולם און דער עקר „אונזערע" גרויסע און קליינע נאָוועליסטען, אָדער — אָפען גערעדט — דאָס מיסט, וואָס בן אביגדור'ס בעזעם האָט אַרויסגעוואָרפען פון שטאַל, וואָלטען איהן פערזייפט אין אַ לעפעל וואַרים וואַסער! זיי זענען כופרים בעקר אין זיין טאַלענט... דער אמת ליגט דאָ אויך אין דער מיט: בן אביגדור'ס מוזע איז אַ גוטע ליטעראַרישע היהן, וואָס לייגט אַלע טאָג כמעט איין איי... פון די אייער וועט קיין לעבענדיגע זאַך נישט אַרויס, ווייל זיי זענען פון בלויס רייבען זיך אין אַחד העם'ס וואַנד... נור דאָס זענען דאָך אייער, נישט קיילעכלעך פון ערד אָדער פערדס־מיסט, אין וועלכע אונזער ליטעראַרישע רשעים לייגען זייערע מיקראָסקאָפישע אייערליך... בן אביגדור האָט טאַלענט, עס פעהלט איהר נור בילדונג... ער איז אייגענטליך נאָך יונג, ער וואָלט צייט געהאַט זיך אויסצובילדען, נור די מוכרי־ספרים לאָזען נישט, זיי זאָגען אַז קיין בעסערע סחורה דאַרף מען נישט... אַז פאַר בעסערע לייזט מען נישט... נור נישט אין דעם נייהט עס... דאָס קאָמישע איז, אַז צווישען אַלע אייער, וואָס בן אביגדור'ס מוזע האָט ביז אַהער געלייגט, איז נאָך קיין איינציג רעאַליסטיש איי נישט געוועזען און עס וועט נישט זיין, וואָרען בן אביגדור איז בטבע אַ פערחלומטער אידילסט, — אַ אידעאַלנע־נאַציאָנאַלע־פאָלעסטיניעץ... בטבע האַפט ער זיפצען אין דער לופט; דערביי האָט ער שוין אַזוינע אויערען, אַז ער הערט ווי וועלדער דאַווינען, אָדער ווי משה רבינו דרשענט אַ לאַ „אחד העם"...

נו, אדרבא, שטעלט אייך פאָר אַ רעאַליסט, וואָס איז זיך

נישט מיישב און רייסט אויס פון דער יודיש־הישפּאַנישער געשיכטע איין אַלטען אויסגעקראָכענעם לאַפּען פון אַ פעלץ, און פוצט און וואַשט איהם אויס מיט ליבעראַלע אָרעקאָלאָן, שטרייכט איהם איבער אויף אַ היינט מאָדישען בעל־בתישען ביבער, און איז כופה הר כגיגית, און נייט דעם העלד, דעם אומגליקליך־געבוירענעם דן־מיגואל, ער זאָל דרשענען פיער הונדערט יאָהר צוריק אין הישפּאַניען אויף לאַסקערס אופ'ן, אָדער האַפּען היים־געבראַטענע ליבעראַלע בולבעס פון היינטיגען ווירבאָוו'ס מויל!.. בן אביגדור זאָל זיין אַ רעאַליסט, וואָלט ער אפילו ביי וועניג בילדונג דאָס, עכ"פ, פערשאַגען, אַז פאַר פיער הונדערט יאָהר איז צו פריה, און היינט ווייטער, אויב די צייט איז נור כנגד המזיקין, איז שוין צו שפּעט צו קאָרמען דעם עולם מיט דער פראַזעאָלאָגישער סיעצקע...

אָדער: שטעלט אייך פאַר אַ רעאַליסט, וואָס שטעלט אויף אַ בריי, אויסצופּאַשען פּאַלעסטינצעס לויט אחד העם'ס רעצעפּט, אויף קלייען פון רעקענדאָרפס יודיש־היסטאָרישע ערצעהלונגען, וואָס זענען (צווישען אונז געשמועסט) אַזוי עהנליך צו דער יודישער, ווי „לפני ארבע מאות שנה" צו דער יודיש־הישפּאַנישער געשיכטע!

דער אייגענער בן אביגדור דרוקט „דניאל דירונדו"— אַ גלאָז אידעאַלנע־נאַציאָנאַלנע גאָגעל־מאָגעל! ער דרוקט: סמועלים שירים, וואו דער „פּאָעט" טענ'עט זיך אויס מיט די פּאַליעס אַזוי ראָמאַנטיש־בטלניש־פּהילאָזאָפיש, אַז אָדם הבהן וואָלט איהן מקנא געוועזען; פרישמאַן'ס פּאָעטיש־ראָמאַנטישע נאָכווייהען, וואו מתים האָבען שוין נישט מעהר וואָס צו טהון, נור צו רופען האַלבער־נאַכט אין שוהל אַריין עולה תורה צו זיין אַ יודישען פערליעבטען משורר!

דער אייגענער בן אביגדור אידעאַליזירט אַזוי פיין דאָס קליינחנ'עווידיגע מיילעכל פון מנחם הסופר'ס ווייבס שוך, אַז עס האַפּט אָן ביי'ם האַרץ!

בן אביגדור איז דוקא, לויט ווי איך קען איהן, איין עהרליכער מאַן! ער איז נ י ש ט — דאַכט זיך — אחד בפה ואחד

בלב... און אָט אין דעם שטעקט דער אמת'ער קאָמיזם, אין דעם, וואָס בן אביגדור נעבעך האָט זיך אַליין געוואָרפען אַ שטיין אין וועג אַריין, איבער וועלכען ער שטרויכעלט אויף יעדען שריט און טריט!

„שרייבט פון לעבען!" רופט דער הערויסגעבער פון „אפרים קוה", אָדער דער מחבר פון „אַהבה וחובה", וואָס שיקט זיין העלד שטודירען קיין אַמעריקאַ און לאָסט איהן צו זיין הים־געליבטער קיין בריעף נישט שרייבען, ביז עס איז נישט צו שפּעט, ביז זי שטאַרבט נישט מיט'ן בריעף אין דער האַנד אויף איין אָבצערונג!

„פאָטאָגראַפירט, שטודירט דאָס לעבען, וואָס איז אַרום אייך, לאָז אַייך נישט חלומען"... אַזאַ רעצעפּט פערשרייבט דער מחבר פון „מנחם הסופר", פונ'ם אומגליקליכען קליינעם אייזעלע, וואָס ליעגט נעביך דערדריקט אונטער דער אונגעהייערער משאָ פון דער רעאַליסטישער טענדענץ, אַז מען זעהט איהם קיין פיצעל פון די אידעאַלנע, גרויסגעוואַכסענע אויערלעך נישט אַרוים!..

אַ מענש טהוט זיך נור אַליין!

נור וואָס קומט אַרוים אַז עס איז קאָמיש? „אין אחרי מעשה ב"ד כלום"! *) בן אביגדור איז אַ „פוסק", די ליטעראַרישע לעצטע אינסטאַנץ... און „רעאַליזם" איז ערגער ווי אַ דין אין שלחן ערוך!

נאַטירליך האָט אַ שטר אַ שובר, פּראָצענט — אַ היתר עסקאָ, פסח — מכירת־חמץ, שבת — ערובין, און דער דין אין שלחן ערוך, וואָס דאַכט זיך, ער שטייט ווי אַ מויער, האָט פאָרט איין אונטער־וועגעל עכ"פ „אַ יוצא מן הכלל" **)... דער דין פון רעאַליזם האָט'ן אויך אַ „ווילאַזקע".

*) אַז דאָס בית דין (סאָנד) האָט אָבגעטהון איז פערפאַלען.

**) אויסנאָם.

ער איז נישט נהג, למשל, ביי חשבונות פון חובבי ציון ביי נאַכריכטען איבער די קאָלאָניעס, ביי'ם בעשרייבען זייער בעשטאַנד... דאָס חלק „ליטעראַטור", גערעאָטה דוקא אַם בעסטע פון דער וויטענס! און דערביי מוז עס געשריבען ווערען מיט אידעאַלנע־רויטלעך־פרייליכע טינט!

נאָך מעהר — וואָס וויטער דער שרייבער איז פון אָרט איז אַלס בעסער!

גוט שרייבט זיך פון אַדעס, בעסער — פון וואַרשוי, וואהל — פון דינאַבורג, גאָר גוט פון איישישאָק און אַם־בעסטען נאָך וואָלט געוועזען פון אונטער די הרי חשך! פון דער וויטענס מישען זיך אוים דער „אָ"ח" און „ל"ח" *); אין דער „הכנסה" בעשיינען ראָטשילדס קאָלאָניעס די הובבי־ציוניש; פון דער וויטענס איז שווער צו בעמערקען, אַז די הוצאה איז „כל ישראל'ס" אויסער ראָטשילדען, און דער גאַנצער אינווענטאַר איז ראָטשילדס אויסער כל ישראל... פון דער וויטענס מאַכט די חובבי־ציוניש אייזערנע קאַסע אויך ניט קיין שלעכטען איינדרוק; על כל פנים איז נישט מעגליך צו דערזעהן קיין שפּאַרע, קיין לעכעל, אַריין צו שטעקען אַ מינדסטען פינגער... פון דער וויטענס זעהט מען אפילו נישט ווער עס שרייט «Мы пахали», דער אָקס אַליין, אָדער די פליגען צווישען זיינע הערנער, און דער עקר איז יעדער מעקלער ביי קאָלאָניעס — פון דער וויטענס אַ הייסער פּאַטריאָט, דער טערק אַ דימאַנט, דער אַראַבער — אַ ווידענע בריאָה און אַלע אונזערע קאָלאָניסטען זענען לכל הפחות גבורים ווי די מאַקאַבעער און אָט, אָט וועט זיין נאָך אַ מאָל די קונץ מיט'ן בוימעל!

קומסט דו אָבער נעזהנטער — זאָל גאָט שומר ומציל זיין אַלע חושים נאַרען דיך אָב! די קאַסע, דאַכט זיך דיר, איז געמאַכט „מעשה רשת". ד. ה. אַ נעץ מיט גרויסע אויגען, און די „מתעסקים בצרכי הצבור" האָבען פינגער גלייך מיט אַלע מענשען! די ביסט חלילה קיינעם נישט חושד, נור ראָך ווערט

*) אני חייב, לי חייב.

דיר מאַרקאָטנע אויפ'ן האַרץ, און מהיול מאָל הייבט דיר אָן אַזוי צו שווינדלען פאַר די אויגען, אַז פון „מעשה רשת" ווערט גאַר אַ שפּינוועבס, און דו זעהסט אין דער האַליוצינאַציע: עטליכע גרויסע שפּינען און גאַנצע הורמעס ישראַליקלעך בצורת אָרימע אויסגעזויגטע... פּגרים'לעך פון פליגען... דו רייסט דיך אַוועק פון דער קאַסע און בעטראַכטסט דעם גרויסען פּאַטריאָט, דעם קאָלאָניסטען-מעקלער, דעם גענעראַלנע עצה-געבער, און האָסט ווייטער אַ טעות, און דו וואָלסט געשוואָרען, אַז דאָס איז יוסי-ריבלינס אַ לייבליכער ברודער!

דער טערק פערליערט אויך דעם חן אין דיינע אויגען; ער שמייסט מיט'ן באַמבוס אין דער פּאָדעשווע און צאַפּט מיט'ן „באַקשיש" דאָס בלוט פון די אָדערן... דער אַראַבער, די ויידענע בריאָה, זעהט דיר אויס, רחמנא לצלן, ווי אַ געפעהרליכער רוצחישער גנב, און אונזערע מאַקאַבעער — כהויה, גלייך זיי וואָלטען געלעגען אונטער די בעטען!

נור ווי קומט רעאַליזם צו חובבי ציון און פּאַלעסטינאַ? אַזאַ צווילינג קען נור געבוירען ווערען אין מנחם הסופר'ס קראַנקען מוח... פּאַלעסטינאַ איז פּאַלעסטינאַ און רעאַליזם איז נור נוהג ביי נאָוועלען... נאַטירלעך נישט יעביצעס, ווייל ער שרייבט נאָוועלען אויך פון פּאַלעסטינאַ...

נור מיינט נישט אַז רעאַליזם, האָטש ער איז נור נהג ביי נאָוועלען, איז אַ קלייניגקייט! אמת איז, אַז אין דער התחלה האָט זיך אַלע אַזוי געדאַכט!

— מאַי כולי האַי — האָט מען געזאָגט — זאָל זיין רעאַליזם! אַבי מען פערלאַנגט נור נישט קיין טאַלענט, אפילו קיין „לשון", קיין „מליצה", אפילו קיין גראַמאַטיק נישט, און צאָהלען, קען זיין ווען מען, וועט איבער „רעאַליזם" קיין שידוך נישט אָבנייהן!

פערקעהרט — מיט'ן גרעסטען פערגניגען! „לא בשמים היא" — רעאַליזם דאַרף קיין הימעל נישט, „ולא מעבר לים" —

מען דאַרף נישט ווייט צו קריכען; מען דאַרף גאָר נישט ליעב האָבען, נישט פיינט האָבען, מען דאַרף קיין צוועק, קיין תכלית! אַלעס איז גוט, אַרום און אַרום ליגען טעמאַטען ווי האָלץ! וואָ דו ביסט, וואָס דו זעהסט — בעשרייב!

וואהנסט דו, למשל, אין ווילנאָ — בעשרייב די בלאָטע! ליגסט דו אין בית־המדרש אונטערן אויבען — שטודיער די טאַראַקאַנים, אָדער — די שמש'טע, וואָס שענקט אַריין דורכען פענסטעריל! ווער עס קען אַ בוגרות, אַ גרושה, איין אַלמנה, שוועסטער, וואָס רייסען איינע ביי דער אַנדערער אוים די חתנים, לעהרער, וואָס האָבען שוין מזל און ברכה ביי אַלע גענז און ווערן בשעת הדחק חולקים אויף בעלאַמי, זאָל בעשרייבען! דערביי ווערט מען נאָך אַ ביסעלע פרייער, עס איז כמעט אַ הפקר־וועלט, ווילסט דו — שטעקט אַ „פאָליסמען" אַרונטער די האַנד, וואָ מען דאַרף נישט — לית דין ולית דין!

עס איז אָבער אַ טעות געוועזען! רעאַליזם איז פאַר אונזערע ברידער „איין עבודת הפרך"! און — נאָך אַלע טייבען שוויים, נאָב'ן גאַנצען מיה און מאַטער — איז נאָך פון רעאַליסטישען ליים קיין איינציגער רעכטער ציגעל צום העבראישען „פתום ורעמסס" נישט אַרוים! פראָסט — עס קלעבט זיך נישט!

עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז עס איז לייכטער אָנצושיטען אַ געלעכערטען זאַק מיט הוילע מליצות, קלוג צו ווערען פון ליפערטען אין פרישמאַנ'ס איבערזעצונג, צו טרעפען למשל ווי פיעל פינגער עס האָט אין יעדער האַנד די פרישמאַן־ליפערטישע חיה, וואָס האָט פיער הענד און — מיט צעהן פינגער מעהר פאַר אַ מענש;

אַז עס איז לייכטער אוים צו שלאָגען אַ טראָפּען אידעע פון אַלע זינגערס אַרטיקעל און ראָמאַנען, אויסצוזוכען אַ קאָרן אין די גאַנצע קערץ פון זיינע קריטישע פלעוועס. אַז עס איז לייכטער אַוועק צו גנבה'נען ביי פראַנצאָזען אַ „יזכור", אַוועק צו שלעפען ביי גי־די־מאָפּאַסאַן די „לעצטע פראַנצעזישע לעקציע" אין עלזאַסלאָטאַרינגען אונטער דער פריסישער ממשלה און איבער מאַכען פון איהר אַ „לעצטע העבראישע

לעקציאָן" נאָכ'ן חורבן אונטערן ר ע מ י ש ע ן י אָ ך, אָדער — אַז עס איז לייכטער אין אַ גאַנץ קורצע צייט צו פערניכטען, אויב מען האָט, זיין אייגען שטיקל טאַלענט און בלייבען, למשל, ביי היינעם פערזענ־מאַאס, אָהן אַ רוח פון זיין פּאָעזיע בפרט, און אָהן אַ אידעע בכלל... אַז עס איז לייכטער אפילו אויפצושטעלען אַ בנין, אַ גאַנצען „סיסטעם" פון בע"שט'ס חלומות אָדער צו דרייען אַ קריטישע בייטש פון בן־אבינדור'ס זאַמדיגע ביכלעך — אַז דאָס אַלעס איז לייכטער איידער אויפצושרייבען די קלענסטע רעאַליסטישע נאָוועלע!

און נישט נור בן־אבינדור איז איבער דעם שטיין, וואָס ער האָט זיך אַליין אויפ'ן וועג געוואָרפען, געפאַלען...

סאַמועלי איז אַריין אין בדחנות איבער די אויער'ן און חאָטש זיי זענען, ב"ה, גענוג לאַנג, וועט איהם שוין קיינער נישט פון דעם זומפ ניט אַרויס שלעפען... יעדעם וואָרט שמעקט נאָך פורים־שפּיעל, חתונה־גראַמען, נאָך „אליקום צונזער"... נישט בעסער איז טאַוויאָוען געראָטהען; דער אייגענער טאַוויאָוו, וואָס האָט זוכה געוועזען צו הערען מיט זיינע אייגענע אויער'ן פון אַזוינע, וואָס האָבען זיך געשטויסען פון באַראָן הירש'ס רייד, אַז זיין גאַנצער צוועק איז נור צו מאַכען גוים פון יודען, און אַז זונגער האָט דאַגעגען פּראָטעסטירט, האָט ער (טאַוויאָוו מיין איך) אויף איהם געפּעגט אַ מויל, און שיער ניט איינגעשלונגען, דער אייגענער גבור געבאַך, איז אויך אַריין געפאַלען אין בטלנישען בדחנות, און באַלד דערנאָך, אינ'ם „מים שלנו", אינ'ם עפּוש פון אונזער היימיש געבאַקענער פּסיהאָלאָגישער פהילאָזאָפיע, און דוקא מיט'ן קאָפּ אַראָב... אפשר גלייבט איהר נישט? נאָט אייך: אין זיין „השדכנות בתור שדכן" מאַכט איינער מטעמים פאַר'ן „המליץ" — אַרטיקל מיט האַרץ און מיט פייער, און שרייבט אונטער נישט זיך, נור, טאַוויאָוען צו ליעב, זיין דרייצעהנ־יעהריגע טאָכטער! אין די אַרטיקלען פערליעבט זיך אַ יונגער

מאַן, האָט חתונה מיט'ן שרייבער'ס טאָכטער, און דער היוצא לנו מזה זאָל זיין: אז ווען מיידלעך זאָלען לעזען העברעאיש, וואָלטען בחורים בעסער געשריבען... נישט קיין בעסערן סוף האָט געהאַט זיין געגען־צד, זינגער! דער איינגענער זינגער, וואָס איז שיער נישט אומגעקומען על קדוש השם, ווען נישט וואָס טראַכטמאַן האָט איהם קוים אַרויסגעשלעפּט ביי די שפּיצפינגער פון די פיס פון טאַוויאָוו'ס מויל, האָט אויך געפּרובט זיין כח אין רעאַליזם!

ער האָט אויפגעשריבען אַ „קרבן היום"! אַ מעשה גאָר אַ קורצע, אויף צוויי־ערליי פּאַפּיער: וועלין און פּראָסטע, און גאַנץ שיינע דרוק.

צוויי מחותנים קומען זיך צוזאַמען שמועסען מכח איין אָנגעשלאָגענעם שידוך. קריעת ים סוף האָט דער שדכן געהאַט, איידער ער האָט זיי, די סוחרים (וואָס האָבען קוים אַ דראַכמע צייט און ווילען גאַנצע פודען כבוד) צוזאַמען געשלעפּט, און צו'ם סוף, אַז דאָס נס איז איהם שוין, דעם אָרימען שדכן, געראָטהען, אַז מזרח ומערב זענען זיך שוין צוזאַמען געקומען לפונדק אחד, האָט זיך געמאַכט צווישען די מחותנים אַ וכוח מכח... נו, טרעפט מכח וואָס?

— מכח נדן?

ניין!

— מלבושים?

אויך נישט!

— קעסט?

איהר קריכט שוין גאָר אין אַ זייט! איהר וועט שוין נישט טרעפען, זעה איך, וואָס אַ רעאַליסט האָט אין זין! דער וכוח איז דוקא מכח אַרגענטינאַ און פּאַלעסטינאַ; איין מחותן האַלט מיט'ן באַראָן הירש, און דער צווייטער האַלט זיך אין דער סטאַדע, און באַרעט זיך פאַר בן־אביגדור'ן, טאַוויאָווען, יהלל'ן, יעבצ'ן, צעדערבוימען, גמזו'ן מיט'ן „הנדיב הידוע", ראָטשילדען צוזאַמען; ער וויל נישט שמעקען צו אַרגענטינאַ! האָלעריקעס, אַ פּנים, זענען זיי ביידע געוועזען: אַוואָרט צו'ן

אַ וואָרט, זיי האָבען זיך צו קריגט, צוזידעלט גלייך מיט וויסבּרעמ׳ס גבורים, אפשר זיך נאָך צו פּאַטשט... און — און טאָמער וועט איהר, על כל פנים, טרעפען וואָס דער סוף איז געוועזען?

— דער שידוך איז אָבגעגאַנגען?

נאָך ווייניג!

— עס האָט איינער דעם אַנדערן געמסר׳ט?

איהר פערקריכט ווייטער אין אַ זייט!

— אַ מעסער אַריין געשטאָכען?

אַח, איהר האָט גאָר קיין געפיהל נישט אין רעאַליזם!

— וואָס דען?

דער שדכן איז געשטאָרבען! פערשטייט איהר: ער איז זיך אַזוי אָנגעלאָפען, אָנגעיאָגט, און הונגעריג איז ער געוועזען, און זינגער האָט נישט געוואוסט מיט וואָס צו ענדיגען, איז ער נעבאַך, דער שדכן מיין איך, געשטאָרבען; ברוך דיין אמת, איבער געלאָזט אַ ווייב מיט קינדער...

און זעהט אַליין: דאַכט זיך גאָר פשוט׳ע זאַכען: פּאַלעסטינאַ און אַרגענטינאַ, אַ וכוח דעריבער, מחותנים, אַ שדכן... סאַמע רעאַליזם, און די מעשה שמעקט פאָרט פון אַלטען שוויצבאָד...

אפשר ווילט איהר וויסען ווי אַזוי אונזערע פריש געבאַקענע רעאַליסטען מאָהלען נקבה׳שע שענהייטען? נאַט אייך:

אַ פרוי אַ יונגע, אַ פיער און־צוואַנציג יעהריגע, אַ הויך געוואַקסענע און אַ דאַר־לייבּיגע; איהר פנים איז ווייס און אויפ׳ן ווייסקייט פון די בלאַסע באַקען בעווייזען זיך דאָ און דאָרט (פה ושם!) זון=פלעקען (זומער־שפּרענקאַלעך); איהר ברייטע נאָז בעשיינט און בע׳חנ׳ט איהר פנים און איהרע (דער נאָז׳ס)ביידע נאָזלעכער זענען ווי גליסטיגער (נחמד) רוזען=בעכער. איהרע (דער מויד׳ס) אויגען זענען שוואַרץ און פלאַמענדיג און דורך זיי קוקט אַרויס אַ ויעדענדיגע (רותחת) נשמה און אַ האַרץ פול מיט לעבען... איהר מויל איז קליין און די ליפּען איהרע זענען פולע און ברייטע און רויטע ווי בלוט... איהר

וויסער און מאָגערער האַלז איז אָפען (מגולה), זי טראָגט אַ שלאָף־קלייד (שלמת שנה)...

אַט האָט איהר, און זייט מודה, אַז „רעאַליזם" איז פאַר אונז מחברים אַ קלאָץ דעם האַלז צו ברעכען!

און עס איז אַ רחמנות אויף אונזערע מחברים, אויף אונזערע אָרימע נאָוועליסטען!

אונזערע אַריסטאָקראַטען, די רעדאַקטאָרען מיין איך, עקספּלאָאַטירען זיי ערגער ווי דער ערגסטער פּערציייטישער פריץ — דעם פויער, ערגער ווי פּרעה! פאַר אונז איז די ליטעראַטור נישט קיין קוה און נישט קיין ציג, זי גיט קיין איינציגען טראָפּען מילך, פייכט צו מאַכען די פּאָעטיש פערברענטע ליפּען. זי איז קיין „קרדום לחפור בו", מען זאָל פון איהר חאָטש האָבען וואַסער אויף קאַשע, און אויסער צוויי דריי „מולים", וואָס האָבען, אָדער עס דאַכט זיך אַז זיי האָבען, פרנסה בכבוד, קען אפילו דער בעריהמטער מנחם הסופר זיין ווייב די שיך נישט פעריכטען! נאָך וואָס אַרבייט מען? אויף וואָס האָרעוועט מען? וואָלטען חאָטש אונזערע שרייבער געהאַט אַ אידעע, אין וועלכער זיי וואָלטען זיך פערליעבט, פאַר וועלכער זיי וואָלטען דאָס לעבען געשטרעקט, ביז'ן לעצטען טו־אָפּען בלוט זיך געראַנגעלט; אַ אידעאַל, וואָס וואָלט זיי געגעבען כח, דערפרישט דאָס פוילע בלוט, די אַלטע ביינער... דאָס האָבען זיי ליידער נישט! וואָרען — מיינט נישט, אַז „נאַציאָנאַליזם" מיט „פּאַלעסטינאַ" זענען מעהר ווי „טעמאַטען" צום שרייבען; מיינט נישט, אַז עס איז אַזוי ערענסט דערמיט... זיי שפּיעלען די איינענע ראָלע וואָס אַ „שרפה'לע", אַ „מחלוקת", אָדער איין אַנדערער ווינד, וואָס מאַכט זיך אין אונזער קליין גלעזעל וואַסער...

עבודת הפרך מיט'ן תנ"ך און צעהן ווערטער־ביכער אין דער האַנד, אַרבייט מען טאַקי נור פאַר'ן פּיצעלע כבוד? און פאַר דעם איינציגען טראָפּען אַמבראָזיאַ, פאַר'ן „החכם הסופר" ביים לעבען, און אַ שוואַרץ רעמיל אין „הצפירה" אָדער

„המליץ“ איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר, האָט מען נאָך די העזה צו פערלאַנגען — אַ חוץ צייט, טינט, פעדער און פּאַפּיער נאָך — רעאַליזם!

אַבּאָ! איז חאָטש געוועזען אַ רחמנות'דיגע קריטיק! די אַלטע גבאי'טע (וואָס מען האָט געקענט קונה זיין נישט נור בשלשה, נור בכמה וכמה דרכים) — האָט חאָטשע באמת צוגעטהיילט כבוד אויפ'ן אַרשין! און פאַר וואָס נישט? רחמנות איז אַ יודישע מדה, „כל ישראל ערבים זה בזה“, איז אַ יודישער כלל, וואָרען באמת — „זונות מפרכסות זו את זו, ת"ח לא כל שכן!“ און די אַלטיטשקע קוקט אַרויס פון ביהמ"ד, זי ווייסט עס און פאַר יעדען מחבר, פאַר יעדען ספר, האָט זי געוואוסט צו געפינען אַ וואָרים וואָרט, אַ לעבּליכע מליצה! —

די פרומע אַלטע גבאי'טע האָט מעהר נישט געוואוסט נור איין שפּרוך פאַר אַלע: „פּרו ורבו“; איין ברכה פאַר אַלע: ומלאו את הארץ! זאָל זיין וואַנצען, אַבּי לעבּענדיג צו מאַכען די אַלטע מאַמע... זאָל זיין עפּוש, אַבּי איהר אַריין צובלאָזען אין דער נאָז.

היינט, ליידער, ווערט דאָס אויך צו שאַנדען! אפילו קריטיקום דערמאָנט זיך, אַז „יזכור“ איז קאַרל עמיל פראַנצאָז'ס, הנ"ץ אין הצפירה — דאַרף נייטיג דערציילען, אַז ער האָט ערגיץ אַמאָל אין אַ דייטשען ספר געלעזען איין עהנליכעס צו „שכול ואלמון“, גראָסגליק ווערט גאָט'ס קאָזאַק און מוז אויסווייזען אַז „גלית הפלשתי“ איז אַ פּראָסטע פּאַשקוויל, און אפילו דער אייגענער זינגער, וואָס מיר האָבען איהם אַזוי הויך געלויבט, איז אויך ערשט נישט לאַנג אַרויס אין „הצפירה“ מיט אַ „דבר כל חזון“, וואו ער ווייִנט בדמעות שליש אויפ'ן חורבן: וואָס די מולי"ם זענען ווייניג געבילדעט, די מחברים — כמעט גאָר נישט, און די מעצענאַטען, וואָס שטיצען די ליטעראַטור — פּראָסטע בורים... און — איין — „איש־יהודה־קריאות“ (וואָס אַ נאָמען דאָס האָט!) ווייזט אויס אין „המליץ“, אַז דער אייגענער

זינגער האָט איבערגעדרוקט טאַוויאָווס אַ פעליעטאָן...
נו, איז מען היינט זיכער מיט'ן לעבען? עקט זיך נישט דער אַלטער גבאי'טעם וועלט?

נור די מחברים יאַק די מחברים, זיי וועלען זיך פאָרט איין עצה געבען און נישט פערלוירען ווערען אין דער רעאַליסטישער צייט... אמת אומגליקליך איז געבעך געוואָרען אַ מלאָך!

איהר מוסט וויסען אַז איינער פון „אונזערע" מחברים האָט געהאַט ביי זיך אַ שרף, אַ ברע:ענדיגען מלאָך, וואָס פלעגט אויפ'ן צו אַרבייטען ווי איין אייזעל; ער האָט איהם געמוזט דיקטירען אַרטיקלען, שירים, מליצות, קריטיקען און וואָס איהר ווילט נור אַליין... אַזוי האָט זיך געפיהרט אַ צייט, ביז מען האָט דעם קרוג אָבגעהאַקט די אויערען! ביז גאָט האָט געוואָלט, עס האָט געשאָסען אַ בעזעם, די רעאַליסטישע באָמבע איז אַריין אין אונזערע ד' אַמות, און — אונזער מחבר האָט אַרויס געטריבען דעם שרף אין מיט'ן ווינטער, אין אַ הינטיש וועטער. אַזוי ווי אַ בעל־עגלה טרייבט אַרויס איין אָבגעניצט אַלט פערד אָהן הויט, פלייש און ביינער!

דער שרף, נעבאַך, איז געגאַנגען פון טיהר צו טיהר, ביי אַלע מחברים זיך געבעטען, ביי די פיס געלעגען... „ואין מאסף אותו הביתה", עס לאָזט איהן קיינער נישט איבער דער שוועל! אוים „מלאָכים!", „רעאַליזם!" שרייט מען! מען ראָטה איהם, ער זאָל פליהען צוריק אין הימעל אַריין.

פליה! אַז ער איז פערשטאַרט פאַר קעלט; פליה! אַז די גאַסען־יונגען האָבען איהם דערווייל אויסגעריסען די פעדערן פון די אַמאָליגע ווייסע פליגעל! אין דער ווייכסעל אַריין האָט ער זיך געוואָלט וואַרפען; אַזוי פערצווייפעלט איז ער געוועזען!

און ער וואָלט עס געטהון, נור ער האָט צוויי מערבות

געהאַט: ערשטענס איז היינט די וויכסעל פערשטאַרט און געפרוירען ווי דעם פראָפעסאָר יוסף הלוי'ס פּאָעזיע, און צווייטענס האָב איך איהם געטראָפּען! איך האָב'ן מיט גענומען פאַר רחמנות אין „טאַניאַק" *) אַריין, געגעבען איהם אַביסעל הייסע זופּע מיט אַ לעבעל ברויט און פאַר דאָס געזעצט זיך אַביסל אויפ'ן רייטענדיג און געפלויגען איבער וואַרשויער דעכער פון אמת'ן „כלי־קודש"...

עס איז געוועזען ביי נאַכט (ביי טאָג וואָלט איך מיך געשעמט צו רייטען אויף אַזאַ אָבגעריסענע משונה'נע בריאָה) און פון „כלי־קדש" שלאָגט אַזאַ „ימש־חשך", אַזאַ פינסטערקייט, אַז איך האָב גאָר נישט געזעהען! נור פאַר דאָס — האָבען זיך מיינע אויערען געפּאַשעט! איך האָב אַ סך געהערט...

דער שרף איז געוואהנט געוואָרען צו פאָהרען מיט דער באַהן, צו קריכען אויף טרעפּ און האָט כמעט דאָס גאַנצע פליהען פערגעסען... דערצו איז ער נאָך מיעד און שוואַך! דעריבער שטעלט ער זיך אָב ביי יעדען קוימען, סאַפּעט און פראַאַכט און איך הער דערווייל אַ גוט וואָרט.

און איך בין צופרידען דערמיט! ווען עס איז אַ פרישער געזונטער מלאך, וואָלט ער מיט מיר אַרויף געשאָסען גלייך צום הימעל, איבער די זמאַרעס, איבער'ן רעגענבויגען, מיר וואָלטען געיאָגט אויף די מילך־שטראַסען, צווישען לבנה און שטערן.

איך בין מודה ומתודה, אַז איך אַליין, אַז איך אַלטער בבל פון דער אַלטער מאָדע, וואָס בין אַ פערפאַלענער ראָמאַנטיקער בטבע, וואָלט דערפון הנאָה געהאַט, אפילו נחת געשעפּט! נור וואָס וואָלט איך געהאַט פאַר אַ רעאַליסטישען ניצען דערפון? איך וועל פאַבריציערען ראָמאַנטיק און אידעאַליזם בשעת ווען בן־אביגדור שרייט: „רעאַליזם", זינגער רופט „חכמה"

---

*) אַ בילִיגע קיך.

און גאַנץ „קהל־הקודש“ וויל — — שטרוי און קלייען?! קיין איינציגער מוכר ספרים וואָלט היינט אַזוינס אין דער האַנד אַריין נישט גענומען, אפילו נישט אויף קאָמים מיט דריי פּייען!

מיט דעם שרף אָבער קלויב איך רעאַליסטישע שוואַרצע פּערל, אין דעם רייכען ריעס פון אַלע קוימען, פון זיי וועל איך בינדען אַ שנור אויפ'ן האַלז פאַר „אונזערע אָרימע ברידער“ פאַר'ן „יודישען פאָלק“ פאַר „כנסת ישראל“! עס וועט זיין אַ רעאַליסטישער ראָמאַן אין גראַמען, אָדער אָהן גראַמען, נור טאַקי אויף וועלין פּאַפּיר, דער רעאַליזם זאָל נאָך גרעבער זיין, דערצו בעל־בתיש געבונדען אין לעדער און דוקא מיט'ן גאָלדענעם שניט! זאָל דער עולם לעקען די פינגער!

נור דאָס אַלעם וועט זיין שפּעטער; חאַפּט נישט די פיש פאַר דער נעץ! אַצונד וועל איך אייך נור שאַרפען דעם אַפּעטיט מיט איין אחד מששים פון דעם גן עדן!..

פון די קוימען וועל איך אייך דערוויול פערציילען אַ בשורה טובה, וואָס וועט אייך דערפרישען דעם מאַרך אין די ביינער! עס וועט אייך הנאה טהון גלייך ווי מיר!

איך בין מודה ומתודה, אַז ביז אַהער האָב איך געמיינט, אַז די ליטעראַטור האָט גאָר קיין פעולה ניט אויף אונזערע לייט; אַז דער „קורא נכבד“ זאָגט „טי מאָוו, אַיאַ זדראָוו!“, אַז מיר שפּיעלען זיך נור און וואַרפען אַרבים אין וואַנד. עס האָט זיך אָבער אויסגעוויזען פון די קוימען אַז עס איז נישט אַזוי...

אינ'ם „הפרדס“ האָט אַחד העם געשריבען „שטיקלעך“, און אין איינעם פון די שטיקלעך האָט ער „אויסגעוויזען“, אַז אמונה איז בהויה אַ פּאַס; נאָך מעהר, אַז דער אַלטער כלל פון „אַל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו“ *) איז דאָ, ביי דעם פּאַס, נישט נוהג... דאָס פּאַס איז הייליג אפילו ווען דער וויין איז אויסגעוועפּט, אַפילו ווען אַ שענקער־אַשווינדלער האָט עס אָנגעגאָסען מיט וואַסער, אָדער מיט נאָך ערגערס...

*) קוק נישט אויפ'ן קרוג, נור אויף דעם, וואָס עס שטעקט אין איהם.

ווייל דער עיקר — זאָגט אחד העם — איז נישט די משקה, נור דאָס פאַס!

איך בין אייך נישט מחויב איבער צו ערצעהלען זיינע ראיות; ערשטענס איז נענוג אז „אחד העם" זאָגט, צווייטענס איז אויף אַזוינע בעווייזען נור לשון הקדש מיט איהרע אמת פהילאָזאָפיש-גליטשיגע אויסדריקע אַ לשון; בשעת ווען זשארגאָן מיט זיינע ווערטער, וואָס האָבען נור צו איינציגע טייטשען און דוקא — פעסטע, זיכערע, איז פאַר אַזוינע קונציגע צונגען-טענץ אַ לא יצלח; און דריטענס — ניט אין דעם בין איך דאָ אויסען! מיך און אייך דאַרף נור פרייען, אַז אַזוי ווי בן אביגדור איז אַ פוסק אין רעאַליזם, אַזוי איז „אחד העם" אַ פוסק אין פילאָסופיא, און זייט ער האָט געשריבען וועגען פאַס איז דער גאַנצער עולם פרום געוואָרען...

אַלע פרום! אויסגעשטאָרבען אַלע אַלטע אַפּיקורסים, אַלע אונזערע היימישע ביכנערס, דאַרווינס, ספּענצערס... קיין לעק און קיין זכר! אין אַלע קוימען רעדט מען נור פון גאָט ב"ה; אין קיין איינציגען קוימען האָב איך קיין איינציג וואָרט אָהן זיין ליעבען נאָמען נישט געהערט.

איך האָב מיך געשמאָלצען אין פוטער; עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך לעז נאָך אַמאָל דער בת מלכה'ס אַ ראָמאַן!

אין איין קוימען, למשל, הער איך:

— געלויבט איז גאָט, שוין געלד פערדיענט אין ארץ ישראל-אתרוגים!

אין צווייטען — הער איך פערקעהרט, נור אַלס מיט'ן רבונו של עולם!

— עס איז מיר, ב"ה, געראָטהען — איך האָב אָבגעריסען די פּטום'ס, אריין געפּאַקט די קאָרפיערער אין ארץ-ישראל קאַסטען, און — געלויבט איז זיין ליעבער נאָמען, אַ גאַנץ שיינעם יו"ט געמאַכט...

אין דריטען קוימען קלינגט:

— געלויבט איז גאָט, הו-ר-א, רבונו של עולם! אויס

באַגראַנאַוו! אונזערע פּאַפּיראָסען! ווייוואַט שלעמיעל-עט-קאָמפּאַניע, ווייוואַט!

און פּירטען:

— פון יעבצ'ן, געלויבט איז דער, וואָס איך בין נים ווערט זיין ליעבען נאָמען צו דערמאָנען, קען מען אויך שען פרנסה האָבען... עס איז אַ גאַנגבאַרע סחורה ווי שיר-המעלות'ן, תקונים'לעך, סליחות, להבדיל... תחינות...

— לעקציעס — הער איך און פינפטען — איז ב"ה דאָ, בפרט זיים איך האָב אויפגעהערט צו רייכערן אין שבת בפרהסיא... פון „כל ישראל חברים" לעקט מען אויך אָב אַ ביסל, גאָט ב"ה, זאָל נאָך צוריק געבען די סעקרעטאַרסטווע ביי חובבי ציון אָדער, אויב ניט, עכ"פ אַ שטעלע ביי'ם באַראָן הירש, וואָלט איך ערשט געלויבט און געדאַנקט זיין ליעבען נאָמען! איך וואָלט אפילו פאַר זעכס שעה קיין מליכינגס אין מויל אַריין נישט גענומען!

דער שרף גיט אַ ציטער, אַ פּנים פאַר קעלט, און מיר פליהען צו'ן איין אַנדערן קוימען:

„איך האָב געמיינט (הער איך) אַז עס איז מיין עק, דער הונגער דרייט אין די געדערם, קיין משכון צו פערזעצען איז נישט דאָ, קיין בטוח בין איך נישט... וואָס טהוט גאָט? גנבה'ע איך אַוועק אַ זילבערנען לעפעל..."

דער שרף גיט ווייטער אַ ציטער, נור שוין פאַר שרעק. אַזא ליאַרם, אַזאַ געפילדער האָט זיך ראַפּטום געמאַכט אין די גאַסען, און מיר זענען אַראָב געפאַלען פאַר גרויס פחד.

נאָך אינ'ם אַראָב פאַלען האָב איך שוין געהערט אין וואָס עס געהט: די רבנים אין ירושלים האָבען געמסר'ט בן יהודה'ן!

און דאָס אַראָב פאַלען האָט מיר הערצליך באַנג געטהון! נאָך וואָס, נאָך ווען? וואָס פאַר אַ נייעס איז דאָ געשעהן? איז דען נישט מסר'ן אַ יודישע זאַך? אברהם אָבינו'ס אייניקלעך זענען רחמנים בני רחמנים, מיט אייגענע הענד וועלען זיי קיין

עוף קיין קעפעל נישט אָב־דרייהען, דערצו דאַרף מען אַ ספעציאַלנע שוחט, אָבער — פאַר וואָס זאָל „ער" נישט קומען אויף אַנדערע הענד?

אמת, דער דין איז נישט אַזוי, מסר'ן, הייסט עס, טאָר מען נישט, נור ע"פ דין איז פראָצענט אויך נישט זעהר קיין כשר'ע זאַך און פון דעסטוועגען לעבען יודען און לאַבען, מאַכען קינדער חתונה פון ליחווע, זייערע ווייבער טראָגען דערוויל די משכנות און עס ווערט נישט קיין לאָך אין הימעל! און ווי אַזוי דען זאָל מען פטור ווערען אַ מיאוסען קאָנקורענט, אויסאַרבייטען זיך אַ שלישי, פטור ווערען פון אַ חוב, פערמאַכען איינעם דאָס מויל. ער זאָל נישט אויסזאָגען פון חדר, אָדער מבער זיין איין אַפיקורס, וואָס ברענגט אַלע מגפות אין אַריין־יודיש שטעדטעל אַריין? ווי אַזוי דען וועט מען פיהרען אַ מחלוקת איבער רבנים און שוחטים? אַ לאָך אין קאָפּ פון אַ שלחן־לייכטער היילט זיך אוים! אפשר בעשטעלען ביי קרופען צו ערגיץ אַנדערש ספעציאַלנע יודישע האַרמאַטען? נו, וואָס דען טהוט מען? אַדרבאָ, גיט אַ בעסער כלי־זיין! דער מענש האָט פאָרט נישט קיין קאַלט בלוט פון אַ פיש, און אפילו פיש שלינגען אויך איינם דאָס אַנדערע איין!.. און די אַלע וויטער, וואָס עס שטעלען זיך זיי האָהר און נעגעל קאַפויר, וואָס געמסרט האָבען דוקא רבנים און דוקא אין ירושלים, די אַלע געדענקען, אַ פנים, נור אין דעם, וואָס ירושלים איז געוועזען און קענען נור אונזערע היינטיגע, היגע רבנים אין די שטעדט, וואו אַ דין תורה פסק'ענט דער מיראָוואָי, שטאָדט־זאַכען געהער צו די „פני" אָדער „טובי", וואו דער רב האָט נור צו טהון מיט שאלות נשים און היהנער פיפקעס, אין וועלכען עס קאָנקורירט נאָך מיט איהם יעדער גמרא־מלמד; וואו דער רב לעבט דער עיקר פון מתנות לאביונים, יום טוב־פורים־חנוכה־חתונה־ און ברית־מילה־געלד; וואו דער עיקר איז דער טרפה'נער גראָשען פון שבת־שענק, הייבען און ליכט און דער כשר'ער עטאַט איז נור אַ צו־שפרונג צו דער פרנסה.

אמת איז, אַז אַמאָל אין ירושלים זענען קיין מוסרים

נישט געווען; מען האָט נישט געהאַט פאַר וועמען צו מסר'ן און — מען האָט נישט געדאַרפט, ווייל מיט מלקות און ארבע מיתות בית דין וואָלט דער גרעסטער טאָרקוואָמאַדאָ יוצא געווען! נור פאַר דאָס פריהער נאָך, אין מצרים, האָט מען דעם ערשטען משה רבינו'ן געמסר'ט! שפּעטער ווייטער, אין ירושלים שוין, אונטער דער ממשלה פון די רעמער, אין דער צייט פון די דייני גזרות, ווען אדמון איז אַ תנא געוואָרען, איז געשעהען די גרויסע הייליגע מסירה פאַר פּילאַטוס'ען!

דעמאָלט טאַקי האָט מען פערפלאַנצט דאָס הייליגע מסירה'לע, דאָס ביימעלע, פון וועלכען מיר האָבען אַ גאַנצען מיטעל-אַלטער די גוטע פּירות געגעסען... פּילאַטוס האָט זיך גיך און באַלד אָבגעוואַשען מיט איין מאָל און מיט ריין וואַסער די הענד און איז געבליעבען אַ נקי־כפּים עד היום הזה, און אונז האָט דאָס שוואַרצע מיטעל-אַלטער מיט אונזער אייגען בלוט הונדערטער מיט יאָהרען געוואַשען און — איין גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ פּנים מיר האָבען נאָך היינט!

און ווער האָט דעמאָלט געמסר'ט? אונזערע רבנים'ס עלטער-זיידעס; די פּרושים, די פערצייטישע רבנים, וואָס זענען שטענדיג לאָיאַל, גוט און פרום געווען; וואָס האָבען פערשאָלטען די בריונים, אַרויס געגנב'ט זיך אַלס טויטע דורך די טויערען צו די רעמער און, אַז זיי האָבען נושא חן געווען, נישט מעהר געבעטען, נור מען זאָל זיי איבער לאָזען דאָס רבנות, די ישיבות, די שטרייטלעך מיט די גזרות!

נאַטירליך — אַ היינטיגער רב, אַ כבד פּה, אַ בטלן, וואָס קען נישט קיין צורת מטבע, ווייל דאָס ווייב טהיילט איהם צו יעדען פרייטאָג אַ דרייער אויף טאַבאַק; דער תלמיד חכם שאין בו דעה, דער וואָס ציטערט פאַר שמש, קצב און בעדער און ליעגט אונטער'ן ערגסטען שניידערס צורישענג פּאָדעשווע, איז נישט געפעהרליך... מיט שופרות און חרמות שרעקט מען היינט קליינע קינדער, און מען טרעפט דערמיט, גלייך ווי מיט אַ כשר'ע מציאה, אין קרימינאַל אריין... נור מיינט נישט אַז אונזער רב איז בטבע אַזוי! אַז פון די

אַמאָליגע פרושים מיט נעגעל און באַקציין זענען לעטער געוואָרען, אַז אין אונזער וויינגאָרטען אויפ'ן גרונד פון „אתה בחרתנו", געמיסטיגט מיט נאַציאָנאַליזם, וואַכסען נישט קיין טאָרקוואָמאַדאָס! דאָס איז נור „Среда заѣдаетъ" און — גלייך מיט פאַפירנאָ'ס האָן אין „משלי הזמן" טענה'ט דאָס שטילסטע רב'ל, אונטער פיער אויגען מיט'ן רבונו של עולם, און פרעגט:

פאַר וואָס האָסט אונז נישט געגעבען
דיינע דונערן און בליצען?
אָח, וואָס העלפען שוואַכע דרשות
אָהן די נעגעליך מיט שפיצען?

גיב צוריק אונז דאָס גיהנם
דאָרטען אויבען, דאָ אויף דר'ערד!
גיב אונז מלקות, אַרבע מיתות,
העק און שטריק, שפיז און שווערד!

חאָטש אַ קליינע גיליאָטינע!
גיב אונז כח, נעגעל, הערנער!
וועל — מיר רייניגען דיין גאָרטען,
וועל מיר רייסען אוים די דערנער!

אָט, דאָ איז דער הונד בעגראָבען!

קיין איינציגע פיאַווקע וועט קיין איינציגען טראָפּען בלוט נישט אויסזייגען, כל זמן זי ליגט אין באַנקע... זי קלעבט זיך צו מיט'ן חנ'עוודיגען ווידעלע צו'ם גלאַטען גלאָז, און שאָקעלט זיך אַזוי אומשולדיג ריין, אַזוי גוט און פרום, אַז עס האַפּט אָן ביי'ם האַרץ! קיין צורת מטבע, קיין צוויי נישט ציילען! נור פריוו בינד אויף דאָס שטריקעל, נעם זי אַרויס פון תפיסה און שטעל זי דיר אויפ'ן לייב!

פריוווט גיט אונזערע רבנים די ממשלה אין די הענד אַריין, וועט איהר שוין זעהען, ווי אַזוי די פאַסטוכעס פאַשען די שאָף! און אפילו היינט, אין היינטיגען דור, דאָ ביי אונז, וואו דער רב האָט נור אַ פראַווע אויף קדושין, מילה און

אַ שטריימעל, האָט זיך דאָך געפונען אַ רב'ל, וואָס האָט אָבגעמסר'ט זיין אייגען קהל מיט כלל ישראל צוזאַמען: אַז אָהן רב, קיטעל און טלית שווערען אַלע יודעלאַך פאַלש, וואָרען... וואָרען אַז דער רב קומט צו דער שבועה חאַפּט ער אַ רובל פאַר'ן וועג!

נעהמט דאָס אייגענע רב'ל און שיקט עס איבער קיין ירושלים, גיט איהם אַ ממשלה איבער קהל דורך דער חלוקה, גיט איהם אַ שטיקל דעה ביי'ם טערק, וועט ער לייגען ראָטשילדען אין חרם אַריין פאַר שקאָלעס, פערשיקען אפילו יעבצ'ן אויף טירקיש־סיביר און מעשים טהון ווי די יודישע יאַנאַ ד'אַרק — די בריסקער רביצ'ן! ער וועט אפילו שותפות מאַכען מיט'ן טערק אין „עבודת הבורא"; דער טערק וועט שלאָגען מיט'ן באַמבוס אין דער פאָדעשווע אַריין פון הינטען אַרויף, דאָס רב'ל וועט קלאַפּען במקל ורצועה, מיט'ן שופר און שוהל־קלאַפּער, אין קאָפּ אַריין, פון אויבען אַראָב און אַזויערנאָך וועט זיך אַם בעסטען דערהאַלטען דאָס „פּינטעלע יוד" אינ'ם יודישען האַרץ אין דער מיט!

און וואָס שרייט איהר? איהר האָט אייך אויף ירושלים נישט גערעכט?

וואָס קענט איהר בעסער האָפען פון אַ שטאָדט, וואָס איז פון אייביגע דורות שוין אַ שפּוק־ און מיסט־קאַסטען, איין איזאָלאַציאָנס־שפּיטאָל פאַר אַלע יודישע קהלות אין דער גאַנצער וועלט געוואָרען? וואו נור אַ בטלן, איין אינטריגאַנט, אַ מאוסקייט, אַ בלינד געוואָרענער שוחט, אַ אָבגעשלאָגענער פּראָצעסניק, וואו נור אַ שנאָרער, אַ נגע, אַ צרעת, אַ קולאַק — אַ רביצ'ן, אַ משוגענער רב. אַלס וואָס „אין לו תקנה אלא קבורה"... דאָס אַלעס האָט מען אויסגעשפּיגען, אויסגעקעהרט און אַוועק געטריבען קיין ירושלים...

דאָ ביי אונז זענען טהייל אפילו נור פּראָסטע שוטים געוועזען, נור אַדרא דאַרין ישראל מהכים, ווערען זיי

מ ו ס ר י ם . . . אַז „אווירא דארץ ישראל מחכים“ איז נישט קיין הוילע וואַנד, נישט קיין אויסגעבלאָזען איי, האָט איהר דעם בעסטען סימן אין יעבצ'ן, דעם יודישען טרייטשקע אָדער אילאָוויסקי. . . דאָ, האָט מען פערשיעדען גערעדט איבער זיינע פעהיגקייטען, היינט איז שוין קיינער נישט מסופק, אַז דאָרט איז ער ערשט עכט קלוג געוואָרען. . . ער וועט שוין היינט קיין איינציג פיצעלע בלאָטע פון קלענסטען נענעלע פון דער כנסת ישראל'ס מינדסט פינגעריל נישט לאָזען אַראָב פאַלען, און — אויב דיא ירושלים־רבנים וועלען איהם אוים ל ו י ט ע ר קאָנקורענץ נ י ש ט ליינען אין חרם אַריין אָדער פערשיקען וואו דער טערקישער פעפער וואַכסט, וועט ער אַרוים וואַכסען אַ גאַנץ גרויסע קלוגע שפין, וואָס זיצט אַקוראַט אין ירושלים אין הארץ פון ארץ ישראל, וואָס איז טאַקי די מיט (על כל פנים) פון דער יודישער וועלט, און האַפּען פליגען מהודו ועד כוש — פון איישישאָק ביז האָציפּלאָץ. . . און אַז יעבץ איז קלוג געוואָרען וואָס דאַרף נאָך ווערען פון אמת'ע גמרא־קעפּלעך?

אומגעריכט פון ריינעם הימעל איז נור דער דונער אין די חובבי ציון אַריין! אַח, וויפיעל דאָס האָט געקאָסט, איידער דער רבנישער הימעל האָט זיך פאַר זיי אויסגעלייטערט און איז ריין און אויסגעשטערנט געוואָרען! צו דעם צוועק האָבען די „בני משה“ אָנגענומען אַ גרויסען יעזואיטישען שלחן־ערוך מיט'ן ה ו י פ ט־פאַראַגראַף: פרום צו זיין, כדי צו געפעלען דעם המון עם! סלוצקי, נעביך, האָט זיך געוואַשען אין דער בלאָטע פון רבנישע פים! עולי־רגל'ניקעס האָבען אונטערגעשריבען די „עהרליכע חשבונות“ פון דער „חלוקה“ אין ירושלים; מיט גרוים מיה און אויף אייגענע הוצאות, האָט מען אַרויף געשלעפּט אויפ'ן אייפעל־טהורם אַ קליין פערגעסען רב'ל און געמאַכט דערפון אַ רב־הכולל, אַ „גראַן־ראַבען“ מיט משה רבינו'ס פנים! אינ'ם ווערמאַנטישען „המליץ“ האָט מען שוין אפילו אָנגעהויבען צו שמיסען מכח איבער געבען אַלע חדרים, די גאַנצע ערציהונג

פון נייעם דור און אַלע קהל'שע עסקים אין רבנישע הענד אַריין, (חאָטש מיט'ן יעבץ און רעקענדאָרף קען מען יוצא זיין לכל הדעות)! מיט איין וואָרט — מען האָט אַלעס געטהון, די רבנים זאָלען זאָגען: „באָם!“ כדי די חובבי-ציון זאָלען האָבען „בים-באָם“! און די שעפסען זאָלען זיך שערען אום געבלעקט...

צו'ם סוף, נאַ!

די אַלטע יעזואיטען האָבען אַריין גענאַרט די נייע אין זאַק אַריין; בן יהודה זיצט תפוס, די פאַבריק פון לשון-קדש ווערטער איז פערמאַכט, און געה פרעג שאלות ביי גאָט!

נור מיינט נישט, חס ושלום, אַז איך וויל דאָ אַוכוח האָבען, אָדער נאָך אפשר גאָר מלחמה האַלטען, מיט די חובבי ציון; ערשטענס: מה אנו ומה חיינו? ווי קומט אַלץ צו שטעלען זיך מיט אַזוינע לייט, וואָס הערען דעם סולטאַן ווי די קאַץ, וואַרטען נישט אויף משיח'ן, בויען אַליין די פּאַפּיערענע בריק און זאָגען דער כנסת ישראל: בטלן, געה פּאַטש! און אייל דיך, וואָרען — קוים וועסט דו אַ ישוב האָבען, וועסט דו שוין קיינמאָל נישט פּאַטשען *)! צווייטענס בין איך אַליין אַ „חובב ציון“, חאָטש אויף איין אַנדערן אופן, דריטענס איז אין דער חברה, אויסער די „בני“ — נאָך דאָ די „בנות“ ציון, און זיי וואָלט, נישט נור אַ בייזער-לץ, נור אפילו דער גרעסטער אַנטיסעמיט געגלעט... פירטענס — און דאָס איז דער עקר — עס איז נישט פאַר מיין קאָפּ, נישט פאַר מיין כח!

איהר האָט אודאי געהערט, אַז פערצייטענס, אין דער ראָמאַנטישער אַלטער צייט, פלעגען זיין — אויסער די גוטע זאַכען, וואָס מיר האָבען אויסגערעכענט אין אָנהייב פעליעטאָן — נאָך פערכישופטע חיות ובהמות, וואָס פלעגען חרוב ונחרב מאַכען דערפער און שטעדט... פון צווייטען, פון מענשליכען צד, פלעגען ווייטער זיין אַמאָאַרען — העלדען, אַזוינע אמת'ע

---

*) וואָרט-ביי-וואָרט פון „בּוּרְנֵת“ אַרוים.

גבורים, וואָס פלעגען זיך מקריב זיין לטובת הכלל, חאָטש עס איז נאָך דעמאָלט קיין ציימונג נישט געווען און עס האָט קיינער נישט נאָטירט קיין איינציגען זיפץ פאַר די אָ ר י מ ע ב ר י ד ע ר...

אַזאַ גבור פלעגט אַרויס געהן בחרבו ובקשתו, איינער אַליין, אָהן חברות, אָהן סובווענציע, אָהן איין אויסגעבעטעלטען גראָשען; ביי קיינעם זיך נישט אָנגעפרעגט, ביי קיינעם אויף הוצאות נישט גענומען און בעגעגענען זיך מיט דער חיה רעה! אַ סך גבורים זענען געפאַלען, טהייל איז דאָך געראָטהען צו בעפרייען דאָס שוואַבע דאָרף אָדער דאָס שרעקיגע שטערטעל פון׳ם כישוף!

שלעכט איז אָבער געווען דעם גבור, אַז ער האָט געהאַט צו טהון מיט אַ „דראַקאָן״.

דראַקאָן, איז אַ פערכישופטער פּיפּערנאָטער, אָדער אַזאַ גיפטיגע שלאַנג, מיט — אָדער אָהן פליגעל, נור מיט עטליכע טוץ קעפּ... יעדער קאָפּ האָט אַ בעזונדערן פּיסק, בעזונדערן גיפט און אַ בעזונדערע מעלה — אַז, אָבגעהאַקט, וואַכסט ער תיך כדי דבור צוריק! בייקומען אַזאַ דראַקאָן, האָט מען אַנדערש נישט געקענט, נור סיידען, אַז מען האָט איהם אַ ל ע קעפּ מיט א י י נ מ אָ ל אָבגעהאַקט!

אַזאַ מין דראַקאָן זענען די חובבי ציון, און נישט, חס ושלום, ווייל זיי זענען חובבי ציון, נור ווייל זיי זענען אַ ח ב ר ה! אַלס חברה האָבען זיי טויזענדער קעפּ, די קעפּ זענען נאָך צו שפּרייט און צו זייעט אויף אַרבע פּנות העולם... און געה זוך פאַר זייערט ווענען אַ שנייד־מעסער?

איוב איהר מיינט, אַז די מעשה מיט׳ן דראַקאָן איז אַ „משל כחרס הנשבר״, ווייל דער דראַקאָן איז, להבדיל, גלייך מיט איוב הצדיק, עליו השלום, אַ לא היה ולא נברא, און אַז ער, דער דראַקאָן, האָט דעריבער געקענט שאַדען נור די, וואָס האָבען אינ׳ם געגלויבט, בשעת ווען די חובבי ציון זענען דאָ, זענען אַ פאַקט גלייך מיט אַנטיסעמיטיזם, רעאַליזם און אַנדערע פאַקטען? וועל איך אייך ענטפערן, אַז אין דעם טאַקי איז

ערשט דאָס משל אמת! וואָרען, צווישען אונז גערעדט, איז דער „ציון" און די „חבת ציון" אויך ווי איוב הצדיק נישט געשטויגען, נישט געפלויגען, און די „חיבבי-ציון" זענען אויך דעריבער נישט שעדליך נור פאַר די, וואָס גלויבען און געטרויען!

אויב עס דאָ צו געפינען אַ חלוק, שטעקט ער נור אין דעם, וואָס דער דראַקאָן האָט געהאַט נור איין מאָגען, איין מאָגען הכולל פאַר אַלע קעפף און דעריבער האָט ער וועניגער געברויכט, בשעת ווען ביי'ן אַ מענשליכע חברה האָט יעדער קאָפּ אַ בעזונדערן מאָגען; יעדער קאָפּ מוז בעזונדער בייסען, רייסען און פרעסען אויף זיין בעזונדערן אייגענעם חשבון, און דעריבער — קאָסט אונז יעדע חברה אַזוי פיעל, אַזוי טהייער! דעריבער איז ביי „צדקה" דער רעאַליזם נישט נוהג, די חשבונות מוז מען מאַכען פון דער „וויטענס", עס העלפט קיין שלאָס און ריגעל, און נישט אומזיסט שרייט דער דאָקטאָר סקאָמאָראָווסקי, אַז פאַר „ציון" איז דער רעאַליזם סם, אַז אויסלייזען דאַרף מען נור אידעאַליסטען, און די רעשט זאָל מען איבערלאָזען צו אַלדע שווארצע יאָהר אין פינסטערן גלות!

ניין, ברידער! איך וועל מיר שוין איינשטעלען דאָס לעבען און אַרויסטרעטען נעגען דער גרעסטער חיה ובהמה, אַזוי אין לעבען ווי אין דער ליטעראַטור, איך וועל אפילו אָנטרעטען שלאַנגען און עגדיסען אויף די ווייִדעל, לייגען אַ פינגער אפילו מוסרים אין מויל אַריין, נור מיט אַ דראַקאָן, זייט מיר מוחל, קען איך נישט האַלטען מלחמה! ווייל אַ דראַקאָן מיט עטליכע מויז קעפּ קאָן מען אפילו ביי קיין ליגען נישט חאַפּען! בפרט, ווען דער דראַקאָן פראַהלט גלאַט אַזוי הויל-אויפגעבלאָזען-ווייך, אַז עס נעמט איהם קיין מעסער נישט, און טוישט נאָך דערביי יעדע רגע, און אַזוי געשווינד, די קעפּ, אַז עס שווינדעלט אין ד'אויגען...

פינף און דרייסיג קעפּ שרייען: לויפט, פליהט, רייסט, יאָגט קיין פּאַלעסטינאַ... עס רינט דאָרט פאַר אייך האָניג און מילך, דער טערק וואַרט מיט אויסגעשפּרייטע הענד, דער אַראַבער חלשט נאָך אייך!... און אַז עטליכע הונדערט צו אַ טויזענד בעלנים הערען און פערגעהען אין דער נויט, ווערען בלינד פון שלעכט וואַסער, אויסגעדאַרט פאַר הונגער, אויסגעזייגט פון באַקשיש; אַז ווייבער ווערען דורכגעשמיסען פון באַטבוס — אויף די נאַקיטע ברוסטען, און נערה־שנתפתתה'ס וואַקסען פון פּאַטריאָטען ווי האָלץ — הייבט זיך אויף אַ זעכס־און־דרייסיגסטער קאָפּ, און דרשינ'ט: מיר האָבען באַלד געזאָגט: לויפט נישט! אַ בפירושער פסוק: בשובה ונחת תושעון! עמא פזיזא, רחמנא לצלן!...

זעכס און דרייסיג פערשטאָפּטע, פערפּאַנצערטע פּהיליסטער־קעפּ שרייען אויס: „פּאַנאַטיזם! שלחן ערוך! לאַנגע רצועות און בערד! רבנים!" און דערנאָך, אַז דער עולם קוקט זיך אום, און עס ווערט איהם נמאָס פאַר'ן אַלטען רבנישע ליעדעל מיט די פערחושכטע תנועות, הייבט זיך אויף אַ זיבען־און־דרייסיגסטער קאָפּ און זאָגט: „אַדרבא איפכא! אמת, עס זענען דאָ צווישען אונז עטליכע פלעדערמייז, אָבער מיר אַליין, מיר חובבי ציון באמת... אַדרבאָ, לערן חאָטש שליידען! אָט דרוקען מיר גאָר ליפּערט!"

זיבען־און־דרייסיג קעפּ שרייען: אוים יפת! פאַשאָל וואָן, יפת! אוים גריכענלאַנד, אַהיים יודעלאַך! אונזערע אייגענע קולטור! און אַז מען קומט נעהנטער און פרעגט: וועד איז די קולטור, ענפערט איין אַכט־און־דרייסיגסטער אָפּענער מוח גאָר בוידעם! איז די „גמרא" מפרש, אַז די „משנה" האָט נור געמיינט — „טאַנצען מיט ווייסע האַנדשוה", אָבער מאַטעמאַטיק „מהיכי תיתא"... און תוך כדי דבור געהט אַ באַל פאַר „יהודה", הייסע חובבי ציון טאַנצען מיט — אויך נישט קאַלטע נקבות, עס גייהט צו אייראָפּעאיש מיט אַלע מפרשים. אפילו מיט קרייצען פאַר די טענצער...

נו, געה שפּאַר דיך, אַז דו ווייסט נישט מיט וועמען?

און דערצו זענען אַלע אונטער מאַסקעס. זעכס־און־דרייסיג שטריימליך וכנגדם ביבשה: זעכס־און־דרייסיג דזיעטאַנען פון פערשיעדענע אוניווערזיטעטען! אַז אפילו רביים חלומען שוין אויך פון „ישוב", זיי „ווע:שען" אויך מיט די נעז, זיי האָבען שוין אויך אַ ביין דערפיהלט!

און אַלע האַלטען זיך אונטער איין פאַראַוואַן, אונטער איין „אַהבת־ציון"... באַ, וואָלטען זיי חאָטש ווענינער שלינגע אין די מיילער געהאַט... דערווייל האָבען זיי נאָך גאַנצע ברונען!

. . . .

איך האָב נישט איינמאָל געזאָגט אַז איך בין בטבע נישט קיין ליץ, נור דוקא אַ בעל־בכי און אַז נור מיין פינסטערע פרנסה האָט מיך פאַר אַ ליץ געמאַכט; איך זאָג אייך נאָך אַ מאָל: איך בין בטבע אַ גרויסער בעל־בכי, און דאָך, חאָטש ביז אַ הער בין איך פון שוחד נישט בלינד געוואָרען, און האָב נאָך כמעט גאָר נישט געוויינט אויף גלות־השכינה, אפילו קיין פאַפיערענע טרערען נישט פערגאָסען, קען ביי מיר די שרעקליכע מסירה קיין איינציגען טראָפּען נישט אַרויס נאַרען! דער רבנים'ס כבוד אַרט מיך נישט, אויף ירושלים אַלס שטאָדט, האָב איך שוין לאַנג אַוועק געמאַכט מיט דער האַנד! און איך ווייס, אַז ווען איך זאָל וועלען לאָזען חאָטש איין טרער אויף יעדע יודישער מסירה, וואָלט איך אויפס נייעס אַ מבול געבערענגט, עס וואָלט מעהר וואַסער געוועזען ווי אין אַלע אונזערע ליטעראַטורען...

איך וואָלט געקענט ריהרען די קאָלאָניזאַציע אַליין, — נור איהר וועט עס נישט שאַטען. איך גלייב באמונה שלמה, אַז דאָס יונגע קינד וועט אַנדערש נישט געזונד ווערען און אָנהייבען וואַקסען, ביז מען וועט עס נישט בעפרייען פונ'ם אומריינקייט אויפ'ן קעפּיל...

ביז מען וועט נישט פערמאַכען די פאַבריקען פון קרעציג־מיסטיגען פאַנאַטיזם, די „זאַוואָדען" פון מלשינות־פולווער, פאַשקווילען־קוילען און שקרים־האַרמאַטען, ביז עס וועלען נישט

אויפהערען „ערנסטע ווערטער", אין וועלכע עס קלינגען: עטליכע מטבעות, ווערמאָנטם עדות און צעדערבוימס שבל הישר... ביז מען וועט נישט פערמאַכען אפילו — די „בתי חרשת" פון נייע בלעכינע לשון־קודש ווערטער...

. . . .

פערטראַכט אין די געדאַנקען, וואָס פאַסען גאָר נישט פאַר אַלץ, האָב איך גאָר אינ'ם מלאָך פערגעסען, און ער איז מיר דערוויייל נעלם געוואָרען!

איך רוף, איך שריי, איך ווער הייזעריג, קיינער ענטפערט נישט!

צו האָט איהם זיין אַלטער בעל־הבית נישט צוריק גענומען פאַר רחמנות? צו האָט אויף איהם איין אַנדערער, נישט מאָדישער מחבר, די השגחה־פליגעל פערשפרייט? צו האָט איהם נישט עמיצער, חס ושלום! געמסרט?

דאָס ווייסט איין בורא עולם, נור איך מוז אָבהאַקען פון מיין פעליעטאָן; פליהען איבער די דעכער — האָב איך נאָך געקענט, נור צו פוס געהן צווישען דעם מיסט — לאָו!

אַדיע! צו'ם ווידערזעהן אויף בעסערע צייטען!

איבער שׂרפות.

יעדען זומער מעהרען זיך די שרפות אויף דער האַלצערנער פראָווינץ, נור דאָס יאָהר האָבען מיר געהאַט אַ מגפה פון שרפות.

מען האָט נישט גערעדט פון פערברענטע הייזער, נור פון גאַסען און שטעדט, וואָס זענען אַוועקגעגאַנגען מיט'ן רויך!

טויזענדטער פאַמיליען זענען געבליבען אָהן אַ דאַך איבערן קאָפּ, טויזענדטער בעלי־מלאָכות — אָהן וואַרשטאַטען, אָהן כלים צו דער אַרבייט; בעלי־בתישע מענשען האָבען געמוזט אויסשטרעקען די הענד נאָך בעטל־ברויט.

אויך איז זיך זעלטען בעגאַנגען אָהן לעבענדיגע קרבנות.

מיר האָבען געלעזען פון מענשען, וואָס זענען אַרומגעלאָפען משוגע פאַר שרעק אין די ברענענדיגע גאַסען, און האָבען נישט געפונען דעם וועג פון דער שרפה אַרויס.

פון עלטערן, וואָס האָבען אין פייער און רויך די קינדער פערגעסען און געראַטעוועט אַ שעניק מיט שטרוי אָדער אַ שייטעל האָלץ.

פון בעלי־בתים פערברענטע, וואָס האָבען געדריקט אין פערקנוילטע הענד עטליכע רובל...

ווער איז שולדיג אין דער שרעקליכער מגפה פון שרפות?

שולדיג איז געווים דער דלות, וואָס בויעט מיט האָלץ און שטרוי, נישט מיט שטיין און אייזען.

שולדיג איז די ברענענדיגע זון, וואָס האָט דאָס אַלץ אויסגעטריקענט ווי די קיהנדליך.

שולדיג איז דער, וואָס איז נישט געוואָרענט געוועזען און האָט דעם ערשטען פונק געלאָזט.

שולדיג איז דער ווינד, וואָס האָט געשפּיעלט זיך מיט'ן פייער און איבערגעוואָרפען די פייערדיגע צונגען מיט די רויכיגע זיילען פון איין עק שטאָדט צום צווייטען.

נור שולדיג איז אויך די פאָרשטעלונג פון אַ „געראָטען

קינד", דאָס אידעאַל פון גוטע, ציכטיגע יונגליך, וואָס האָט ניהג געוועזען אַמאָל און איז נאָך נוהג עד היום אויף דער פּראָווינץ, וואָס איז געבויט פון האָלץ און פון שטרוי...

וואָס הייסט אַ גוט ציכטיג קינד? נישט אַזוינס, וואָס וואַרפט אַרויף די פּאַנטאָפעל אויפ'ן דאַך פון נידריגסטען הייזעל, ער זאָל דערנאָך אַרויפקריכען און זיי אַראָבנעהמען; אפילו נישט אַזוינס, וואָס פיהלט אין זיך איין איבריג ביסעל כח און וויל עס אויסברענגען מיט „איבערהאָצקען" די גאַס! אפילו נישט אַזוינס, וואָס שפּרינגט איבער דער שטוב פון איין ענגען ווינקעל צום צווייטען!...

וועה און וואונד איז דעם קינד, וואָס מען האָט געטראָפען רייטענדיג אויפ'ן שטאָרט־צאָפּ, אַרומשפּרינגען אויף די ברעטער, וואָס מען האָט אָנגעגרייט צו'ן אַבנין.

ציכטיג און שטיל הייסט — געהן זיין וועג מיט קליינע שפּריזן, ווי אַ כשרער יוד אין שבת, נישט אָבשטעלען זיך אין גאַס און איין אויג וואַרפען אויף דעם, וואָס טהוט זיך אַרום, בפרט נישט אַרויסחאַפּען זיך פון שטאָדט און זעהן, ווי די ביימער וואַקסען אָדער ווי עס שאָקלען זיך די זאַנגען אין פעלד.

איין איבריג מאָל באָדען איז אַ זינד; אַ הויך, פרייליך, קינדיש געלעכטער, אַ סימן פון אַ „לאָבוז", פון אַ מאוסען קונדאָס! ווער שמועסט אַ פייף טהון אָדער לאָזען אַ פּאַפּירענע שיף אויפ'ן רינשטאָק! צו שפּיעלען אין באָל מוז מען שוין זיין אין אמת אַ „שייגאָץ"...

אַ גוט, ציכטיג קינד הוידעט זיך נישט אויפ'ן בענקעל, קוקט נישט אַרויס דורכ'ן פענסטער, שטעהט נישט אין טהיר; די איינציגע בעוועגונג, וואָס איהם איז ערלויבט, איז צו שאָקלען זיך ביים דאַווינען און צו דרעהען מיט'ן גראָבען פינגער ביים לערנען; זיצען אויף איין אָרט, נישט קענען קיין צוויי צעהלען; זיצען שטיל מען זאָל „זיין פּאַרע נישט הערען"!

אָט דאָס איז אַ וואוהל געראָטהענע קינד!

אַ מאַמע פרייט זיך, אַז איהר קינד זעהט שוין, קיין עין־

הרע, אוים, ווי איין אַלטער! על כל פּנים ווי אַ מענש!

נאָך גרעסער איז די שמחה, אויב עס קרימט זיך איהם אוים דער מאַרכ=ביין מיט'ן פלייצעלע פון התמדה; ווער שמועסט, אויב דאָס קינד ליידט שוין אויף אַ געוויסער קרענק גלייך מיט'ן ערשטען בעסטען מלמד!

אַ אידעאַל פון אַ קינד איז — אַ ווייך לייב ווי אַ קלוסקעלע, אַ געלב פּנימעל ווי אַ וואַקס, און דורכזיכטיגע הויט ווי גלאָז... דערצו מוז עס נאָך זיין קרום ווי אַ שופר...

איין אמת יודיש קינד הייסט עס, אַ רינענדיג נעזעל און טריעפענדיגע אייגעליך האָט עס, אויף לײמענע פיסאַלעך שטעהט עס, נור עס שיינט און עס האָט טויזענד חן! טאַקי אַ פיין, גרין ציבעלקעלע, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט אויפ'ן מיסט אין גשן פון מצרים...

פון די שטיל שווייגענדיגע קינדער ווערען חתן־בחורים...

אַלע אַרום האָבען געטהון זייערס בשלמות: דער פאָטער האָט אויסגעפּאַטשט, די מוטער — אויסגעקניפּען, פעטערס און מומעס — אויסגעשריען, און די מלמדים — אויסגעשמיסען אַ פיין חתן־בחור'ל...

אומזיסט בעמיהט זיך די לעבענדיגע יוגענד אויסצובלאָזען אינ'ם פערטריקענטען הערציל עפּיס אַ פערלאַנגען, אַ חשק צום לעבען; דער הויך פון פרישען זומער בלאָזט אויף אַש, דער מאָרגען=טהוי פאַלט אויף פויל האָלץ.

דעם חתן בחור בליצען אויף די אויגען אפשר דעמאָלט, ווען ער קריגט אַ מתנה אַ זייגערל, אַ יאַרמולקעלע; ווען ער מאַכט אַ סיום, ווען מען פערברענט דאָס חמץ, אָדער ווען אַ יוד מעג נעמען איין איבריג ביסל בראָנפען, דאָס הייסט, פּורים — המן'ען אויף פּאָהיבעל! אפשר נאָך שמחת תורה!

מיעד און פערשלאָפען שטעלט ער זיך אונטער דער חופּה און חאַפּט זיך אויף צום מאָרגען שוין אַלס יונגער מאַן!

עס שפּראָצט איהם נאָך קיין איינציגע האָהר איבער דער

אייבערשטער ליפּ און ער איז שוין אײנגעשריבען אין חבורה־קדישא!

אײדער ער געוואהנט זיך צו צו דער נייער „תבונה", צו זיין אייגענער שטאָדט אין קלויז, צו'ן אַ בעל־בתישע עליה — איז ער שוין אַ טאַטע פון אַ קרענקליך קינד, וואָס וועט דורכמאַכען דעם אייגענעם קראַנקען וועג, אונטער דעם אייגענעם רעגען פון צופּ, רים, קניפּ, דזיאָך און פעטש...

נור — מיר האַלטען נאָך נישט ביים קינד.

דער פאָטער ווערט דערווייל אין אמת פיין בעל־בית'ל! ער מישט זיך נישט אַריין אין קהל'ס זאכען; ער וויל נישט וויסען, וואָס עס טהוט זיך ביי דער קלפי; זיין דאגה, ווער עס איז גבאי אין בית המדרש! ער זאָגט קיינעם קיין דעה נישט, ער האָט זיין ווייב, זיין שטוב, זיין גמרא אויף זיין שטענדער און זיצט זיך שטיל ווי אַ טויב, נור דער גאָרב ווערט גרעסער און גרעסער און אויף דער לעבער הייבט ער אָן צו ליידען...

מיר ווילען דעם שטילען ציכטיגען יונגען מאַן נישט בעגלייטען אויף זיין שטילען, ציכטיגען וועג ביז'ן קבר אַריין. מיר פערהאַלטען זיך ביי דער מינוט, ווען ער איז אין די בעסטע, בליהענדיגע יאָהרען — אַ שען יונג בעל־הבית'על, ווי געזאָגט — פון איין אייגענע שטוב, פון איין אייגענע ווייב און קינדערליך, מיט איין אייגענע שטאָדט אין בית המדרש. אַ חנו'דיגער יונגער מאַן! אויסגעווייקט ווי אַ הערינגעל.

ביי די שלעפען אונטערן דינעם הייטעל שפּרינגען אַרום בלאָהע אָדערן.

אַז ער נעהמט די קופערנע קוואָרט מיט די צוויי אויערן צום וואַשען אין דער האַנד אַריין, ציטערן איהם די הענד.

אַז ער געהט איבער דער גאַס אויף די שטרויענע פיסליך, ווייסט מען נישט צו לאָמט ער, צו האָט איהם אַ ווינד געחאַפּט און אויסגעקרומט!

די אויגען זענען בעהעפט צו דער ערד — טאָמיר, חס ושלום, קומט איהם אַקעגען איין אשה!

דער קאָפּ איז געבויגען איבערן דאַרען ברעטיל, וואָס מען רופֿט „ברוסט”, ער זאָל, חס ושלום, נישט דריקען די פּיס פֿון דער שכינה!

מיט די הענד וואַרפֿט ער נישט, עס איז קיין דרך ארץ, קיין שטייגער נישט!

אָט — אַ שטיל־ציכטיג בעל הבית'ל ווערט פֿון אַ שטיל־ציכטיג קינד...

און אַז דאָס שטעדטיל בעשטעהט פֿון אַ סך אַזוינע יונגע בעלי־בתים, איז עס איז געבויט פֿון האָלץ, און די היצען האָבען דאָס האָלץ אויסגעטריקענט, און אַ שכור האָט פֿערלוירען אַ פֿינק, און עס מאַכט זיך דערצו אַ ווינד... פֿערשטעהט איהר אַליין שוין די רעשט!...

אונזער יונגער מאַן וועט קיין קאַן־וואַסער נישט טראָגען, איף קיין דאַך נישט קריכען; קיין האַק, קיין דראָנג אין האַנד אַריין נישט נעהמען...

אונזער יונגער מאַן שטעהט פֿאַר זיין אייגען הייזעל און ציטערט ווי אין אַ פֿיעבער! ער ציטערט, נור ער מישט זיך נישט... אַז דער רבונו של עולם וועט וועלען, וועט ער איבערדרעהען דעם ווינד אָדער עס וועט אַראָבפֿאַלען אַ שלאַגס רעגען... און אויב נישט, אויב זכות אָבות וועט נישט העלפֿען און דאָס פֿייער וועט ציקומען צו זיין אייגען הויז, דעמאָלט... אָה! דעמאָלט וועט ער ערשט משוגע ווערען פֿאַר שרעק און ראַטעווען אַ שייטעל האָלץ...

איך האָב די בעמערקונג געמאַכט מיינס אַ בעקאַנטען ווידענעם יונגען מאַן, בשעת מיר זענען געזעסען אויף אַ שטיין, אַ שריר ופליט פֿון איין אָבגעברענטע גאַס און האָבען בעוויינט דאָס פֿרישע חורבן.

— אייך איז גוט צו זאָגען — ענטפֿערט מיר דער יונגער מאַן — און איך וויל אייך פֿערצעהלען, וואָס מיין פֿעטער אברהם'ל האָט געהאַט!

איינמאָל איז ער אַרויסגעגאַנגען שפּעט ביי נאַכט, שבת־

צו־נאַכט פון אַ שלש סעודות, נאָך אַ קענדיל פריש וואַסער צום פלומפ...

ער איז אַ בעלזער חסיד, און בעלזער חסידים פיהרען לאַנג שלש סעודות...

היים איז געוועזען, האָט זיך זיי פריש וואַסער פערגלוסט.

ווער זאָל געהן צום פלומפ? האָט מען גורל געוואָרפען: און דער גורל איז געפאַלען אויף מיין פעטער אַברהם!

מילא, דער גורל איז געפאַלען, געהט ער.

ער געהט צו צום פלומפ, גיעסט אָן אַ קענדיל וואַסער און געהט צוריק אין איין ציטערניש, עס זאָל איהם קיין הונד נישט אָנפאַלען; וואָרען שפעט ביינאַכט. אַז עס ווערט שטיל אין מאַרק, הערט זיך דאָס וואָיען פון די הינד פון דער פאָר־שטאָדט, אַז עס געהט אַ שוידער דורכען לייב.

טהייל מאָל טרעפט זיך, אַז אַ הונד פאַלט איין זיך דורכצושפאַציערן אין גאַס און אָבצובייסען אַ יוד אַ פאָלע.

הכלל — ער געהט.

לויפען קען ער נישט, דאָס קענדיל מיט'ן וואַסער איז גענוג שווער; אויסגיעסען און צוריקומען מיט אַ ליידיגע קאַן, שעמט ער זיך!

נו — טרעפט זיך איהם אַ נס!

ער דערזעהט פון וויטענס, אַז עפּיס בלישטשעט רויטליך. „איין אוצר" מיינט ער, און דאָס בענייט איהם דעם כח און ער לויפט צו מ י ט' ן קענדיל וואַסער! ער האָט עס קיין צייט נישט געהאַט אַוועקצושטעלען!

ער קומט צו נעהנטער, זעהט ער, אַז משה־אַהרן דעם שוחט'ס הייזעל הייבט נור וואָס אָן צו ברענען; איהר קענט דאָס הייזעל? עס וואַקסט שוין אַ יאָהר 40 אין דער ערד אַריין, ציעגען שפּרינגען אַרום אויפ'ן דאַך.

און דאָס דעביל ברענט אין אַ זייט, אַ שפּיץ פון דער־שטרויענער זוים ב־ענט ווי אַ ליכטל...

מיין פעטער אַברהם קלערט נישט לאַנג, גיעסט אַרויף דאָס קענדיל וואַסער און גיט אַ געשריי: „געוואַלד!" —

וואָס קלערט איהר? אַ סוף ווי המן האָט ער געהאַט?
אַ יאָהר דורך איינאַנד האָט מען איהם געשלעפּט אין פּאָליציי און אין סאָנד אַריין פאַר איין עדות! איהר קענט מיין פעטער אברהם? אַ שענער עדות? ערשטענס פערגעסט ער אַראָב צו געהמען דאָס היטעל — חאַפּט מען עס איהם אַראָב מיט'ן קאָפּף צוזאַמען; דערנאָך זעהט מען, אַז ער איז אַריין מיט בלאָטינע שטיוועל, וואַרפט מען איהם אַרויס, ער זאָל זיי אָבווי-שען; מיינט ער, אַז מען הייסט איהם אַהיים געהן — שלעפּט מען איהם צוריק מיט זשאַנדאַרען. און דערווייל קען ער קיין צוויי ווערטער גויש נישט רעדען. און דאָ הייסט מען איהם דער-צעהלען, וויפיעל איילען ווייט ער האָט דאָס פייער דערזעהען, ער זאָל אָבמעסטען אויפ'ן טיש, ווי גרויס דאָס פייער איז געוועזען...
און ער הייבט נישט אָן צו וויסען, וואָס מען רעדט צו איהם! און אַז ער פערשטעהט שוין, וואָס מען פערלאַנגט און וויל מעסטען, דערזעהט ערשט דער בורמישטש, אַז ער האָט פערסמאָליטע הענד און וואַרפט איהם ווייטער אַרויס — ער זאָל זיך אָבוואַשען די הענד און נישט איינריכטען דאָס גרינע מישטוך!... וואָס קלערט איהר, עס האָט געדויערט אַ יאָהר; מיין פעטער אברהם האָט נישט געהאַנדעלט, נישט געלערנט, נישט געגעסען, נישט געשלאָפען און איז אַריינגעפאַלען פאַר צרות אין אַ קרענק!
אַמבעסטען — זאָגט מיין זיידענער יונגער מאַן — איז פאַר אַ יוד זיך נישט אַריינצומישען! נור פון ווייטענס!
זעהט ער — עמיץ שלאָגט זיך אין גאַס — פּלטה!
מען רעדט אַ הויך וואָרט, מאַך פּיס!
געהסט ביי נאַכט און עמיץ ברעכט שלעסער — טראָג דיך אָב!
פון נישט, האָט מען קיינמאָל קיין חרטה נישט!...
נאָך לאַנג רעדען און שפּאַרען זיך האָט ער מיר אפילו-סידה געוועזען, אַז עס וואָלט נישט געוועזען קיין לאָך אין הימעל, ווען זיין פעטער אברהם'ל זאָל נישט געוועזען פערגעסען אויס-

צוטהון דאָס היטעל באַלד אויף דער שוועל פון מאַגיסטראַט, אַז עס וואָלט גאָר קיין עילה נישט געוועזן, ווען זיין פעטער אברהם'ל זאָל זיך געוועזן פריהער אָבוואַשען די הענד און אויס־פוצען די שטיוועל (פערקעהרט מיינט ער: פריהער אויספוצען די שטיוועל און דערנאָך אָבוואַשען די הענד).

ער איז מודה, אַז „דינא דמלכותא דינא" און אויב דאָס מלכות וויל, אַז די פּאָדלאָגע אין מאַגיסטראַט און דאָס גרינע טישטוך דאָרט זאָלען זיין ריין, דאַרף מען נישט דוקא טהון פערקעהרט.

נור, אַ יוד זאָל געזונד זיין „ווי אַ פויער", איינשרייבען זיך אין פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע און אַרויפשפּרינגען בשעת מעשׂה אויף אַ ברענענדיגען דאַך, דאָס איז נישט מעגליך!

דאָס איז נישט און עס וועט נישט זיין!

„ווי הייסט"?

אַרום אונז האָט זיך דערווייל פערזאַמעלט אַ רעדעל פון „נשׂרפים" און „נשׂרפי'טעס" (די לעצטע זענען געשטאַנען אָבגע־רוקט פון דערווייטענס) און אַלע האָבען מודה געוועזן, אַז אַ יוד קען נישט געזונד זיין ווי אַ טערק, למשל. ווייל אַ מענש מיט תורה, קען באין אופן נישט זיין אַזוי מגושם'דיג!

— אַ ירא שמים — רופט זיך אָן אַ מלמד — מוז זיין אַ כשל ברך!

— אַז מען זיצט און לערנט — מאַכט אַ צווייטער — אַז מען פיהלט נור אַ טעם אין לערנען, קען מען שוין נישט אַזוי אַכטונג געבען אויפ'ן גוף! ווער עס וויל געזונד זיין, דער מוז עסען צו דער צייט, שלאָפען צו דער צייט, שפּאַצירען געהן אַ שעה — דאָס איז אַלץ נישט פאַר קיין יוד געמאַכט געוואָרען...

— איך געה איינמאָל אין יאָהר — זאָגט אַ דריטער — צו תשליך, האָב איך די והותר!

— אויף מיין וואָרט — שווערט זיך עמיץ — אַז שבת דאַווינען געהן, איז מיר אויך טהייל מאָל שווער; די שוהל איז ווייט, און געה גלאַט איבער דער גאַס, גאָר נישט?! געה איבער די גנסים! וואָס? דאַווען איך טהייל מאָל ביחידות...

— רבותי, האָב איך זיי געענטפערט, לעגט נישט דען גאַנצן בייגעל אויף דער תורה! די תורה איז דאָ ווייניג וואָס שולדיג... צי טהוט נישט דאָס זעלבע דער יודישער שניידער, שוסטער, האָלץ-העקער, שטיין-קלאַפּער און אַלע יודישע בעלי-מלאכות? צי זיי, וואָס האָבען נישט צו טהון מיט סאַמע תורה און יראת שמים, וואָס פיהלען נור אַ טעם פון אַ שניט און אַ פּאַלבאַנע — צי זיי אַרבייטען מיט אַ סדר, צי זיי עסען, שלאָפען און רוהען צו דער צייט?

— אמת — איז מיר עמיצער מודה, נור דער אָבענד איז צונעפאַלען און איך זעה נישט ווער —, דער יודישער דרך איז שוין אַזוי, אַלץ ביז די לעצטע כחות...

— עס איז אָבער נישט גוט אַזוי, זאָג איך און וויל זיי אויסווייזען, אַז יודען אין ארץ ישראל זענען געוועזען געזונד טאַקי „ווי די פּויערן”, אַז זיי האָבען אויך מלחמות געפיהרט, גבורות געוויזען, ווי אַלע מענשען געלעבט.

איך וויל דורכגעהן די געשיכטע פון אברהם אבינו, וואָס האָט די ערשטע מלחמה געהאַלטען מיט 5 מלכים, ביז די חשמונאים וואָס האָבען די גריכען געשלאָגען... איך וויל מיך צולאָזען, דערהיצען, ציטירען ציפּע דער שניידערינס רייד:

„פאַר וואָס קומט גן עדן זאָלען זיי מיר זאָגען,
נור געלעניש — זאָכעניש, נור חולה-מאָגען?
גבריאל'טשע, איך פרעג דיך, פאַר וואָס?

צי זענען געוועזען אויך שוואַך און אָהן אָטהעם
יעקב אבינו'ס עשׂרת השבטים?
געדענקסט? אַז אַ קול זאָל דערלאַנגען
ביז פרעה'ן, צום פּאַלאַץ, געדענקסט דו, גבריאל?
פרעה, פאַר שרעק — אַ טאַלעץ פון דער שטוהל...
און היינט-זשע — דאָס שפּרינגען אויף זאַנגען?

און וואָס איז געוועזען, זאָג, שמשון הגבור?

. . . .

איך האָב געוואָלט רעדען און רעדען, פון דוד׳ס דריי גבורים, וואָס האָבען זיך דורכגעשניטען דורך אַ מחנה פון שונאים און געברענגט דוד׳ן פריש וואַסער! פון אהוד... פון טויזענד אַנדערע; עס האָט זיך אָבער אויסגעוויזען, אז איך רעד אומזיסט.

זיי ווייסען דאָס אַלץ.

— באַ, באַ, — מאַכט איין אַלטער יוד מיט אַ וואונדער־ליכע העל־זילבערנע באָרד — באַ, באַ, גיט אונז אַ לאַנד! ניט ערד, גיט דערפער, גיט פרישע לופט...

— יודען — שרייט עמיץ דורכגעהענדיג — יודען, מעריב דאַווינען!

דער עולם איז זיך צוגאַנגען און דאָס איז מיין גליק גע־וועזען; די צונג איז מיר ווי אַ האָלץ געוואָרען, נישט איבער־צודרעהען!

וועגען יודישער חוצפה.

עס איז פּשוט משוגע צו ווערען!

וואָרום באמת — וואָס טהוט מען?

געלד אויף בעלער, ווערט וואָס אַמאָל ווענינער! נייע שאַנסאָנעטקעס, מען זאָל קענען האָבען איין אָבענד יצר הרע פאַר אַ רובל, קומען נישט. נייע קלוינען — דער צירק זאָל אינטערעסאַנטער ווערען, בעווייזען זיך נישט, און פאַר דער פּאָליטיק געהט זיך אָן די גרינע גאַל...

וואָס איז היינט פּאָליטיק? גאָר נישט!

אין פּאַריז געהט אַ סדרה — אַסומפּציאָניסטען; ווייסט דער טייוועל וואָס פאַר אַ שוואַרצע חברה דאָס איז!

דער „פּ"טעגלאָנד־טינאָרניאָווי", וועלכען די „ראָלאַ" האַלט פאַר אַ יודיש בלאַט, זאָגט, אַז די אַסומפּציאָניסטען זענען אַ בעהאַלטענע חברה פון גלחים־אינטריגאַנטען, וואָס ווילען איבערקעהרען די גאַנצע פראַנצעזישע רעפּובליקאַנישע שיסעל, און אונזער „קוריער־וואַרשאַווסקי", לעווינטאַל'ס, דעם געוועזענעם אַפּוטרופּוס פון יודישען שפּיטאַל'ס בלאַט, זאָגט להיפוך: די אַסומפּציאָניסטען זענען ווייסע שטילע טויבען, וואָס האַלטען זיך אין דער הויך אויף די שפּיצען פון קלויסטער און מען הערט נישט זייער פאַרע...

און געה ווייס!

פון אַפריקאַ הערט זיך נישט מעהר. נור ויסעו ויחנו. אַהין גערוקט, אַהער גערוקט. צוויי בורען געפאַלען, פיער ענגלענדער געפאַנגען. — עס ווערט נמאָס ומאוס!

ענגלאַנד האָט זיך פערקייכט אין מיטען איינשלינגען דעם בוער; נישט אַרויס צו וואַרפען, נישט אַראָב צו שלינגען!

וואָלטען חאָטש די בורען אונטערגעלעגט יאָהאַניסבערג, אין דער לופט זי אויס צושפּרינגען! וואָלט חאָטש געפאַלען אַ הייסער דימאַנטענער רעגען...

פון חינא קומען אַזוינע שקרים, אַזוינע גוזמאות:

אַז, װען נישט, װאָס אויף דער קראַקויער־פּאַ־שטאָדט איז פאַרהאַן איין אָפען געװעלב מיט אַ שילד מיט חינעזישע אותיות — װען נישט, װאָס דאָרט שטעהט אַ בפירוש'ער לעבענדיגער חינעזער, מיט איין אמת חינעזישען צאָפּ, אויף װעלכען די װייבער קוקען מיט װאַסער אין מויל און אויגען פאַר קנאָה, װען נישט װאָס ער שטעהט אַ גאַנצען טאָג און פערקויפט, װי ער אַליין זאָגט, ריינען חינעזישען טהיי מיט אַ צולאָג, װאָלטען מענשען געזאָגט: „איוב לא היה ולא נברא!״ — עס איז קיין מלחמה נישט. פאַרהאַן, קיין חינא נישט דאָ! עס איז אַ חלום, איין אויסגעטראַכטע מעשה; װי די דריי פראַנצויזישע ברידער „גלייכהייט, פרייהייט, ברידערשאַפט״, מיט װעלבע מען האָט אַ לאַנגע צייט צו נאַרען געמאַכט דעם עולם.

הכלל — פוסט, תהו ובהו!

װאָס דען טהוט מען? פון װאָס שרייבט מען אין צייטונגען!

האָט מען זיך טאַקי אַזוי לאַנג געבראָכען דעם קאָפּ, ביז מען האָט בעקומען פון װאָס צו רעדען, מיט װאָס די צייט צו פערברענגען; אַבי נישט פון זיך אַליין צו קלערען, אַבי פטור צו װערען פון נאַציאָנאַליזם, ציוניזם און אַלערליי געטאָ־געשפענסטער, װאָס שרעקען די װאַרשױער לייט ביי טאָג און װערגען זיי ביי נאַכט... אַ נייע עסק האָט מען געפונען די — יודישע חוצפה!

עס איז אפילו נישט קיין נייע זאַך! נור אפילו, װאָרט, דער גרעסטער שניידער פון פאַריז, װאָס שאָקעלט מיט גאַנץ װאַרשױ װי מיט אַ לולב, איז אויך נישט מחויב, אפילו נישט איין מאָל אין יאָהר, אויסצוקלערען אַ נייע מאָדע; ער נעהמט איין אַלטע, און פרישט זי אויף. און די אַלטע מאָדע װערט ניי, צוריק שען, און װערט צוריק אַ מאַגנעט, װאָס ציהט אויס ביי די װייבער דאָס האַרץ און ביי די מענער דאָס ביסל מטבעות...

די פראַגע װעגן יודישער חוצפה איז זעהר אַלט; אַזוי אַלט, װי די יודיש־פּױלישע, אָדער די פּױליש־יודישע

אַסימילאַציע, מיט איהר אַלטען פּראָגראַם, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין איין וואָרט: „שאַ! שאַ!“ שטיל זאָל זיין! דיין קול זאָל מען נישט הערען! דיינע תנועות זאָל מען נישט זעהען! קיין פּאה, קיין פּאָלע, קיין יודיש וואָרט! בפרט אין אַ „צוקערניע“.

אַזוי האָט עס געהייסען!

טראָגען אַ לולב מיט איין אתרוג אין גאַס — פוי, יודישע חוצפה! יענער מיט די אָנגעצונדענע ליכטליך און בעזעמליך — מעג! איין איבערגעשפּאָלטען פוטער'ן מיצל, צוזאַמענגעבונדען מיט בענדליך, איז אַ מחיה; אַ „פּריוועסאָוועקע“ — זאָל גאָט היטען! אַ העזה זיך צו ווייזען דערמיט אין גאַס! ווער שמועסט רעדען אַ וואָרט יודיש אין גאַס, אין טראַמוויי, אין וואַגאָן פון אייזענבאַהן, — דאָס איז שוין שפּיץ־דיי־שפּיץ חוצפה!

אַ צייט לאַנג האָט אַ יודיש־פּוילישער, אָדער אַ פּויליש־יודישער משכּיל גאַנצע טעג און נעכט געשפּיגען מיט „חוצפה“...

אַלץ ווערט אָבער נמאָס און די חוצפה איז אויך נמאָס געוואָרען! מען האָט אָן איהר פערגעסען... אַצונד, אין דער שלעכטער צייט, האָט מען זיך אָן איהר דערמאַנט, מען האָט אַרויסגערוקט פון אַלטען אויוען אַ צובראָכען ערדערן טעפּיל מיט'ן פערגליווערטען, פערשימעלטען חוצפה־מאכל, מען האָט עס אויפגעפרישט, דערוואָרעמט, צוגעזאַלצען, צוגעפּעפערט... און, נאָט אייך, יונגליך און מיידליך און עסט! פערשטופּט אייך די מיילער און רעדט נישט פון געטאָ, ציוניזם, נאַציאָנאַליזם, קייט נישט און שלינגט נישט די האַרטע זאַכען, פון וועלכע אַ פּויליש־יודישער, אָדער יודיש־פּוילישער מאָגען פערדאַרבט זיך אויף אייביג, אַז קאַרלסבאַד וועט איהם נישט העלפען.

און צוריק די אַלטע שאלה: צי איז פאַרהאַן יודישע חוצפה, צי ניין?

איינער זאָגט: יאָ, איין אַנדערער: ניין, אַ דריטער מיינט: אַ מאָל איז געווען און היינט איז נישט דאָ!

און אַלע צדדים ברענגען ראיות, פערופען זיך אויף פאַקטען.

נאט אייך עטליכע:

עס איז פארהאן אין ווארשוי א „צדקה גדולה“. נישט קיין יודישע, נישט קיין קריסטליכע, נור בכלל א צדקה גדולה. הייסען הייסט זי: „ווארשאווסקא טאווארזשיסטווא דאבראציינאסטי“, פערשרייבען דער צדקה־גדולה הייזער, קאפיטאלען, מעג יעדער, אפילו דער גרעסטער חוצפה'ניק — א יוד! דער „סטרוזש“ פון הייז, וואס געהט פון צייט צו צייט ארום פון טהיר צו טהיר מיט א רשימה אויף נדבות פאר דער צדקה גדולה, מאכט אויך נישט קיין חלוק, ווען ביי וועמען פסח געפאלט! ווער עס גיט, דעם פערשרייבט ער, ביי דעם נעהמט ער.

הכלל — די חברה נעמט ביי אלע; גיבען, זאגט מען, גיט זי נישט אלע... און עס איז קיין וואונדער נישט! מיר האבען ערשטענס אונזער „קהל־שטוב“, מיר האבען אונזערע בעלער און קאנצערטען אויף צדקה, אונזערע „שניי־קוילען“ אפילו פאר יודישע ארימע לייט! אויף דעם גרינדען מיר א נייע יודישע „צדקה גדולה“, וואס די רעגירונג האט שוין ערלויבט...

און צווייטענס, ווייזט אויס די „ראלא“, די „נייוואפאלסקא“ און דערגלייכען עהרליכע בלעטער, אז צדקה קומט פון לויטער ליעבשאפט, און — אויף ליעבשאפט האבען די קריסטען א מאנאפאל; על־כן, איז די צדקה גדולה, וואס איז געבויט אויף ליעבשאפט צו ארימע לייט, א קריסטליכע חברה... איי וואס? יודען געבען אויך אמאל געלד? אויף וואס געבען זיי נישט?

הכלל — עס איז פערהאן א צדקה גדולה, וואס נעהמט ביי אלע, גיט נישט אלע — א פאקט!

דער עיקר איז, אז וואו עס איז פערהאן א חברה, מוזען זיין גבאים, און וואו עס זענען פערהאן גבאים מוז זיין א קלפי... איז דער עיקר שאלה נישט, וואס די חברה טהוט, — צי בויעט זי הייזער, צי טהיילט זי פאר ארימע לייט, וכדומה, נור — ווער דארף ארויס פון קלפי?

כל זמן יודען האבען זיך צונויפגענומען ביי דער קלפי און געמאכט יד־אחת מיט די ליבעראלען, וואס האבען, פאר דער

קלפי און נאָך דער קלפי (דאָס הייסט: כמעט אַ גאַנץ נעהענדינג יאָהר, ווייל חברות און קלפּי'ס איז דאָ אַ סך!) צו די יודעליך געשמייכעלט און צוגעווינקען, איז גוט געוועזען, האָבען די ליבעראַלען געהאַט די חברה און דער האַנד!... דאָס יאָהר אָבער זענען וועניג יודען נעקומען צו דער קלפי, זענען ארויס כמעט סאַמע ווייסע מיוחסים און שוואַרצע אָרטאָדאָקסען...

ווערט אַ מחלוקת:

זאָגען טהייל, אַז עס איז אַ העזה געוועזען פון יודען, נישט צו קומען קאָפּ אויף קאָפּ צו דער קלפי און איבערלאָזען די ליבעראַלען אָהן הילף, און אַנדערע זאָגען: פאַר אַ שמייכעל, וואָס איז שוין פערגליווערט געוואָרען אויפ'ן אַלטען ליבעראַלען פנים, האָבען שוין יודען די חוצפה נישט געהאַט צו קומען צו דער קלפי... זיי ווייסען שוין, אַז די האַלב גע'פגר'טע קאַץ, וועט שוין פאַר זייערט וועגען מיט'ן עק נישט ריהרען...

נומער צוויי:

עס איז פאַרהאַן אין וואַרשוי אַ חברה, וואָס גיט בעלי־בתים קרעדיט אויף הייזער...

יודישע בעלי בתים איז פערהאַן אין וואַרשוי אַ דריטעל; דירעקטאָרען האָט די חברה דריי. האָבען זיך די נאַלעווקעס מיט'ן גרזיבאָוו געוואונדערט, פאַר וואָס זענען אַלע דריי דירעקטאָרען נישט קיין יודען... און, אַז איינער פון די דריי דירעקטאָרען איז נפטר געוואָרען, האָבען זיי זיך מישב געוועזען, פריווען אָבצוגעבען שטימען פאַר אַ יוד...

געראָטהען איז זיי ניט... נישט אַלע יודישע בעלי־בתים האָבען געוואָלט אַ יוד; אַ סך האָבען מורא נעהאַט פאַר אַ „יודישען צינאָווניק"...

זאָגען טהייל: אַז די יודען האָבען די העזה נישט געהאַט צו מאַכען יד־אחת, אויסצוקלויבען אַ יודישען דירעקטאָר; און אַנדערע זאָגען, אַז עס איז אַ חוצפה געוועזען, אַזוינס נאָר צו וועלען!...

נומער דריי:

עס זענען פערהאַן אין וואַרשוי יודישע סקולפּטאָרען, אַ סך

יודישע סקולפּטאָרען. האָבען זיי זיך צוזאַמען גענומען מיט עטליכע קריסטליכע חברים, געמאַכט איין אסיפה, און מען האָט אָבגעקלערט: היות די סקולפּטאָרען האָבען עד היום נאָך קיין צעך נישט, זאָל מען מאַכען אַ צעך.

מען האָט אָנגעגעבען ווי מען דאַרף, אַ בקשה; עס איז געקומען איין ערלויבניש, און דער מאַגיסטראַט האָט פערבעטען די סקולפּטאָרען אויף אַ זיצונג, מען זאָל עפענען דעם צעך.

דאַכט זיך, אַלץ אין דער בעסטער אָרדנונג; דער בעאַמטער פון מאַגיסטראַט עפענט די פערזאַמלונג, לייגט פאָר, מען זאָל אויסקלויבען עלטסטע, אַ קאַסירער, אַ סעקרעטאַר... שפּרינגען אַרויס די עטליכע קריסטליכע סקולפּטאָרען און זענען מודיע דעם בעאַמטען פון מאַגיסטראַט, אַז זיי קענען מיט יודען צוזאַמען בשום אופן קיין צעך נישט מאַכען, אַז די יודען קענען נישט די אַרבייט, זיי זענען פּושער, מאַכען און פערקויפען טאַנדייט און אַזוי ווייטער, ווי אין „ראָלאַ" שטעהט, ווי אין „גיוואָפאָלסקאַ" שטעהט, און — ווי אַלע גוטע, פרומע קריסטען זאָגען...

און — די קריסטען האָבען פערלאָזט דעם זאַל...

אונזערע יודישע סקולפּטאָרען האָבען נישט געוואָלט גרינגערן דעם צעך אָהן די קריסטליכע חברים, האָבען זיי די אסיפה אָבגעלעגט... אָנגעהויבען איבעררעדען, טענה'ען, געבען צו פערשטעהן; באשר בכן — עס איז נישט גלייך, נישט מענשליך! יודען — אַ נוצליך פאָלק, יודישע סקולפּטאָרען — נוצליכע בעלי מלאכות; אַז אַנטיסעמיטיזם איז אַ פּאַסקודנער בלבול, וכדומה... און דערמיט איז דערווייל אַוועק אַ צייט...

און דיזעלבע צייט, וואָס די יודישע סקולפּטאָרען האָבען בענוצט צו פערשוואַרצען ביי די קריסטליכע חברים דעם אַנטיסעמיטיזם, האָבען די קריסטליכע סקולפּטאָרען בענוצט אַ ביסל קלוגער: זיי האָבען זיך בעמיהט און איינגעגעבען אַ בקשה. און בעקומען אַ ערלויבניש אויף אַ קריסטליכען צעך, און דערמיט אַליין איז אָבגעפאַלען די ערשטע **אַלגעמיינע** ערלויבניש...

דעמאָלט ערשט הייבען אָן אונזערע יודישע סקולפּטאָרען

צו קלערען וועגען אַ בעזונדערן יודישען צעך! זאָגען טהייל, עס איז אַ וואונדער, וואָס זיי האָבען די העזה נישט געהאַט צו בלייבען אויף דער ערשטער אסיפה, און צו גרינדען דעם צעך אָהן די קריסטליכע חברים...

אַנדערע אָבער זאָגען! אַז עס איז אַ יודישע חוצפה, היינטיגע צייטען צו גרינדען אין פּוילישען וואַרשוי אַ יודישען צעך...

וואָס דען? וואַרטען דאַרף מען!... דער אַנטיסעמיטיזם וועט דאָך אַ מאָל אונטערגעהן... ער וועט מוזען אונטערגעהן!

און, אַז דער אַנטיסעמיטיזם וועט אונטערגעהן, וועט מען אַריינגעהמען יודישע בעלי מלאכות אין די קריסטליכע צעכען! איי וואָס? די קריסטליכע צעכען האָבען קריסטליכע הייליגע פעהנער; יעדער צעך האָט זיין קריסטליך הייליגען פּאַטראָן, זיינע קריסטליכע ימים טובים, — וועט זיך דאָך דער יודישער גאָט נישט בייזערן, אויב די יודען וועלען דאָס אַלץ מיטמאַכען! הלמאי, עס האָט נאָך קיינעם קיין דונער נישט געטראָפען ביי'ן אַ יאָלקע! און אַז נישט, וועלען די יודען די ימים טובים פון צעך, נישט האַלטען די פאָהן. מאי כולי האי? וועניג בע־געהען מיר זיך אָהן פעהנער, אָהן ימים טובים?!

און, אַז דער אַנטיסעמיטיזם וועט אונטער געהן — וועט מען נישט האָבען קיין צרות מיט דער נייער סעקציע פון בעלי מלאכות, וואָס וויל זיין ריין פון יודען, וואָס פאַלט חלשות פאַר אַ ריח פון אַ קנאָבעל אָדער אַ ציבעלע...

און אַז דער אַנטיסעמיטיזם וועט בטל ווערען, וועט מען אָננעהמען יודישע דאָקטוירים צו דער „פּאָגאָטאָוויע ראַטונקאָווע" („גיכע מעדיצינישע הילף"), וועט חאָטש זיין איין פוהר פאַר בשר'ע זופ ביי דער „געזעלשאַפט געגען בעטלער", און אויף אַ סימן פון כשר וועט מען נישט טרומייטערען נור בלאָזען שופר...

זאָל נור דער אַנטיסעמיטיזם בטל ווערען! זיפצט דער עולם...

— — — — — — — — — — — — —

און, האָט מען אָנגעהויבען רעדען פון יודישער חוצפה, וועט זי שוין אַזוי געשווינד פון צונג נישט אַראָב!... דאָס

האָבען שוין אין זיך אַלע יודישע פראַגען, אַז זיי ציהען זיך ווי אַ סמאָלע, נישט אָבצורייסען! און עס איז אַ פשוטע זאַך: דאָרט, וואו מען טהוט, ווערט אַ מאָל אָבגעטהון, אָבער וואו מען רעדט און מען קען נישט מעהר נור רעדען, — איז טאַקי פון די „ניין מאָס רייד" נישט פטור צו ווערען! דערמאַנט מען זיך, אַז ערשט נישט לאַנג האָט איינער פון אונזערע יודיש-פוילישע אָדער פויליש-יודישע שרייבער, אַ געוויסער „אָהר נומר 2", געשטעלט אין אַ בראָשורע די פראַגע: פאַר וואָס האָבען מיר נישט ליעב די יודען? און האָט געענטפערט: דורך דער יודישער חוצפה!...

אין דער געזעלשאַפט דערצעהלט דערוויייל עמיץ אַ מעשה:

ער האָט געקויפט אַ בילעט אויף דער אייזענבאַהן און איז אַריין אין וואַגאָן, וואו ער האָט זיך אויסגעקליבען איין אָרט, אַנידערגעלייגט דאָס פעקיל, און איז צוגעגאַנגען צום פענסטער נאָך אַ מאָל זיך געזעגענען מיט בעקאַנטע.

אַז דער צוג האָט גערירט, איז ער צוריקגעגאַנגען און געוואָלט זיך זעצען, נור דער פּלאַץ איז שוין געווען פערנומען און דאָס פעקיל זיינס האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד.

— מיין הערר, — מאַכט ער, נאַטירליך אויף פויליש, צו'ן אַ קריסט, וואָס האָט איהם דאָס אָרט פערנומען, אָבער...

הערט ער אַ קלאָרע תשובה! פּאַשאָל וואָן!...

ווערט ער שון אביסל אין כעס, זאָגט ער נאָך אַ מאָל, ווי הייסט? עס איז זיין אָרט, זיין פעקיל געלעגען...

ענפערט יענער שוין מיט אַ וואָרט מעהר:

— פּאַשאָל וואָן, זשידזיע!

זאָגט ער: ווי הייסט? בעצאָהלט האָב איך גלייך מיט דיר; האָב איך דאָסזעלבע רעכט, ווי דו... וכדומה...

הייבט יענער אויף אַ האַנד...

רוקט ער זיך אָב פאַר דער יד, און וואַרט אויפ'ן קאָנדוקטאָר.

אין איין וועגס קוקט ער זיך אום, און זעהט, אַז אין וואַגאָן איז דאָ אַ סך יודען און גאַנץ ווייניג קריסטען.

„פאַר׳ן ערגסטען פאַל״... טראַכט ער...

דער קאָנדוקטאָר קומט דערווייל אַריין; הערט איהם אויס, און פרעגט דעם עולם, ווי אַזוי איז עס געוועזען? צי עס איז אמת, וואָס דער יוד זאָגט?

דער קריסט, וואָס האָט דעם אָרט פערנומען, שווייגט און שמייכעלט פיינוועגעריש.

די יודלעך אין וואַגאָן שווייגען אויך. נור די עטליכע קריסטען רופען זיך אָן, דאַכט זיך, שלא ממין הטענה:

עס איז מיט די יודען — זאָגען זיי — נישט מעגליך צו פאָהרען צוזאַמען אין איין וואַגאָן: שטענדיג אונרוהען. שטענדיג האָבען זיי טענות, ציפען זיך אָן ווי אַ סמאָ־ע... מען דאַרף פאַר זיי האָבען עקסטראַ וואַגאָנען ווי פאַר פיה...

דער קאָנדוקטאָר, וואָס איז גאָר נישט געוואָהר געוואָרען, געהט נאַטירליך אַרויס מיט גאָר נישט...

די קריסטען רעדען ווייטער, ווי אונמעגליך עס איז צו פאָהרען מיט יודען צוזאַמען; די יודען שווייגען, איינער פון זיי האָט דאָך נישט אויסגעהאַלטען! עס איז געוועזען אַ יוד לויט דער נאָז, נור אַ קריסט לויט די וואָנסען!

— אמת יודישע חוצפה! האָט ער אויסגערופען אויף איין עכט יודיש־פויליש לשון! אַ לאַדע וואָס מאַכט מען אַ געשריי!

און איין אַנדערער האָט דערצעהלט איין אַנדערע מעשה:

איך געה, — זאָגט ער אין גאַס, — טרעף איך אַ בע־קאַנטען פון פראָווינץ, אַ מאָל ביי מיר געוועזען! איך האָב׳ן גע־קענט אַלץ סוחר, אַלץ אַ גרויסער סוחר; גרויס קרעדיט גע־האַט!... ביי מיר טאַקי געקויפט... געהאַנדעלט — נישט קשה... געדונגען זיך, נור געצאָהלט צו דער צייט.

פלוצים האָט ער אויפגעהערט צו קויפען... רעכען איך, ער איז איבערגעגאַנגען צום קאָנקורענט... וויל איך איהם שרייבען... היות... עס פאַסט נישט... איך וועל איהם העכערן דעם קרעדיט... קלענערן די פרייזען... וכדומה... האָב איך אָבער פערגעסען... פערנומען, ווי איהר ווייסט...

אַז איך טרעף איהם אָבער אין איין גאַס, דערמאַן איך מיך,

א זכרון, ברוך השם, האָב איך! נעה איך צו, שלום עליכם!...
ווי אַזוי רעדט מען מיט א יוד פון פראָווינץ?

שלום עליכם... געשעפט איז געשעפט!...

איך זעה, ער איז אָבגעריסען! ביי מיר איז ער געוועזען אין בעל־בתישע קליידער; רעכען איך, אַז דאָס איז ער צו מיר געקומען אין גאַנצע קליידער, אָבער אין גאַס, — א פראָווינץ־יודיל, — טראָגט ער זיך ווי אין דער היים!... פראָווינץ־גבירים, ווייסט מען שוין, געהען אָבגעריסען, נעכטיגען אין אָרימע נאַכטהייזער, עסען אין די ביליגע קיכען... אַזאַ טבע האָבען זיי. הכלל — „שלום עליכם!" — „עליכם שלום!"...

קלער איך מיר אַזוי: א היים פיהרען איז א בושה פאַר'ן לאָקיי; פערבעט איך איהם אויף שווארצע קאַווע... מן הסתם אויף די נאַלעווקים, צו קאַנאַריקען...

פאָהרען מיט איהם אויף אַ דראָשקע, פאַסט נישט; געה'ן מיר צו פוס, האַטש, איהר ווייסט, אַז די פיס ציטערן מיר... נור — איבערגעקומען!

מיר זיצען שוין ביי דער קאַווע... זאָגט ער מיר, ער איז הונגעריג!

היים איך עפּיס דערלאַנגען... זעה איך, — ער פרעסט! טראַכט איך — אַ פראָווינץ יודיל, פרעסט געלד, שלינגט ער!... נור, — ער וועט שוין בעצאָהלען דערפאַר!

איך שפּרינג שיער נישט אויס דער הויט, נור אויסהאַלטען מוז מען... ענדליך, איך עטהעם אָב! ער האָט, מיט נאָכט הילף אָבגעגעסען, אָבגעווישט זיך די וואָנסען מיט דער פאָלע...

פרעג איך איהם: וואָס הערט זיך? און וויל צושלאָגען צום געשעפט.

זיפצט ער!

פרעג איך: „וואָס זיפצט איהר?"

ענטפערט ער, אַז ער האָט שוין דריי יאָהר באַנקראָטירט, זיצט אָהן פרנסה... וואַלגערט זיך אַרום אין וואַרשוי, זוכט א שטעל...

אַ העזה פון אַ קבצן!... ע נ ט פ ע ר ט ער מיר „שלום עליכם!", נעהט ער מיט מיר אויף שוואַרצע קאַווע! איהר הערט אַ חוצפה! ער פרעגט מיך נאָך, וואו איך וואָהן! ער וויל נאָך צו מיר קומען!...

און, נאָך, און נאָך אַזוינע מעשיות דערצעהלט מען וועגען י ו ד י ש ע ר ח ו צ פ ה!

ערוב.

„און די פיערטע מכה פון מצרים — זאָגט דאָס דייטש־חומש — איז געווען ערוב". און דאָס דייטש־חומש פערטייטשט: ערוב איז אַ פערמישונג פון אַלערליי קליינע און גרעסערע חיות און פון שקצים ורמשים, הן פון אויבער דער ערד, הן פון אונטער דער ערד און אפילו פון ימים ומדבריות... אַלע זענען געקומען קיין מצרים, און עס איז נעגאַנגען אַ טחויר מיט אַ מויל־וואָרף, און אַ פוקס מיט אַ קיניגיל און אַ שטעכעדיג־חזיר'ל מיט אַ גליטשיגער פראָש וכדומה אַלערליי פרעסער, בייסער און ציפער און האָבען זיך צולאָזט אין גאַנץ מצרים. און אַז אַ מצרי האָט זיך אָבגעשטעלט אין גאַס און געוואָלט עפּיס נעהמען אין מויל אַריין, אָדער אַ מצרי'טע האָט געוואָלט עפּיס פערבייסען די נשמה צו דערהאַפּען, אָדער עס איז דורכגעגאַנגען אַ בעלפער מיט „פּאָדוואַרימים" פאַר דעם מצרי'ס מיט דער מצרי'טעס קינדער אין חדר אַריין, איז אונטערגעשפּרונגען אַ חיה'לע און האָט אויסגעריסען דאָס עסענוואַרג פון די הענד, אפילו דעם ביסען פון מויל... אַנדערע קלענערע חיה'ליך האָבען זיך געהאַלטען אין די לעבער און אין די שפּאַלטען פון די שטיבער, און אַז זיי האָבען דערפיהלט אַ ריח פון מאכלים, זענען זיי אַרויס פון זייערע בעהעלטענישען און געחאַפּט פון די טישען, פון די שיסלען און פון די טעפּ... און גאָר קליינע חיה'ליך האָבען זיך אַרונטערגעחאַפּט די מצריים אונטער די מלבושים און אָבגעביסען פון זיי די הויט... און עס האָט געהונגערט דער מצרי מיט דער מצרי'טע אין שטוב און אין גאַס און די קליינע קינדער אין די חדרים, און די חיות מיט די חיה'ליך זענען אַלץ פעטער און דיקער געוואָרען... און פון אַ ווערמיל איז אַרויסגעוואַקסען אַ פוקס, פון אַ היישעריק אַ לייב...

דער רבינו בחיי שרייבט: אַז דער נס פון ערוב איז געווען על פי דרך הטבע, אַז עס איז נעקומען די צייט

אויסצוליייזען ישראל, האָט דער רבונו של עולם געשיקט אַ הונגער אויף די חיות אין די לעכער, אין די הײלען, אין די וואַסערן און אין די געמויזעכצער, און דער הונגער האָט זיי געטריבען פון זייערע ערטער צום ישוב צו, און די נייע מחנות האָבען געטריבען די אַלטע מחנות, פון דערפער אין שטעדטליך, פון שטעדטליך אין שטעדט, פון שטעדט אין גרעסערע שטעדט אַריין ביז צו פרעה׳ס פּאַלאַץ...

. . . .

דאָס אַלץ איז אַמאָל געווען!

היינט איז אפשר אויך שוין צייט אויסצולייזען ישראל, נאָר די מכות פאַלען נ י ש ט אויף מצריים...

און אַ הונגער איז, און טרייבט די חיות, די חיה׳ליך פון דערפער אין שטעדטליך, פון שטעדטליך אין שטעדט, פון שטעדט אין גרעסערע ביז אין גאָר גרויסע שטעדט אַריין, און זיי זענען הונגעריג און האַפּען פון די הענד און פון די מיילער, און נישט דער מצרי הונגערט, נאָר די „כ נ ס ת י ש ר א ל״, היינט האָט זי ערוב...

און דער היינטיגער ערוב פון כנסת ישראל איז ערגער פאַר יענעם ערוב פון די מצריים... יענע חיה׳ליך האָבען נור געחאַפּט עסען־וואַרג און נישט קיין מלבושים, ווייל די חיה׳ליך זענען געגאַנגען נאַקיט, און די היינטיגע חיות און חיה׳ליך טראָגען ראַצעמאָריגע קאַפּטאַנעס מיט סטראָקעס, זילבער־האָהריגע שטריימליך און זיידענע זאָקען... און די נקבות פון די חיה׳ליך טראָגען סאַמיטענע און זיידענע מלבושים מיט טהייערע בראַבאַנטער־שפּיצען, און היטען פון יענער זייט גרעניץ מיט פעדערן פון פייגעל פון יענער זייט ים, און זילבערנע און גאָלדענע פאַנטעפאַליך, אַזוץ אַזוי תכשיטין... און די חיה׳ליך ווערען אויך פעט און דיק און וואַקסען אין דער לענג און אין דער ברייט, און מעהרען זיך ווי פיש אין וואַסער, און ווי די פרעש אין מצרים און ציהען אונז אָב די העמדער פון די לייבער און דערנאָך ערשט רייסען זיי דעם ביסען פון מויל...

. . . .

און די חוצפה פון די חיה'ליך וואקסט פון טאָג צו טאָג, און דער אפּעטיט ווייערער פון שעה צו שעה.

און אַז איין אַלמנה פון ערגיץ איין עפּוש לעבט אין דחקות פון אַ ציעג, הערט זי דעם גבאי'ס איין עצה, פערקויפט די ציעג, קויפט זיך אַ צעטיל אויף דער לאָטעריע און די רעשט גיט זי אַוועק דעם חיה'לע פאַר אַ צוזאָג — אַ זכה בגורל... געווינען, פערשטעהט זיך, געווינט ערגיץ איין אָנגעגעסענער עושר, און זי מיט די קינדער שטרעקען אויס די צונג פאַר אַ טראָפּען מילך...

און אַז איין אָרימער בעל־הבית לעבט צעהן יאָהר מיט אַ ווייב און האָט, נ״שט פאַר איך נעדאַכט, קיין קינדער נישט, און ער זאָגט: „אָהבתי את אשתי״ און וויל מיך מיט איהר נישט גט'ען, גיט איהם עמיץ איין עצה טובה, און ער נעמט דאָס הייזיל און פערשרייבט אויפ'ן הייליגען רבינ'ס נאָמען פאַר אַ בן זכר... קיין בן זכר, פערשטעהט זיך, בעקומט ער נישט, נאָר דער הייליגער רבי פערמאַכט א י י ן אויג, דערנאָך דאָס צ ו ו י י ט ע, און זיין יורש טרייבט דעם אָרימען בעל־הבית פון דירה אַרויס און ער וואלגערט זיך אַרום מיט דער עקרה אין גאַס...

און ווער עס טרענקט האפּט זיך אָן ביי אַ שטרוי... און אַז אַ קלוג און קאַרג געוואָרענער פריץ נעמט צו ביי'ם יוד די פּאַכט און גיט זי אַוועק זיין אייגענער טאָכטער פאַר נדן, פאָהרט דער יוד מיט ווייב און קינד און צובראָכענע זיבען זאַכען אין שטאָדט אַריין... און איידער ער דינגט נאָך אַ דירה, די פוהר מיט די זאַכען שטעהט נאָך אין מיטען מאַרק, דאָס ווייב מיט די קינדער דרעהען זיך אַרום דער פוהר אָדער זיצען און קרעכצען — זוכט ער שוין פּרנסה, לויפט ער אַריין צום הייליגען רבי'ן, וואָס האָט זיך צו זיין מזל נאָך אויף אַ טאָג פערהאַלטען אין שטאָדט, און קויפט פאַר'ן לעצטען גראָשען אַ ברכה... די ברכה, פערשטעהט זיך, ווערט נישט מקוים, דער דאָרפס־יוד האָט זיך נישט צו וואָס צו נעהמען, פון געזונטען ווייב איז איין „עפּוש״ געוואָרען אַ „לא עליכם״, אַ „לא־יצלח״, די־

קינדערליך פאַלען אויך גאַנץ אָפּט אַוועק... אָבער אַ גלאָז מילך פאַר אַ קראַנקען, אַ רעצעפּט צו ח"י גדולים פאַר איין אַנדער חיה'לע איז שוין נישט דאָ!

און אַז אַ יונגער מאַן פון „עפּוש", צי נישט פון „עפּוש", האָט זוכה געווען אַראָבצוגעהן פון קעסט מיט ווייב און קינדער און דעם נדן האָט דער שווער צוגענומען, צי אַ שותף, צי דער פּריץ, צי ער איז אַזוי געגאַנגען לאבוד, און דאָ רופט מען: יעמוד! — זיי מוחל שטעל זיך צום „פּריזיוו", און אַצונד דיענען קען ער נישט, טאָר ער נישט, וואו וועט זיך דאָס קליינוואַרג אַהין טהון? בעוואָרענט ער זיך טאָפּיל: קויפט ער ביים רופא זיך אַ פעהלער און ביים חיה'לע פאַר'ן לעצטען רובעל אַ גרויסען לאָז... און ציהען ציהט דער שלימזל אַרויס אַ קליינעם לאָז און דער פעהלער האָט דערוו ייל אויך נישט געהאָלפען — ער געהט און, ווייב־און־קינד געהען אויס פאַר הונגער...

. . . .

און פון ערגיץ איין „עפּוש" ווערט אַ חיה'לע געטריבען און געטריבען ביז עס קומט קיין וואַרשוי, און שטעלט זיך אָב אין דער און אין דער גאַס. און ימים נוראים איז עס, דאָס הייסט: פאַר'ן „פּריזיוו", און דאָס חיה'לע בענוצט זיך מיט דער צייט און שרייבט נח מיט זיבען גרייזען אַ מודעה, און צו־וואַרפט זי אין אַלע „יודישע" גאַסען און הייף, באשר בכן ער איז אַ ספּעציאַליסט צו „פּריזיווען", היוכע נומערן האָט ער... אויך, אַז מען דאַרף, פערקי'ענערט ער די מאָס, און פערגרעסערט וואָס עס איז פאַר אַ „פעהלער"... און פּריזיוו'ניקעס קומען פון אַלע גאַסען, און גלויבט נישט דער „פּריזיוו'ניק אַליין" האָט ער, ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר, אַ טאַטען, וואָס גלויבט, אַ מאַמען, וואָס גלויבט. און מוהמעס עטליכע וואָס גלויבען, און מען פערזעצט די קישען פון אונטער די קעפּ, די מלבושים פון לייב, און מען פערשולדיגט זיך, אויף גאָטס בעראָט, גמילות חסדים, און מען איז זיך משוה כמנין „פּטור", און מען שאָקעלט אויס פאַר'ן חיה'לע די קעשענים ווי צו תשליך, אַז מען האָט

נישט מעהר און מען גיט האַנד־געלד און אַ חרם־קוויטעל אויף די רעשט...

און דערנאָך אַז דער „פריזיוו'ניק" געהט דיענען, האָט מען איהם קיין לייביל, קיין העמד נישט מיטצוגעבען...

. . . .

און, אַז עס מאַכען זיך שלעכטע צייטען אין „גרר", די פרנסה פאַלט, און סמאָלע טרייבען אין וואַלד לאָזט מען נישט, קיישליך פלעכטען קען מען נישט, און דער פויער האָט נישט מיט וואָס אין שטאָדט אַריינצוקומען און פאַר וואָס עפיס צו קויפען, און עס פוילט דאָס לעצטע ביסיל סחורה אין געוועלב, און דאָס ביסיל געבעקץ שימעלט ביים בעקער... און דער יוד פון גרר האָט בטחון און ריהרט זיך נישט פון גרר, און האָט אפילו אויף „הוצאות־הדרך" נישט, ער זאָל זיך קענען ריהרען פון גרר; קוקט ער מיט הוילע אויגען אויפ'ן טעלעריל פון הימעל, און עס געהט די סדרה: „ויהי רעב בארץ" — ווערט קלייען־ברויט אַ מאכל, מיט קאַרטאָפלים־שאָלעכטס צוגעביסען... און מען הונגערט, און מען קרענקט, און איין אונטערגאַנג פער־שלעפט זיך, און „גרר" הויבט אָן זוכען חטאים, תשובה־טהון, האַלב גרר לויפט אויף קבר אבות שרייען, די צווייטע העלפט רייסט איין די שוהל מיט קולות, און דערהערען דערהערט אַ „חיה'לע" אין עפוש, עטליכע מייל פון גרר, און עס קומט צופאָהרען...

און עס קומט צו פאָהרען, און עס שטעלט זיך אָב אין פאָר־שטעדטיל, אין ערשטען הייזיל באַלד, און דינגט דאָס הייזיל אָב ביים פויער, און רייניגט עס מיט קרייטעכצער, און שלאָגט מזוזות אָן ביי די טהירען, און קמיעות פאַר די קוימען און לעגט הייליגע ספרים אויף די פענסטער און עפענט דערנאָך אַ קליין לופטציקיל אויף גרר און נעמט, און נעמט — ווי אַ בייז פערד נעמט ער... ער נעמט, און די מגפה נעמט!

. . . .

און דער גראָדזיסקער רבי פאָהרט נישט אַרויס, ער איז אַ מושל בכפה אויפ'ן אָרט, און וואָלט געהאַט אַ גן עדן אין

גראָדזיסק, ווען נישט דער משולח פון לאָמזשער ישיבה, וואָס קומט פון צייט צו צייט צו פאָהרען, האַלט אַ דרשה און נעמט ביי אַ גראָדזיסקער יוד צו אַ דרייער, טאַקי דעם דרייער, וואָס דער רבונו של עולם האָט איבערגעגעבעפערט דעם גראָדזיסקער צדיק, טאַקי דעם דרייער, אויף וועלכען דער גראָדזיסקער צדיק רעכענט, און קען זיך פון איהם באין אופן נישט מתיאש זיין...

און עס ווערט אַ מלחמה צווישען גראָדזיסקער צדיק און דעם משולח פון לאָמזשער ישיבה... צווישען דעם גראָדזיסקער צדיק'ס „תורה" און לאָמזשער משולח'ס דרשות, וועגען דעם הארטען דרייער, וועגען דעם גראָדזיסקער יוד'ס הארטען דרייער...

און עס האָט זיך געדאַכט: דער גראָדזיסקער האָט מנצח געווען, חסידים האָבען זיך אריינגעלעגט אין סאַמע מיט, און מען האָט געאַסרט דעם לאָמזשער משולח'ס דרשות! און נישט פון הימעל האָט מען געאַסרט, נישט קיין בת־קול האָט אויס־געררופען אַ גזרה, נאָר די „מעשענע קנעפ", וואָס האָבען צו זאָגען און צו שאַפען!

דער כח פון דער לאָמזשער ישיבה איז אָבער גרויס, און נאָך גרעסער דעם משולח'ס יצר־הרע צום גראָדזיסקער יוד'ס דרייער, און אַ יוד אַ למדן האָט זיך איין עצה געגעבען, און איז אַראָבגעקומען קיין גראָדזיסק ווי אַלע מאָל, קיין דרשה זאָגען וועט ער נישט, אָבער תורה לערנען מעג ער? תורה פון חומש אַרויס!

און שבת פרשת „איך זאָל אַזוי וויסען פון בייז'ע", האָט זיך דער משולח אַנידערגעזעצט ביים גרויסען לומדים־טיש אין גראָדזיסקער בית־המדרש. און אַרום טיש האָבען זיך געזעצט די גרויסע בעלי־בתים, אין דער משולח און די גרויסע בעלי בתים האַלטען אָפענע חומשים פאַר זיך, און אַרום דעם עולם מיט די אָפענע חומשים שטעהט אַ ראַד קלענערע בעלי־בתים, און אַרום די קלענערע נאָך קליינע בעלי־בתים, דערנאָך ערשט אַ ראַד פון בעלי־מלאכות און אַזוי יורען... און דער משולח הויבט אָן אַ פסוק און פערטייטשט ע"פ פשט, און פרעגט אַ קשיא און פערענטפערט זי, און ווי פון אונטער דער ערד וואַקסען אַרויס

אַנדערע צוויי קשיות, דערנאָך פיער, דערנאָך אכט, און זיי פערוויקלען און פערקניפּען זיך, און פערבינדען זיך און עס ווערט אַ דרשה, אַ קינסטליכע דרשה ווי אַ שפּינוועבס אַרום תורה'לע, און עס קנאַקט און עס רוישט, און דער עולם טראַכט: עס איז זיסער ווי האָניג, און דער משולח טראַכט: דעם גראָדזיסקער יוד'ם האַרטער דרייער איז מיין...

און עס האָט זיך געדאַכט, ער האָט מנצח געווען, נאָר נישט אַזוי געשווינד איז מען אַ חיה'לע פון „ערוב" מנצח...

דאָס חיה'לע זעצט זיך צום טיש, און קיינער קומט נישט צו געהן! עס טראָגען זיך די ריחות פון שבת'דיגע טיש־בשמים. — וואו זענען די נעז? עס וועט אַריין אַ קוגעל — ווער וועט האַפּען שירים? און ווער וועט שטעלען ווייַן? מיט וועמען וועט ער בענשען?

— וואָס איז געשעהען? פרעגט דער רבי זיין רוח־הקודש, דעם גבאי, און דער גבאי ענטפערט:

— דער משולח פון לאָמזשער ישיבה דרש'ענט!

און דער רבי זאָגט:

— געה און זאָג, וואו מען דאַרף!

און דער גבאי ענטפערט: ער שטעהט נישט אויף דער בימה און זאָגט נישט אויסענוועניג, ביים טיש זיצט ער און לערנט, און זאָגט פון דער סדרא...

ווערט דער רבי גרין! די הענד ציטערן, די אויגען פלאַמען.

— געה — זאָגט ער מיט אַ הייזעריג קול פאַר כעס — געה אין בית המדרש אַריין צום עולם און זאָג זיי מיט די דריי אותיות, אַז איך היים נישט לערנען!

און דער גבאי איז געגאַנגען און האָט געזאָגט, און דער

עולם האָט זיך דערמאַנט, אַז מען דאַרף, אַז מען מוז מורא האָבען פאַר אַ רבי'ן, און דער משולח האָט אפשר קיין פאַס נישט געהאַט, און אויפגעהויבען האָט זיך דער משולח, צולאָפען זענען זיך די בעלי־בתים, דער גבאי האָט די חומשים פערמאַכט...

מנצח געווען האָט סוף כל סוף דער רבי, דער דריטער איז זיין!

אַ רוח.

אין קראַשינסקיס גאָרטען. צוויי יונגע לייט. ביידע רעדען יודיש. נאָר איינער ליטוויש — דער צווייטער פּויליש יודיש, דער ערשטער פרעגט, דער צווייטער ענטפערט.

— נו, איהר זייט נאָך אַלץ נישט קיין ציוניסט?

— ניין.

— אַנטי?

— חלילה, פאַר וואָס אַנטי? מורא האָבען פאַר דער „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ"?

— וואָס דען?

— איך ווייס צו וועניג!

— דהיינו?

— אָט... איך פלעג אַמאָל ערגסט דאַווינען... אין דאָס דאַווינען איז — ירושלים און ירושלים! ארץ ישראל און ארץ ישראל!

ווייס איך אָבער נישט. צו האָט מען ירושלים און ארץ ישראל דעריבער נישט פערגעסען ווייל מען דאַווינט אַזוי פיעל; צי מען האָט נור דעריבער נישט אויפגעהערט צו דאַווינען, ווייל מען קען אָן ירושלים און ארץ ישראל נישט פערגעסען?!

אין חדר פלעג איך לערנען: „ארץ זבת חלב ודבש" — אַ לאַנד — האָט מיר דער מלמד געטייטשט — וואָס פליעסט מיט האָניג און מיט מילך — האָניג און מילך האָט אַ קינד ליעב ווי דאָס לעבען! ווייס איך? אפשר האָב איך מיך דעריבער דער־פרעהט, אַז איך האָב געהערט פון חבת ציון?

איך געדענק מיך גאַנץ גוט יונגיל־ווייז... די שפּעטערע צייטען בעמיה איך מיר צו פערגעסען... קיין גרויסע האָפנונ־גען אויף שפּעטער האָט מען אויך נישט... און, אַז עס ווערט נישט גוט אויפ'ן האַרץ, אַנטלויפט די נשמה צו די קינדער־יאָהרען, ווי אַ טויב אין טויבענשלאַג אַריין... איך ווייס נישט, אויב אַלע טהוען אַזוי, איך טהו עס, און עס העלפט אַמאָל און

פערטרייבט די מרה־שחורה... געדענק איך, ווי אַלע מיינע חברים פלעגען מיט שמחה וששון נאָכלויפען דער פאָלקאָוואָי־מוזיק, בכלל דעם מיליטער. אין וואַרשוי זעהט מען עס זעלטענער, איז עס מעהר אינטערעסאַנט — קינדער לויפען... מען קען זיך נישט זאַט אָנקוקען, ווי עס בליצט דורך די „שטיקעס" פון די ביקסען; זאַט אָנהערען די שטאַרקע, פעסטע מעשענע קולות, וואָס געהען ווי איינעהמען אַ וועלט. איך איינער, געדענק מיך, פלעג מיך נישט פרעהען. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ווען עמיץ בעפאַלט מ י ך, מיין ט אַ ט ע ־ מ אַ מ ע, מיינע ב ר י ד ע ר און ש ו ו ע ס ט ע ר, וועט דאָס חיל נישט זעהען, נישט הערען, און ווייטער מאַרשירען און ווייטער שפיעלען, און ווייטער געהען איינעהמען די וועלט... און דערביי פלעגען זיך מיר בעוויזען טרעהרען אין די אויגען... פשוט פאַר קנאה: וואו איז מ י י ן מיליטער, מ י י ן מוזיק? אַז י ע נ ע ר האָט...

איך פלעג. מיט פערמאַכטע אויגען און אַ צורודערטער נשמה, אויסהערען מעשיות פון משיח'ס צייטען. דער „רבי" אין חדר פלעגט דערצעהלען, די באָבע אין דער היים, צי אין בית־המדרש — עלטערע יונגליך. ווי ליעב האָב איך געהאַט דעם „מלך המשיח"! מיט אַלעם גוטען און טהייערן האָב איך איהם בעקליידט און בעהאָנגען! ביי אַ רייכער מוהמען (ז'אי' שוין אויפ'ן עולם אמת) האָב איך אָבגעריסען די פערל פון האַלז. ביי'ם גענעראַל, וואָס האָט געוואָהנט געגענאיבער — די ווייסע פעדערן פון איבערן קאַסק... ביי'ם כהן־גדול — דעם חושן ואפוד צוגענומען! איך וויים? נאַקיט און באָרוויס וואָלט איך אַ וועלט געלאָזט! אָבער נישט שטענדיג. טהייל מאָל האָט מיך מעהר גענומען משיח בן יוסף, וואָס דאַרף אומקומען, געהרג'ט ווערען... און איך האָב אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל: פאַר וואָס? פאַר ווען? און נאָך וואָס זאָל איינפאַלען די אַייזערנע בריק? און איך פלעג טראַכטען: ביי יציאת מצרים האָט ער די מלאכים נישט געלאָזט זינגען: מעשה ידי — זאָגט ער — טובעים בים..., און לעתיד לבא... אַזוי אָהן רחמנות? וואָס זענען זיי ערגער פאַר די מצרים?

— קינדער־געדאַנקען!

— עהרליכער ווי מענשען־געדאַנקען, און אמת׳ער־אויך! דאָס זענען די גאָלדענע פעדעם, פון וועלכע עס שטיקט זיך ערשט אויס אַ נשמה פון אַ מענש, אַ פרישע ריינע נשמה...

נאָך געדענק איך: אין דער מערת המכפלה, געקויפט ביי די בני חת, וואָס האָבען מיט גוטע ריידיליך אויסגעשווינדעלט ארבע מאות כסף.. אין דער מערת המכפלה זיצט אברהם אבינו, אָנגעלעהנט מיט׳ן אַ קאָפּ אויף דער מוטער שרה׳ס שויס... די הגדה דערצעהלט אַזוי... און איך זעה בחוש ווי די מוטער שרה, מיט אַ קעפּיל ווי ביי׳ן אַ ציטער־נאָדעל, זיצט און פיהרט מיט לאַנגע, נור דינע און דורכזיכטיגע פינגער, צווישען אברהם אבינו׳ס זילבערנע לאָקען... אזוי זיצען זיי און ביידע האָבען פערמאַכטע אויגען, און עפענען די אויגען וועלען זיי ערשט ביי׳ם שופר של משיח, ווען די טערקישע וואַרטע וועט פער־שטיינערט ווערען פאַר שרעק...

און עס פלעגט מיך ציהען צו דער מערת המכפלה... צום זיידען, צו דער באָבען...

נאָר אויך נישט שטענדיג!

טהייל מאָל פלעגט מיך וואונדערן: פאַר וואָס טראָגט עס אברהם אבינו האָהר אַ חוץ באָרד און פאות?

טהייל מאָל פלעג איך גאָר זיין פון הגר׳ס צד, און וועלען דער מוטער שרה׳ן אָבטהון אַ שפּיציל! און איך פאַנטאַזיער הויך צווישען די חברים: איך וועל מיך אויסלערנען טערקיש, אַנטלויפען קיין ארץ ישראל, שטעלען מיך דאָרט פאַר אַ זעלנער. און, אַז עס וועט מיר אָנקומען צו שטעהן אויף דער וואַכט פאַר דער מערת המכפלה, וועל איך ביי נאַכט, אַז קיינער וועט נישט זעהן, שטילערהייט אַוועקשטעלען דעם ביקס, אַריינהאַפּען זיך אין דער הייל, אויף די נעגיל צוגעהן און געבען דער מוטער שרה אין נעזיל אַריין — — —

נאָר אַרויסזאָגען: „אַ שנעל", האָב איך די העזה נישט געהאַט.

— בעסער אַ שמעק טאַבאַק! האָט דאָך עמיץ אונטער־געחאַפּט...

— קונדייסים!

— גוטע צייטען געווען!... און וואָס נאָך האָב איך געוואוסט פון ארץ ישראל?

צו כותל מערבי, האָב איך געהערט, קומט מען צוזאַמען מארבע פנות העולם ווייגען, די וואַנד איז גליטשיק פון טרעהרען...

און איך האָב געגליסט צו דער כותל מערבי... דאָרט אַ תשעה־באב! צווישען איין עו"ם מארבע פנות העולם וואַרפען בערליך!

טהייל מאָל איז מיר בעסער געפעלען די אילומינאַציע אויף רבי שמעון בן יוחאי'ס קבר! ווייבער וואַרפען פון די אַקסעל אַראָב די טהייערסטע פערשיעדענפאַרביגע טערקישע שאַלען, טינקען איין אין פעטער שמן־זית און צינדען אָן! — — אַ חוץ אַזוי הבדלות, ליכט און קאָליערטע פאַפּירענע לאַמטערן! אַה!

נאָך. ביי אונז אויפ'ן הויף — מיר האָבען דעמאָלט אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס געוואָהנט — האָט געוואָהנט אויך אַ שוחט, אברהם מאַנים האָט ער געהייסען. אַ שם־דבר איז ער געווען דער אברהם מאַנים. ווען ער פלעגט מיך טרעפען, פלעגט ער מיך קנייפּען אין בעקיל — איך בין אַ שטיקיל עלוי געווען און ער — איין אַלטער מתמיד! דער נאָמען „אברהם מאַנים" געדענק איך. נאָר פאָרשטעלען קען איך מיר איהם שוין נישט. פערמאַך איך די אויגען, זעה איך נישט מעהר, ווי אַ ווייסע, לאַנגע, זעהר לאַנגע באָרד; ז׳ איז געווען די לענגסטע אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס, די לענגסטע אין גרויסען מנין. טהייל מאָל זעה איך נאָך אַ רויטען האַלזראַן־נאַקען פון הינטען, מיט אַ שטיק בעוואַקסען האַרץ פון פאָרנט — ער איינער פלעגט נאָך טראָגען איין אָפען העמד מיט נאָכגעלאָזטע בענדליך... מעהר זעה איך שוין נישט... אָט דער אברהם מאַנים איז מיט דער צייט שוואַך געוואָרען אויף די אויגען, אוועקגעלייגט דעם חלף און געקליבען זיך קיין ארץ ישראל —

אין מנין איז געווען אַ רעש. לומדים האָבן געקלערט, צי מעג מען אויסמיידען משיח'ן, מען האָט אויפגעמישט הונדערטער גמרות און ספרים, אַהין און אַהער, — מען האָט זיך צושוויצט, צוזאַמפּערט... נאָר אַזוינע וויכוחים פלעגן זיין וועגן איין על חטא ביום כפור שחל להיות בשבת, און פלעגן אַזוי לאַנג דויערן, ביז איין אַלטער מנין־יוד האָט זיך אויפגעשטעלט און פאַר'ן עולם עדות געזאָגט, ווי אַזוי מען האָט זיך נוהג געווען פאַר־יאָהרען! און אַזוי איז געבליבען. דאָ אויך. דער מנהג איז, אַז ווער עס וויל פערשפּאָרען גלגול מחלות, פאָהרט קיין ארץ ישראל...

צווישען אונז יונגליך איז אויך געווען איין אַנדער מין וכוח... מען האָט זיך אָנגעשמעקט מיט השכלה... איינער פון מיינע חברים האָט געלאַכט: „וואו מען מעג ווערען יעדנעראַל דאָרט איז ארץ ישראל" — דאָ! איהם פלעגט זיך שטענדיג חלום'ען אַ רייט־פערד מיט עפּאָ־עטען!

און אין דער היים ביים וואַרימים האָט מען געקלערט: ווי אַזוי וועט אברהם מאנים, דער אַלטער בטלן, מיט די האַלב בלינדע אויגען, טרעפען קיין ארץ ישראל? די מאַמע פרעגט: ווי אַרום פאָהרט מען קיין ארץ־ישראל... דער טאַטע זאָגט, מן הסתם איבער קאָנסטאַנטינאָפּאָל... און וואו ליגט קאָנסטאַנטינאָפּאָל? וויט, וויט! און מען האָט געשפּינען אַ מאָדנע געאָגראַפיע איבער טהאָל און בערג. נאָר די אַלטע מירל האָט זי איבערגעריסען. די אַלטע מירל איז געווען אונזער דיענסט און האָט געזאָגט, אַריינברענגענדיג דאָס ציבעלע פלייש, אַז אויפ'ן הויף זאָגט מען אויף זיכער, אַז „ראָני" די אברהם־מאנים'עכע פאָהרט מיט... „ראָני" וועט טרעפען! זאָגט די מאַמע. אַלע זענען מודה, אַז „ראָני" וועט אויפ'ן פייער נישט פערברענט ווערען!

דעם נאָמען „ראָני" געדענק איך דורך אברהם מאניסעס אַ גלייכווערטיל. אַז ער פלעגט פון שחט'הויז אַ היים קומען שפּעט, פלעגט ער אָנקלאַפּען: קומי רוני בלילה!

און ליעב האָט זיך דאָס אַלטע פאָר פאָלק געהאַט, נאָך ווי ליעב!

אברהם מאַניס איז אונזער בעל־תקיעה געווען — —

און דאָס אָנטהון פלעגען זיי, אַ פּנים, האַלטען אויף א יי ן בענקיל... און איינמאָל ראש השנה איז אברהם מאַניס געקומען צו די תקיעות אין ראָניס אַ העמד במקום אַ קיטעל! און האָט נאָך געשמייכעלט: „נישט קשה אַזאַ טעות, ראָני איז אַ צדקת!" נאָר פאָרשטעלען ראָניען קען איך מיר אויך נישט: איך געדענק נור: אַ קליינע, אַ פרעהליכע, אַ דורכזיכטיג פאַפּירען נעזיל מיט אַ קיל פון אַ פייגעלע. נאָר „ראָניע איז אַ לייט, מיט איהר וועט ער זיך שוין דורכשלאָגען!"

געגען וואָס דערצעהל איך עס?

יאָ... ראָניע איז צוריק געקומען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל...

זי איז קראַנק געוואָרען פאַר בענקעניש, און פּלוצים פּחד בעקומען פאַר'ן ים... אברהם מאַניס איז ווייטער געפאָהרען...

ראָני האָט איהם פערלאָזט!

אַז זי האָט צוריק צו וועגם דערזעהן די ווייקסעל, האָט זי געוויינט פאַר פרייד! און גאַס האָט זי ממש געטאַנצט — דערנאָך איז זי געלאָפען אויף בית עולם ארום און געפּאַטש אין די הענטליך: מיינע ליעבע קברים, מיינע טהייערע קברים!... און עליה השלום, דער באָבען מיינער, האָט זי מיט גרויס נחת און מיט טרעהרען אין די אויגען דערצעהלט, אַז, געלויבט איז זיין ליעבער נאָמען, וואָס זי האָט זוכה געווען מיט איהרע אייגענע הענד אָנצוריהרען די שיף, וואָס איז אַוועקגעשוואומען גלייך קיין ארץ ישראל...

זי האָט אָנגעריהרט די וואַנד פון שיף און די האַנד געקושט, ווי ביי אַ מזוזה!

— ווייבערישע זאַכען...

— ניין, דו ביסט צו טרוקען, דו פערשטעהסט עס נישט: אַ ווייבערישע צו אַ מענישע, נאָר אַ האַלבע נשמה דאָ, אַ האַלבע דאָרטען.

— מען רעדט דאָך אָבער נישט פון אַלטע יודען און

ידענעס, וואָס אַנטלויפען פאַר גלגול מחלות... נישט פון שטאַרבען, פון לעבען רעדט מען!

— איך וויים? דאָס איז געווען נירסא דינקותא... חדר־זאַכען... און היינט וואָס וויים איך? וואָס גיבען מיר די „בלעטער"?

איך לעז, וואָס עס לאָזט זיך לעזען... איך אליין אויף פאָליטיק פערשטעה מיך נישט... נאָר אַזוי, וואָס הערט זיך דאָרט?

איינער זאָגט: יק"א און ראָטשילד הרג'נען די קאָלאָניעס מיט זייערע שווערע פליגעל, וואָס זיי האָבען איבער זיי פער־שפרייט... דאָס אפטרופסות איז סם המות! עס וואָלט שוין לאַנג דאָרט פתום ורעססם — טפו! ווי דאָס גלות האָט זיך איינגעגעסען, איך מיין „איש תחת גפנו" געווען, און ווי ווייטער שטעהט... קומט אַ צווייטער און זאָגט: ניין, דער חסרון איז, וואָס מען וויל איבער נאַכט מאַכען פון אַ סוחר אַ פויער... אומגעלערנט מאַכען... איין אַגראָנאָם־שולע דאַרף מען. עפענט איין אַגראָנאָם־שולע וועט זיין ששון ושמחה... קומט דערנאָך אַ דריטער, אַ כתוב השלישי און זאָגט: וואָס ווילט איהר? פיינעל מילך? עס געהט על צד היותר טוב! אַ מחיה! און באותו הרגע, ווי איך לייען עס, קומט אַריין איין אָרימאַן... ווער ביסט דו? אַ געוועזענער קאָלאָניסט אין ארץ ישראל...

ער האָט דעם „חלב ודבש" אַ פנים, נישט פערדייעט!

זיי שווייגען אַ ווייל'ע, און דער ליטוויש־רעדער זאָגט:

— עס האָט זיך געמאַכט אַ נייע חברה צו שטודיערען, אויסצופאָרשען ארץ ישראל...

— באַ! וואָלט געווען איין עסק... קלאָרע דבורים...

וואָרום נאָך אַמאָל דאָס זעלבע: אויף פאָליטיק פערשטעה איך מיך נישט... אַדיע!

— אַדיע!

די לויה.

אין אזא גרויסער שטאָדט ווי וואַרשוי, מוזען זיין גרויסע לייט; און אַז גרויסע לייט שטאַרבען, זענען גרויסע לויות.

אין יענע וואָך זענען דאָנערשטאָג און פרייטאָג גרויסע לויות געוועזען!

לעער זענען געוועזען די גאַסען, די רעסטאָראַנען, קאָנדיטאָרייען, קאָפעען; אין די גערטען האָט מען געקאָנט עובר זיין אויפ׳ן גאַנצען שלחן־ערוך, אונזערן צי זייערן, אָהן עדות; פאַר דאָס איז פול געוועזען דאָס בית־עלמין, עס האָט געווימעלט אויפ׳ן בית־החיים.

און ווער האָט זיך דאָרט דאָנערשטאָג און פרייטאָג נישט געטראָפען?

דער ווירטה מיט׳ן לאָקאַטאָר, דער מלוה מיט׳ן לוה, דער ברויט־נעמער מיט׳ן ברויט־געבער — אַלע האָבען זיך אָנגעקוקט און אָבגעקרעכצט:

— וואָס איז ווערט — האָבען זיי געטראַכט — אונזער פריינדשאַפט און אונזער האַס, אונזער קאָנקורענץ און אונזער הילף, אונזערע טענות, סכסוכים, קאָנטראַקטען און וועקסלען?

פלוצלינג האָבען זיך אַלע אַלס מענשען דערפיהלט! נאַטירליך נישט אויף לאַנג! נישט אויף לאַנג „נעמט זיך א לעבענדיגער צום הארץ"! דאָס לעבען איז אייזען און שטאָהל, די כּאַראַל „היינט — ווייך און אָנגעבלאָזען!" אין טויער פון קברות קומט אמאָל אַריין אַ מענש, נאָר ארויס געהען שוין צוריק חיות־רעות...

גוט איז דאָך אַ ליכטיגע מינוט ביי ווילדע משוגעים! אַ לויה, א יום־כפור, אפילו א יום־כפור־קטן!

. . . .

דאַרף איך אייך זאָגען וועמעס די גרויסע לויות זענען געוועזען? „קינד־און־קייט" ווייסט, אז „נתבקש בישיבה של מעלה" איז געוואָרען ר׳ זיינוויליע, דער עלטסטער וואַרשויער

דיין, במעט ווארשעווער רב, און איז געקומען צו קבר־ישראל דאנערשטאג!...

צורודערט זענען געוואָרען די מתים:

— ווער פערטרייבט אונז — קלאָגען זיי זיך — דעם זיסען שלאָף אָהן חלומות, און הרהורים־רעים, פון די אויס־גענעסענע אויגען־לעכער?

— צי האָט זיך עמיין פון אויבען בעוויזען און אונטער זיינע טריט ציטערט אַזוי די ערד?

— וואָס טאַנצען, ווי שכור, די מצבות?

— און וואָס טרעט צווישען די קברים, צי געהט מיליטער אויף ערגיץ אַ מלחמה?

אַזוי פרעגען די מתים, און דער הספד ענטפערט זיי:

— ר׳ זיינוויליע געהט צו׳ן אייך, ר׳ זיינוויליע!

. . . .

— מען מוז איהם גוט אויפנעמען — טראַכטען די מתים!

אַ קלייניגקייט 40 יאָהר „במעט מרא־דאתרא" אין ווארשוי!

וויפיעל קדושין האָט ער מסדר געווען?

וויפיעל גט׳ן, עכטע כשר׳ע גט׳ן האָט ער אין קהל־שטוב און ביי זיך אין דער היים אויסגעריכט!

וויפיעל מאָל איז ער אויף כסא־של־אליהו געזעסען! וויפיעל חליצות האָבען פאַר איהם געשפיגען!

און וויפיעל דין־תורה׳ס האָט ער געפסק׳ענט, וויפיעל פשרות געמאַכט, און וויפיעל נולדים ונפטרים אויס — און איינגעשריבען!

און ווער וועט איבערצעהלען, וויפיעל הכשרים ער האָט אַרויסגעגעבען! פאַר פסח — אויף מיהלען, אויף בעקער־אייוען, אויף מצה־מעהל, אויף מצה־געוועלבער, אויף פאַפירענע מצה־טעצליך וכדומה און אַ גאַנץ יאָהר — אויף וויינען, פליישען און אפילו אויף פוטער פון פערשיעדענע קרייטעכצער!

און וויפיעל נשים, און וויפיעל טעפיל־לעפיל האָט ער געאסר׳ט און מתיר געווען!

נישט קיין לעבעדיגער, נישט קיין טויטער, וועלען עס בערעכענען. צעהל איבער די שטערן אין הימעל!

. . . .

און דער מספיד קלאָגט:

„די שחיטה האָט ער געהאַלטען ביד רמה!"

„נישט געלאָזט, אַז ווער עס איז, פֿון וואַנען עס איז, זאָל קומען מיט אַ סמיכה אפֿילו פֿון מאה־רבנים און אויסציהען אַ חלף!"

„כל־זמן ער האָט געלעבט, האָט אַ וואַרשאַויער יוד געוואוסט, וואָס ער עסט, ועמים פֿלייש ער עסט!"

און —

„יודישע קינדער האָט ער מיט מלמדים פֿערזאָרגט... אַ סך מלמדים! אַ סך תורה, ווייניג תורה! אַבי נישט קיין ליטווישע עברי — ווער מלמד! און מלמדים האָבען זיך געמעהרט כחול־הים, קינדער האָבען זיך אויסגעלערנט דאַווענען און חומש לערנען און יודען האָבען פּרנסה געהאַט!"

„און אַ מרוצה־לקהל איז ער געוועזען!"

אַ לב־טוב, איין עין־טוב — פֿאַר אַלע גוט!

פֿאַר אַלע האָט ער געהאַט אַ פֿריינדליכען בליק אין די ליכטיגע אויגען, אַ זיסען שמייכעל אויף'ן גלאַנצענדיגען פּנים, אַ גוט וואָרט אויף דער גלאַטער צונג און איין אויסגעצויגענע, ווייכע, וואַרימע האַנד — פֿאַר אויסגעקיהלטע דייטשען, ברענענדיגע חסידים, אויסגעטריקענטע מתנגדים, — דעריבער זענען אַלע צו דער לויה געקומען, און ווען אַלע טרעהרען זאָלען אַריינשווימען אין קבר, וואָלט דער אָרון, וואָס מען וועט אַריינלאָזען, אַרומגעשווימען! — — — — — —

און די מתים, פֿון עולם־אמת, זיפֿצען: אמת, אמת!

. . . .

צווישען איין הספּד און דעם צווייטען האָט זיך איבער־געדרעהט אַ מת מיט נאָך גאַנצע זייטען צו זיינע חברים און געפֿרעגט:

— אַלערליי קולות הער איך, פֿאַר וואָס הער איך נישט די קולות פֿון תנוקות של בית־רבן, פֿון תלמוד־תורה־קינדער?

און נאָך אַ פרישער מת, כמעט נאָך נישט איין אָנגע־ריהרטער, ענטפערט:

— די קונדייסים נעהמען צו אַ לויה?

זיי וואָלטען זיך אָבגעשטעלט אין גאַס און געשפּיעלט אין „ציגעל־מיגעל", זיי וואָלטען זיך גע׳ממית׳ט, מיט שטיינער געוואָרפען און אין מטה אַריין, צו דעם היילינגען מת געטראָפען!

און פון בית־הקברות וואָלטען זיי אַ תל געמאַכט! זיי וואָלטען אויף די קברים אַרומגעטאַנצט, איבער די מצבות „קאָזיאָלקעס" געמאַכט...

און, וואָס דער עיקר איז, עס איז אַ חרפה און אַ בושה פאַר דער פּאָליציי — אָבגעריסען, אָבגעשליסען, אויסגעהונגערט...

אַזוי האָט געזאָגט דער פרישער מת!

און ווער ווייס, וואָס נאָך פאַר אַ בלבולים דער מת וואָלט אויסגעטראַכט אויף די אָרימע תלמוד־תורה־קינדער, ווען נישט וואָס דער צווייטער הספד האָט זיך אָנגעהויבען.

„בשמת אחד מן החבורה, ידאגו כל בני החבורה" — אויף דעם האָט זיך דער מספיד געשטעלט.

עס איז אַ גמרא, אַ בפירוש׳ע גמרא, און אַ בפירוש׳ע גמרא איז הפקר; אויף איהר מעגען זיך אַלע שטעלען, איבער־דרעהען, איבערניציעווען, אויסטייטשען מיט׳ן קאָפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף, בפרט פאַר וואַרשויער קהל...

און דער הספד־מאַכער טייטשט:

— אַז עמיץ נעהט אַוועק פון דער חברה, מוז די גאַנצע חברה זיינע געשעפטען פערזאָרגען...

— אמת! אמת! שאָקלען וויטער די מתים מיט די ביינערנע קעפּ: מען מוז זיך צוטהיילען מיט די נולדים ונפטרים, מיט די שוחטים, מיט׳ן סנדקאות מיט אַלערליי הבשרים — — אמת! אמת!

דאָס אַלץ איז געוועזען דאַנערשטאָג.

פרייטאָג האָבען די מתים כמעט גאָר נישט געהערט.

עס איז צו קבורה געקומען א יודישער גביר, א בעריהם־מער בעל־צדקה — וואַוועלבערג!

נאָר די הספדים זענען געזאָגט געוואָרען אויף פויליש, און א יוד, אַז מען לעגט איהם ווי עס דאַרף צו זיין אין דער ערד אריין, הערט ער אויף פויליש צורעדען, און צו פערשטעהן!

האָבען זיך די מתים, נעביך, פערטראַכט און אַזוי געטראַכט:

— דער מענש איז א גרויסער, נאָר א אומגליקליכער מענש געוועזען; ער האָט א סך געזייט, נאָר וויפיל וועט אויפגעהן און וויפיעל וועט אַוועקטראָגען דער ווינד?!

דער מענש האָט געהאַט גאָלד, גאָר גאָלדענער ווי גאָלד איז געווען זיין האַרץ און האַרטער ווי א שטיין זיין מזל:

שלום האָט ער געוואָלט, און איז אין דער סאַמע רעכטער מלחמה געשטאָרבען! און איז אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט אָהן האָפנונג, אַז עס וועט אַמאָל זיין א שטילשטאַנד, אויב שוין נישט קיין שלום!

און ווייטער קלערען די מתים:

— וויפיעל יודען האָבען אין וואַוועלבערגס ביליגע הייזער?

— וויפיעל פראָצענט יודישע קינדער וועלען לערנען אין זיינע שוהלען?

— וויפיעל יודען, און וויפיעל נישט־יודען, פרעמדע און היימישע, געהען נאָך זיין מטה?

— וויפיעל פון זיינע מיליאָנען וועלען בלייבען אויף דער זייט און וויפיעל וועלען אַריבער אויף יענער זייט?

— און ווער — קלערען ווייטער די מתים — וועט זיינע געשעפטען פערזאָרגען?

רבנים וועלען נישט פעהלען; פון אַלע זייטען וועלען זיי אָנקומען, מיט גרויסע און קליינע בערד, מיט פראָטעקציע פון הסידי־אומות־העולם, דורך די שפאַרעס וועלען זיי זיך אַריינרייסען, דורך פענסטער און קיימען קומען — און מען וועט זיי אויפ־

געהמען, מען וועט זיי מוזען איפנעהמען, נאָר אַזוינע וואָוועל-בערגס, מיט זייערע גרויסע מעלות, און גרויסע טעותים, אַזוינע וואו נעמט מען?

אַזוינע גאָלדענע הערצער דאַרפען וואקסען אויף שטיינער, לײדער וואקסען שטיינער אויף גאָלדענע הערצער!

צוויי גרויסע, גרויסע לויות געווען!

און גרויסע לייט פערגעמען אַ סך אָרט, אי ביים לעבען, אי ביים טויט! 4 אָרימע לויות האָט מען דעריבער געמוזט אָב-לעגען אויף מוצאי-שבת נאָך הבדלה! די גרויסע האָבען פערלעגט דעם וועג צום עולם-האמת!

צי איז דערויף קיין עצה נישט פאַרהאַן?

די וואָהנונגען פאַר לעבעדיגע גרויסע האָבען צווייערליי גענג:

אַ פּאַראַדנעם, אַ ליכטיגען גאַנג — אין גרויסע הייזער אויסגעלעגט מיט פערסישע און טערקישע דיוואַנען, רעכטס און לינקס אויסגעשטעלט מיט די פיינסטע געוויקסען; דאָ אַרום קומען פיינע געסט, רייכע געסט; געסט, פאַר וועלכע דער גרויסער האָט וויין און אַלערליי לעקער-ביסען און אמת'ע האַוואַנאַ-ציגאַרען —

און אַ טונקעלען גאַנג, אַ גאַנג אַ שוואַרצען דורך דער קיך, פאַר קרובים, גלאַט פאַר אָרימע לייט, פאַר וועלכע מען האָט אַמאָל אַ הארטען דרייער, גאַנץ אָפט איין אָנווייזונג אין הימעל אַריין: דער, וואָס שפייזט ווערים, וועט דיך אויך שפייזען, מעגסט עסען ערד; אָדער אַמאָל אַגוט וואָרט: געה גלאַט צו אַל-די-שוואַרצע-יאָהר!

פאַר וואָס זאָל דאָס בית-הקברות קיין צוויי גענג נישט האָבען? אָרימע לייט איילען זיך אַזוי אין זייער רוה אַריין, פאַר וואָס זאָל מען זיי פערהאַלטען, איבער שבת לאָזען?

מאַכט צוויי גענג!

איינעם איין אויסגעפלאַסטערטען, אַ ברייטען פאַר רבנים,

ראשי-קהל, בעלי-צדקה און גלאַטע גבירים און פאַר האַלב וו"רשי (אַלם בענגלייטער, מיין איך!), מיט אַ גרויסען, גרויסען טויער און דערנאָך מיט גאָלדען-זאַמד איין אויסגעשאָטען וועג גלייך צו די אויבען-אָן-שטעדט און פאַמיליען-גרעבער!

און אַ צווייטען וועג, אַ בלאָטיגען, אַ שמאָלען (אין גאַנצען פאַר איין אַלמנה צי איין אַלמן, מיט עטליכע יתומים, צוויי-דריי שכנים!), מיט אַ קליינעם טויער, מען קען יוצא זיין מיט אַ לאָך אין צוים — פאַר אָרימע לייט!

און ווילט איהר, די לויות זאָלען זיך נישט אויסמישען אויפ'ן קברות, האָט איהר דאָך אויף יעדען ווינק אַ "קאָרדאָן" פון "העלע קנעפ" — מאַכט אַ מחיצה! דיזעלבע, וואָס היטען אייך שמחת תורה צו הקפות און יום-כפור, צו כל-נדרי אין דער "דייטשער שוהל", וועלען אייך היטען די קברים אויך!

און צינד הערט אַ מעשה:

מה בין בני לבן חמי? — בשעת ווען דער יודישער גביר וואַוועלבערג, האָט פאַר יודישע ליטעראַטור, כמעט גאָר נישט געזאָרגט האָט, זכרונו לברכה, ר' זיינווילע קלעפפיש אַ סך פאַר איהר געטהון!

וכך הוה:

אַמאָל איז געווען אַ רב אין אַ שטאָדט, אויב איך בין מיך נישט טועה — אין פלאָצק. איז דער רב אַ מחבר געוועזען און דערצו איין אָרימאַן און, פערשטעהט זיך, אַ דאָפּעלטער — אַלס רב און אַלס מחבר. און האָט זיינע חדושי-תורה, אויב נישט מוסרי-זאַכען, נישט געקענט דרוקען...

מילא, כל-זמן אַ מענש לעבט, לעבט ער מיט האָפנונג; פאַר דער פטירה אָבער האָט זיך דער רב געהייסען אויפשרייבען אויף דער מצבה אַ צוזאָג, אַז ער וועט אַ מליץ-יושר זיין, דאָס הייסט, אַז ער וועט זיך מיהען אין הימעל פאַר די, וואָס וועלען זיך פאַר איהם מיהען דאָ אויף דער ערד און וועלען אָבדרוקען זיינע חבורים...

אין דאָס האָט ר׳ זיינוויילע געטהון; ער האָט געלד גע־זאַמעלט און געדרוקט!

ביי ר׳ זיינוויילעס אלמנה זענען אפילו פון דעם געלד גע־בליבען 60 רובל, און זי זוכט צו געפונען נאָך מאַניסקריפטען (כתבי־יד, מיין איך פון פלאָצקער רב׳ס מאַניסקריפטען) און וויל זיי ברענגען לבית־הדפוס...

* *

*

ר׳ זיינוויילע, זעהט אויס, האָט שוין זיכער עולם־הבא!

דריי מאָל אין טאָג „אשרי" האָט ער געזאָגט; פאַר מאכלות־אסורות און שחיטת־חוץ פערציג יאָהר דורכאנאנד — גאַנץ וואַרשוי בעהיט; דוחק־הקץ, צוזאַמען מיט די ציוניסטען, איז ער נישט געוועזען, און דער פלאָצקער רב, זיין מליץ־יושר, איז אויך עפּיס ווערט; און דעריבער, אַז איך מאַך די אויגען צו, זעה איך בחוש, ווי ר׳ זיינוויילעס ווייסע נשמה פליהט אויף תפלין׳דיגע כנפי־יונה גלייך אין הימעל אריין, אין גן־עדן אריין, צום כסא־הכבוד צו!

נאָר וואָס וועט זיין מיט וואָוועלבערגס נשמה?
זיין צדקה האָט אַזוי פיעל פעהלער געהאַט!

און גלאַט, ווער ווייסט צי מען קען זיך קויפען עולם־הבא פאַר געלד, און ווען אפילו פון צדקה־געלד?

דער פאקט און די פרעסע.

נעשעהן איז דער פאַקט אין וואַרשוי, אויף דער קראַקויער־פאָרשטאָדט, אין אַ יודיש באַנק־געשעפט.

די געשיכטע ... געווען איין איינפאַכע, נור ווי פערשידענאַרטיג און פערשידענפאַרביג האָט זי זיך אָבגעשלאָגען אין דער פרעסע.

נעשעהן איז די סצענע אין אַ שענעם העלען פאַר מיטאָג. אין באַנק־געשעפט זיצט פליגעלמאַן, קלערט הוריות און וואַרט אויף אַ קינה. אין צווייטען צימער זיצט דער בוכהאַלטער זומער־שפרענקעלע און קלערט, מיט דער פעדער אונטערן אויער, ווי אַזוי צו פערשרייבען עפּיס איין שפּעקולאַציע אויף אַ ווערט־פאַפּיר. אין דרויסען בייִ'ם שוי־פענסטער, ווי עס ליגען אויסגע־לעגט אַלערלייִ גאָלדענע זילבערנע מטבעות, באַנקצעטלעך, בילעטען, און ווערט־פאַפּירען פון גאַנץ אייראָפּאַ, האָט זיך אָבגעשטעלט וואַשלאַפּסקי. ער בעטראַכט דאָס פערשידענע געלד און נעמט זיך רעכט און עפענט די טהיר פון געשעפט. ער גריסט שטאָלץ ווי אַ „שלאַכציץ", פליגעלמאַן בויגט זיך דאָפּעלט אינטערטהעניג אַלס יוד און אַלס סוחר. וואַשלאַפּסקי פערלאַנגט אַ ווערט־פאַפּיר פון אַ געוויסען פרייז, זומערשפרענקעלע דערהערט אין צווייטען צימער די בעשטעלונג און בעוויזט זיך אויף דער שוועל, טאָמיר וועט זיין פאַר איהם אַ שליחות אין אַ צווייט גע־שעפט אַריין; אין דער אייגענער קאַסע, ווייסט ער, ליגט נישט פיעל מעהר ווי אין שוי־פענסטער און גאַנץ אָפט מוז מען אַריינברענגען פון ערגיץ אַנדערש. וואַשלאַפּסקי בעמערקט נישט דאָס זומערשפרענקעלע. סוחרים געהען שטיל, בוכהאַלטער — נאָך שטילער. דאָס פאַפּיר פאַר דעם פרייז, וואָס וואַשלאַפּסקי האָט פערלאַנגט, איז גראַד געווען, פליגעלמאַן דערלאַנגט עס און וואַשלאַפּסקי בעט, מען זאָל איהם אַרויסשטעלען אַ רעכנונג. פליגעלמאַן בויגט זיך איבערן טיש און וויל שרייבען, נור אין דער זעלבער סעקונדע חאַפּט וואַשלאַפּסקי אַרויס פון בוזעם־טאַש אַ פּיסטאָלעט. אינסטינקטיוו לאָזט זיך פליגעלמאַן אַראָב אונטערן

טיש, וואַשלאַפּסקי שיסט דערווייל און טרעפט, אויפ'ן אָרט פון דער ברוסט, צו וועלכער ער האָט געציעלט, פּיעל העכער, נישט ווייט פון געלענק פון דער האַנד, אויפ'ן אָרט, וואו עס ליגט די שעלקע. די קויל האָט זיך אַריינגעטריבען, פאַרוויקעלט אין דער שעלקע, נישט זעהר טיעף אין לייב. און דער זעלבער סעקונדע לויפט אונטער זומערשפּרענקעלע, חאַפּט אָן פערטומעלט וואַשלאַפּסקין ביי דער לינקער האַנד און שטאַמעלט: וואָס טהוט איהר? (נאַטירליך אויף פּויליש) און וואַשלאַפּסקי ענפערט איהם, שווייגענדיג, מיט אַ קויל אין שטערן אַריין... וואַשלאַפּסקי אַנטלויפט מיט'ן ווערט־פּאַפּיר, זומערשפּרענקעלע רוקט זיך צו צום שווי־פענסטער מיט'ן בלוטיגען קאָפּ. און בלייבט שטעקען אין פענסטער — און פליגעלמאַן, וואָס האָט דאָס אַלץ אונטערן טיש נישט געזעהען, חאַפּט זיך פלוצלונג אויף, שפּרינגט אַריבער איבער'ן טיש, און לויפט פון געשעפט אַרויס, נאָכיאָגען וואַשלאַפּסקין. וואַשלאַפּסקי לויפט איבער דער גאַס, פליגעלמאַן נאָך; וואַשלאַפּסקי שפּרינגט אַריין אין אַ דראָשקע, פליגעלמאַן נאָך; וואַשלאַפּסקי שפּרינגט אַרויס, לויפט ווייטער, שטרויכעלט איבער אַ שטיין און פאַלט, פליגעלמאַן לויפט צו, ווי אויך פּאָליציי, וואָס האָט זיך דערווייל געפונען, און ליגענדיג, אויף דער ערד, דערלאַנגט זיך וואַשלאַפּסקי די דריטע קויל אין מויל אַריין...

עס איז אָנגעקומען די „געשווינדע רעטונג" און האָט אַוועק געפיהרט אַזוי וואַשלאַפּסקי ווי זומערשפּרענקלע אין אַ שפּיטאָל אַריין, דעם בילעט אויף אַ פּאָר טויזענד האָט פליגעלמאַן אָבגענומען און האָט נור געהאַט אַ היזק אין שווי־פענסטער, וואו פערשידענע ווערט־פּאַפּירען זענען איבערגעוואַשען געוואָרען אין בלוט פון זומערשפּרענקעלען.

פליגעלמאַנען האָט מען לייכט און ביי איהם אין דערהיים אָפּערירט, דאָס שטיקעל שעלקע מיט'ן קוילעכיל האָט די פאַמיליע בעהאַלטען לזכרון. שבת האָט פליגעלמאַן „הגומל" געבענשט, און דאָס ווייב אין דער היים אויפ'ן ווייבערשען באַלקאָן האָט זיך צעווײנט אויף אַ קול, וואָס מען האָט שוין לאַנג

אין דער דייטשער שוהל נישט געהאַט, דערנאָך האָט זי בע-
קומען מיגרען ——

די רעשט וועט איהר געוואָהר ווערען פון דער פרעסע.

מיר מיזען נאָך צוגעבען, אַז אין שפיטאָל, אַז מען האָט
איהם אויסגעטהון, איז פון וואַשלאַפסקין אַראָבגעפאַלען אַ פאַריק
מיט אַ פאַלשער באָרד!

דער „שטראַסען-לייפער" איז געווען דער ערשטער, וואָס
האָט דעריבער געשריבען, נישט אומזיסט איז ער „גאַסענלייפער";
ער חאַפּט, זאָגט מען, נייעס ווי פליגען.

„וואַשלאַפסקי — האָט ער מודיע געווען, — איז קיין געבוירענער
מערדער נישט, ער שטאַמט פון איין אַלט-שטעדטישער עהרליכער פאַמיליע
און האָט בעקומען איין אָרענטליכע ערציהונג. נאָכ'ן ענדיגען פון 4 קלאַסען,
האָט מען איהם אַריינגעגעבען אין אַ געשעפט, פון וואַנען ער איז איבער-
געגאַנגען צו דער באַהן-ביורא, וואו ער האָט זיך לעצטענס פערדיענט
ביז 100 רובל אַ מאָנאַט. געהייראַטעט האָט ער די טאָכטער פון זיין
פאָרגעזעצטען, וועלכען ער איז געפעלען מיט זיין כאַראַקטער, ווי אַזוי
מיט זיין עהרליכער און געטרייער אַרבייט. געלעבט מיט'ן ווייב האָט ער
די גאַנצע צייט פון דריי פיערטעל יאָהר זעהר גליקליך. זי איז איינע פון
די שענסטע דאַמען אין וואַרשוי: אַ בלאָנדינקע, מיט העלשיינע האָהר און
הימעל-בלאָהע אויגען, אַ בימעל מאָגערליך, אַ דורכזיכטיגער הויט. פון די
אויגען אָבער פאַלען אויף דער הויט אַ לייטזעליג קינדיש, גליקליך ליכטיגער
שמייכעל. עס זיינען געווען אַלע שאַנסען, וואַשלאַפסקי זאָל גליקליך זיין,
נור די וועגען פון דער השגחה פרטית זיינען וואונדערליך און טיעף אין
וואַשלאַפסקים נשמה איז אַ שרעקליכע קרענק. וואָס ער, ווי אַלע אַזוינע
קראַנקע, האָט זיך בעמיהט צו בעהאַלטען פאַר דער פאַמיליע, בפרט פאַר
די חברים, צו פערטומלען זיך און צו בעטויבען האָט ער אָנגעהויבען
טרינקען צום הויס געליעבטען וויב האָט ער אָנגעהויבען רעדען מיט
אַראָבגעלאָזטע אויגען און גאַנץ אָפט נאָך מיט אַ ביטערקייט אין דער
שטימע, אין ביורא פלעגט ער זיצען שטונדען לאַנג פערטראַכט, בייסענדיג
די פעדער אָדער פוצענדיג זיך, מכלומר'שט, די נעגעל, אָפט פלעגט ער
פערפאַלען ווערען און בעוויזען זיך אין אַ צייט אַרום פערשטימט,
צערשטערט מיט ברוינע בלאָהע אַרומגערענדערטע אויגען. דעם לעצטען

טאָג איז ער גאָר אין ביורא ניט אַריינגעקומען. עטליכע קאָלעגען האָבען זיך מיט איהם געטראָפען אין גאַס און האָבען איהם געגריסט, נור ער האָט זיי נישט געענטפערט... ווער עס איז אַזוי לייכט-זיניג געווען און אַזאַ פערשטערטען מענש געבאָרגט פון דער האַנד אַרויס איין אָנגעלאָדענעם פיסטאָלעט, איז נאָך נישט בעקאַנט...

די „איזערנע שער” האָט איבערגעדרוקט פון „גאַסעלייפער” דעם בעריכט מיט די בעמערקונגען און נאָך צוגעגעבען:

לויט מען דערצעהלט, האָט הער ז. (די „איזערנע-שער” שרייבט דעם נאָמען נישט אַרויס) נישט גלייך געשאָסען צו פליגעלמאַן. ווען ער ציעלט צו איהם, וואָלט ער געטראָפען. ווי ער איז בעריהמט צווישען זיינע קאָלעגען אַלס דער בעסטער שיסער. פאַר-יאָהרען אין אַ סילוועסטער אָוועגד האָט ער נאָך אַ שאַרף אָוועגדברויט מיט לחיים'ס אָהן אַ צאָהל, געשאָסען צעהען מאָל און ניין מאָל געטראָפען אין אַם פיק. געשאָסען האָט ער פערווירט אויף אַלע זייטען, דער פיסטאָלעט האָט 8 קוילען געהאַט. איינע האָט געלעכערט משה-מאָנטעפיאָרעס פּאָרטרעט, וואָס הענגט אויף אַלע יודישע וועגד. אונ פונקט אין דעם אָלטענס נאָז אַריין, 2 קוילען האָבען געלעכערט צוויי שויבען אין פענסטער, אין צווייטען צימער אַריין. איינע האָט בעקומען פליגעלמאַן, איינע זומערשפּרענקעלע, איינע ער אַליין, און די רעשט צוויי קוילען האָט רעשט אויסגעשאָסען דער פעלדשער אין שפּיטאָל. אַז ז. איז צו זיך געקומען און האָט בעמערקט, וואָס ער האָט אין שגעון בעטהון, איז ער אַנטלאָפען און אין טעות מיט געכאַפּט אַ באַנק-בילעט, אין וועלכען ער האָט איינגעהילט דעם פיסטאָלעט; אַז מען האָט איהם געכאַפּט, האָט ער פריהער אָבגעגעבען דעם בילעט און דערנאָך זיך געשאָסען. זאָך-פערשטענדיגע זאָגען, אַז דאָס געשעהענע אומגליק וואָלט נישט אַזוי גרויס געווען, ווען נישט, וואָסביידע יודעלעך פליגעלמאַן און זומערשפּרענקעלע, זענען אַזיינע פּחדנים! צו קראַנק לאַבען איז, אַז אַזוי ווי מען האָט אַרויסגענומען דעם פיסטאָלעט, זענען ביידע זוי שטום געוואָרען און נישט געשריען „געוואַלט!” וואָס אַ יוד טהוט ביי דער קלענסטער קלייניגקייט. נור פליגעלמאַן איז אַרונטער אונטער'ן טיש און זיין הינטיש-געטרייער בובהאַלטער איז געלאָפען ראַטעווען דאָס געלד אין שווי-פענסטער, (דאָס ערשטע איז ביי אונזערע יודעלעך-געלד!) און איז שוין דאָרט געבליבען!”

אַלם צולאָג:

„פליגעלמאַן אַלם רייכער מאַן האָט זיך קורירט אין דער היים ביי זיך. דער געוויסער ד״ר... האָט איהם באַלד אַרויסגענומען די קוילען, געוויס איז פליגעלמאַן פערזיכערט פאַר איין אומגליקליכען צופאַל און וועט נאָך פון עסק עפּעס פאַרדינען. וו. נעבעך, און זומערשפּרענקעלע ליגען אין שפּיטאָל און די דאָקטוירים זוכען אין זיי אַרום די קוילען און קענען זיי נישט געפינען״.

דער „טעלער-לעקער״ דערצעהלט נאָך די מעשה און לויבט די בעמערקונגען פון „גאַסען-לייפער״ מיט דער „אַייזערנער שער״ און האָט זיין אייגען שטיקעל מוסר אויך.

„מערדעריי — זאָגט ער — ליגט נישט אין דער סלאַווישער נאַטור. מיר זענען פון דער נאַטור צו ווייך, צו גוטמיטהיג און אונזערע נשמות זענען צו לייטזעליג בלוט צו פערגיסען, בפרט וועגען געלד. דאָס שמעקט מיט סעמיטיזם, מיט אַזיען! און דעריבער אויב וואַשלאַפּסקי איז נישט קראַנק אויף די געהירן, ווי די צייטונגען שרייבען, און דער שפּיטאָל-דאָקטאָר, ווי מיר האָבען געהערט, לייקענט אָב, און אויב, ווי וואַשלאַפּסקי׳ס קרובים פערזיכערן, עס שטעקט אין זיין בלוט קיין איינציגער פרעמדער טראָפּען, האָט די געשיכטע פאַר אונז גאָר איין אַנדערע געשטאַלט. מיר זענען זיכער, אַז פליגעלמאַן האָט וואַשלאַפּסקען בעליידיגט. אונזערע געשעפטס-לייט בעהאַנדלען אַלע גראָב, קוקען פון אויבען אַראָב אויפ׳ן קונד, בפרט פליגעלמאַן מיט זיין יודישער אָראַגאַנץ (חוצפה). מיר האָפען, אַז קיינער וועט אונז נישט פאַלש פערשטעהען און נישט רעכענען אונז פאַר אַנטיסעמיטען. נור פאַקט בלייבט פאַקט, אָראַגאַנט זענען זיי די יודען. זיי זענען מענשען און האָבען מעלות און חסרונות ווי אַלע מענשען, נור חוצפה האָבען זיי מעהר פאַר אַלע פעלקער. די שפּאַנער מעגען זיך ביי זיי לערנען חוצפה. אפילו דער וואַרשויער איזראַעליט לייקענט עס נישט אָב. וואַשלאַפּסקי איז מן הכתם אַ שלאַכציץ און קען קיין פלעק אַנדערש ווי מיט בלוט נישט וואַשען. די אידיאָטישע פראַגע זומערשפּרענקעלים: „וואָס טהוסט דו, פריץ?״ האָט איהם נאָך מעהר צורייצט, בפרט נאָך ווען זומערשפּרענקל האָט איהם אָנגעהאַפּט, ווי מען זאָגט, פאַר׳ן לאַץ — און ער האָט נאָך אַמאָל געשאָסען! דעם צווייטען שאָס קען מען שוין אויף

זיין חשבון נישט שטעלען ! פאר גרימצארן האט ער שוין נישט געוואוסט וואס צו טהון !

דאס אלץ איז ביי אונז זיכער, דאס אלץ וועט שפעטער בעשטעטיגען דאס געריכט. די פראגע איז נור צו האט ריכטיג געטהון פליגעלמאן, וואס האט אויסגעריסען פון וואשלאפסקי נאכ'ן שיעסען זיך פון דער האלב=פערשטארטער האנד דעם בילעט... ווער וויסט, ווען וואשלאפסקי איז בעליידיגט געווארען: פאר אדער נאכ'ן בעצאהלען פאר'ן בילעט? און אפשר איז וואשלאפסקי געקומען אין געשעפט אריין פערקויפען, נישט קויפען קיין בילעט?

פליגעלמאן, הגם א יוד, קען זיין איין עהרליכער מאן; עהרליכקייט ווענדט זיך נישט אין דער רעליגיאן, נור אינ'ם כאראקטער פון מענש, נור ערשטענס ביי אזא צופאל! אפשר פיהלט ער זיך גערעכטיג צו צונעהמען דעם בילעט פאר די קאסטען פון דער אפעראציע, וואס ער האט זיך געמאכט, פאר'ן פאפירענעם געלד, וואס איז פערבלוטיגט געווארען אין פענסטער, און אפשר פאר די עטליכע חדשים, וואס ער וועט צאהלען זומערשפרענקל'ן אומזיסט געהאלט? אין דעם פאל וואלטען מיר דעם נעהרטען פליגעלמאן אויפ'ן ווארט נישט געגלויבט, בפרט היינטיגע צייטען, ווען דער יודישער האס געגען קריסטען האט זיך אזוי געשטארקט דאנק הערצל'ען עט קאמפאניע, וואס פערשפרייטען דעם ציוניזם...

ביי ווי סיי, די פאליציי האט נישט גערארפט דערצו דערלאזען".

די „היימישע גרין" גיט איבער ווארט ביי ווארט דעם טעלער-לעקערס ספקות וועגען בילעט און בעמערקט דערצו:

„סיי ווי סיי איז א וואונדערליכע זאך, ווי די יודישע ממשלה וואקסט אין אונזער ווארשוי פון טאג צו טאג. דער ערליכער „טעלער=לעקער" פיהלט אויף זיכער, אז דעם בילעט האט פליגעלמאן גע'גזלת במעט פון א טויטער האנד, און האט די העזה נישט ארויסצוזאגען עס בפירוש און קאקעטירט מיט יודען און זייער רעליגיאן אפילו. נישט אין דער רעליגיאן און נישט אינ'בלוט, זאגט ער, שטעקט עהרליכקייט, נור אין כאראקטער. אבער, הונד=טייוועל=מענש, פון וואנען נעמט זיך כאראקטער, אז נישט פון דער הייליגער רעליגיאן און אויך נישט פון עלטערן בירושה? נור דער „טעלער=לעקער" האט עטליכע הונדערט יודישע אבאנענטען און זיי האט ער מורא צו פערלירען: דער יוד איז טרפה. אבער זיין גראשען

איז כשר. און אפשר שטעקט אַ סך אמת דערינען, ווייל עס איז דאָך באמת אונזער גראָשען... וואָרום וועמים גראָשין האָט אַ יוד?

אָבער מיר אַלס פריי און עהרליך בלאַט, זאָגען אַרויס בפירוש: פליגעלמאַן האָט דעריבער איבערגעלאָזט זיין בוכהאַלטער בעגאָסען אין בלוט, ווייל ער האָט געפיהלט, אַז מען קען חאַפּען אַ בילעט! וואָס? פרעגט איהר — פליגעלמאַן, דער הויפּט=עהרליכער מאַן פליגעלמאַן וועגען געלד? אוי נאַרען, נאַרען, קריסטליכע נאַרען! צו ווייסט איהר נישט, אַז דאָס גאָלדענע קאַלב פאַר אַ גאָט האָט געמאַכט אהרן, אהרן הכהן, אהרן דער כהן גדול, און אַז פון דעמאָלט אָן האָט דאָס גאָלדענע קאַלב צו שאַפען איבער זייערע אַלע נשמות. אַז עס ברענט, ראַטעוועט אַ יוד ניזט דאָס ווייב, נישט די קינדער, אפילו נישט זיין הייליגע גמרא, נור דעם בייטעל מיט געלד!

און אפשר וועט אונזער „טעלער=לעקער" זיך בערוהיגען ווען פליגעלמאַן זאָל שווערען אין קיטעל און טלית, אַז דער בילעט איז זיין? מוזען מיר איהם דערמאַנען, אַז אין 17=טען און גאָר אין 18=טען יאָהר=הונדערט, האָט דער ביסקופּ אין סאַנדאַמירזש פאַרברענט 18 יודען מיט אַמאָל פאַר אַ פאַלשער שבועה!

ווייסט איהר וועמען מיר וואָלטען געגלייבט? טאַקי דעם אָרימען זומערשפּרענקעלע און אָהן אַ שבועה! נור ווען? ווען ער לייקענט אָב דעם טעות און נעמט אָן אונזער הייליגע קאַטוילישע רעליגיאָן. און זייט די קויל האָט איהם געריהרט די געהירן, זויל ער עס; בענקט ער צום אמת, חלישט ער צום אמת! די בארמהערציגע שוועסטער אַנטאַנינאַ חאַפּט ער אַלע מאָל אָן ביי דער האַנד און קושט זי מיט ברענענדיגע ליפען און מיט'ן גאַנצען האַרץ. „ביי אונז—זאָגט ער — זענען אַזוינע פיינע, הערליכע און באַרמהערציגע מלאכים נישט פערהאַן!" „ביין אייך — זאָגט ער — איז בעסער, אַלץ בעסער!" און ער וואָלט שוין אפשר לאַנג די זכיה געהאַט אויסגעלייזט צו ווערען פון בלייערנעם יודישקייט, און די נשמה זיינע וואָלט זיך אויפגעהויבען אויף הייליגע פליגעל צו גאָט'ס ליעבשאַפט און לייטזעליגקייט, ווען נישט דער יודישער פאַנאַטיזם, וואָס טרעט איהם נישט אָב אַ רגע! אָדער פליגעלמאַן קומט, אָדער אַ מוטער, אָדער אַ שוועסטער, מען לאָזט איהם מיט דער הייליגער שוועסטער קיין רגע נישט אַליין...

ווען וועט שוין אויפהערען די יודישע ממשלה אין שטאַדט און זייער ווירטשאַפט אין אונזערע שפּיטעלער ?.

גאָר פון איין אַנדערען שטאַנדפּונקט פּרעדיגט די אַלטע „פּלעדערמויז״:

— „ווייטער אַ רויב נאָך אַ מערדעריי, נאָך אַ קאַטווילישע נשמה האָט זיך פערפּלעקט אין בלוט און אין הימעל ווייגען די מלאכים פאַר זיין ליעבען־נאָמענס שטוהל: ווען וועט זיין אַ סוף ?

און וועגען וואָס איז עס געגאַנגען ? וועגען געלד !

וועגען געלד האָט אַ קריסט וואָס דאַרף ליעב האָבען און אַלע מוחל זיין, געשאָסען יענעם און זיך... און דער זעלבסט־מערדער ליגט אין שפּיטאַל אין די הענד מיט די שאַרפע נעגעל פון אַשמדאי, און די קויל האָט זיך איהם פערשטעקט אין די געהירן, ווי אַ ווינד אין אַ נשמה, און ער קען אפילו אויף קיין רגע צו זיך נישט קומען, אַ קרעכץ טהון, אין געדאַנק וועניגסטענס תשובה טהון... און דער יצר־הרע לאַכט, און דער יצר טוב שטעהט אַבגערוקט פון וויטען און פערשטעלט זיך די אויגען... און דער טייוועל פון גיהנם שטעהט גרייט אויסצורייסען די זינדיגע נשמה פון זינדיגען גוף און צו שלעפּען זי אין גיהנם אריין אויף אייביגען צער, אויף אייביגע יסורים, אויפ׳ן אייביג׳ן פייער!

און מען וועט איהם אפילו נישט קריסטליך בעגראָבען, און מען וועט נישט בעשפּריצען מיט הייליג שפּרענג וואַסער זיין קבר, ווי אַ חיה וועט מען איהם אַריינוואַרפען אין אַ זאַק ביי דער צוים..

און ווער איז שולדיג ?

מיינט נישט, אַז זיינע חברים, צו וועלכע ער האָט זיין נדן אין קאָרטען פערשפּיעלט, צו די „עופות טמאים״, צוליעב וועלכע ער האָט זיין פרום און בשר ווייב פערלאָזט, אָדער טאַטע־מאַמע, וואָס האָבען איהם אַרבייטען און שפּאָרען נישט געלערענט, אין אפילו נישט ער אַליין מיט זיין אויסברענגעריי. שולדיג איז דאָרווין! שולדיג זענען זיינע איבער־זעצער! שולדיג זענען די אַלע, וואָס האָבען גילערנט, אַז אַ מענש קומט אַרויס פון איין אַף, און האָט נור אַזוי פיעל נשמה, וויפיעל עס האָט אַ חזיר צו איין אַנדער אומריין טהיר. שולדיג זענען די, וואָס האָבען אויסגעלעהרט דען הימעל פון גן־עדן, פון מלאכים און אפילו פון גאָט, און געהייסען אפילו דעם רעגען, ער זאָל פאַלען נישט פון הימעל, נור פון וואָלקען!

שולדיג זענען די וואָס האָבען אָבגעריסען דעם געוויסען, די עהרליכקייט, דעם מוסר אין גאַנצען פון דער רעליגיאָן, און געהייסען זיי זוכען ביי זיך אין הארץ, אין מענשליכען הארץ, וואו דער טייוועל שטעקט. שולדיג זענען די, וואָס האָבען געזאָגט, אַז דער מענש איז נישט בעשאַפֿען געוואָרען אויף הכנעה, אויף אונטערטהעניגקייט, אויף צער און יסורים, אבי גליקליך צו זיין אויף יענער וועלט נור האָבין איהם געהייסען זוכען זיין גליק דאָ, דאָ אויף דער וועלט, אין רינשטאָק פון אַלע תאוות, פון קאָרטענשפיעלען און פּרעבע ווייבער! שולדיג זענען די, וואָס האָבען געלערנט, אַז אַלע מענשען זענען גלייך, אַז אַלע ליפּען דאַרפען טרינקען פון בעכער מיט וויין, אַז אַלע הענד מעגען גראַבלען אין שיסעל מיט קרעפּלעך — —

זיי זענען שולדיג און אויף זייער נשמה פאַלט דאָס בלוט, וואָס ווערט פערגאָסען, די זינדיגע שאָטען, וואָס פערשטעלען די הייליגע זון פון דער אמת׳ער רעליגיאָן...

דאָ אויף דער וועלט, אויב וואַשלאַפּסקי וועט געזונד ווערען, וועט דער פּראָקוראָר רעדען וועגען איהם; אויף יענער וועלט וועט דער קטיגור רעדען פון דאַרווין, העקעל, באקל און אַנדערע הינד, וואָס האָבען אויסגעביסען די קריסטליכע נשמות״...

אין די „טויבע-גלאָק״ ציטירט די אַלטע „פלעדערמייז״ אין צייטונגס-שטימען און בעמערקט מיט גרעסערע אותיות פון איהר זייט:

„גאָלדענע און בריליאַנטענע ווערטער! נור ווייל פליגעלמאַן איז אַרויס פון געפאַהר, ווערשפּרענקלע איז נישט געפאַלען טויט אויפ׳ן אָרט, זאָגט אין אונזער קריסטליך הארץ, אַז דער באַרמהערציגער גאָט, וועט זיין פאַר וואַשלאַפּסקין פול מיט חסד, און דער טויט וואַשלאַפּסקי׳ס (לאַנג לעבען וועט ער שוין נישט) וועט מכפּר זיין אויף זיינע זינד.

אייביג ליידען וועלען נור די, וואָס האָבען די וועלט מיט זייער פאַלשער פילאָסאָפיא פערסמט, און אין מדבר אַריין פערטריבען״.

פעך און שוועבעל גיסט דערפאַר דער „סעמיטען-פרעסער״:

„מיר זענען — זאָגט ער — נישט אָבהענגיג פון קיינעם. אויף אונזער געוויסען ליגט נישט קיין איינציגער יודישע פעניג, מיר ווילען און דאַרפען, גאָט זיי דאַנק, קיינעם נישט שמייכלען און קענען אַרויסזאָגען דעם גאַנצען

אמת. מיר ווייסען נישט און ווילען נישט וויסען, ווער וואַשלאַפּסקי איז, ווי ווייט ער איז געווען פון הייליגען ריינעם גלויבען, ווי אַזוי ער האָט געלעבט אין דער פאַמיליע און וויפיל חובות ער האָט געהאַט אויף זיך. וואַשלאַפּסקי איז שטערבליך קראַנק, און מיר ווינשען איהם „אַ גוטען שליטסוועג״ און גלויבען נישט, אַז גאָט זאָל פון זיינעט וועגען נסים טהון און איהם געזונד מאַכען, כדי דאָס געריבט זאָל האָבען אַרבייט און כדי דער סקאַנדאַל, אַז אַ „סקי״ האָט געשאָסען אַ יוד און אפשר נאָך צוגעהאַפּט ביי איהם אַ פּאָר רובל, זאָל נאָך אַמאָל דורכלויפען די וועלט! דאָס פערלאַנגט אודאי דער וואַרשויער איזרעאליט, וואָס וויל דערוועקען רחמנות אויף זיין סטאַדע... און אויב דער בילעט איז וואַשלאַפּסקים, איז ער פערפאַלען, אַ יוד וועט אויך זיין קריסטליכע אלמנה מיט'ן קריסטליכען יתום, וואָס דאַרף געבוירען ווערען און בעקומען בירושה אַ פיינעם נאָמען, ווי אַ קין-צייכען אויפ'ן שטערן קיין רחמנות נישט האָבען! אָבער נישט אין דעם געהט עס. די זאַך איז וויכטיגער, ווי איין פערלאָסענעם אַלמנה מיט איין יתום אָדער יתומה... און עס איז נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער קריסטליכער גראָשען אין יודישע הענד! וויכטיגער איז דאָס, וואָס די יודישע באַנקירען פיהרען איבער כמעט אַלע אונזערע מענער, אַלע אונזערע טעכטער און ווייבער! דער יודישער באַנקיר פיהרט זיי אַראָב פון עהרליכען פרומען וועג, בערויבט זיי פון אַלע מדות ומעלות טובות, וואָס זיי האָבען מיט דער מוטערס מילך אויסגעזויגט, פון עלטערן און בלוט בעקומען, און דאָס טהוט דער יודישער באַנקיער נישט מיט זיין ליחווע, נישט מיט זיין שווינדעל, דאָס געהט בעזונדער! טהון טהוט ער עס מיט זיין שוי-פענסטער, וואו ער ׳עגט אוים דעם יצר הרע אין געשטאַלט פון זילבער, גאָלד, באַנקאָצעטעל און אַלערליי ווערט-פאַפּיערען. אַזאַ שוי-פענסטער אין אַ אָרימער פערהונגערטער, אויסגעמאַטערטער קריסטליכער שטאָדט, איז ערגער, ווי אַ געצענדיענער-מזבח אין גאָט'ס הייליגען הויז! און וואו עפענט ער זיין שוי-פענסטער אין די אומרוהיגסטע גאַסען, וואו עס ווימעלט פון אַרבייטער, וואָס געהען אין פאַבריק אַריין און קומען צוריק: פון פרויען, וואָס שפּאַציערען, אָדער קומען צוריק פון געבעט: פון ,ונגליך און מיידלעך, וואָס איילען זיך אין שולע אָדער צוריק צו וועגס... דאָס אַלץ פערהאַלט זיך ביים יודישען באַנקירס שוי-פענסטער און בלייבט שטעהען און ווערט בלאַס פאַר תאוה, און די אויגען פלאַמען אויף, און

די ערגסטע געדאַנקען, וואָס זענען יאָהרן לאַנג געשלאָפען, וועקען זיך אויף צום געוועלטיגען, צום הערשען, צום פערפיהרען... דער פרומער אַרבייטער געהט אין פאַבריק אַריין אַרבייטען, און דאָס שוי־פענסטער רוימט איהם איין: מאַך שבת! און ער געהט און רעדט אָן זיינע חברים צו אַלעס בייז! איין אָרים מיידיל מיט איין צעריסען שאַליכיל איבערן קאָפּ געהט אין אַפּטייק אַריין פאַר איין אַלטער קראַנקער שכנה נאָך אַ רעצעפּט, און דאָס שוי־פענסטער שטעלט זי אָב, און רוימט איהר איין: געה צוריק, ווערג די קראַנקע און נעם אַרויס דיין ירושה פון אונטער׳ן קישען. אַ ווייבעל געהט דורך, אַך! וויפיל בריליאַנטען וואָלט זי פאַר דעם געלד געקויפט! און אין די אויגען פלאַמט איהר אויף די זינד! זי ווייסט שוין, ווער עס וועט איהר אַזא געלד געבען, דער מאַן מיט די קינדער וואַרטען אויף מיטאָג און זי מאַכט איין אומוועג, פערשפּעטיגט זיך און קומט אַהיים מיט אַ פערברענטער נשמה צום פערברענטען מיטאָג... און אונזערע מיידליך מיט מוזיק־טעשליך אונטער׳ן אָרים, דערהערען דאָ איין אַנדער מוזיק, אַ גיהינם מוזיק... און אונזערע בעאַמטע לערנען זיך דאָ צו האַסען זייער אַרבייט פאַר ווייניג געלד און אויסצושטעלען די הענד אויף מעהר...

דאָס איז דאָס גיהנם, וואָס יודאַ האָט אונז געעפענט אין אַ קריסטליכער שטאָדט און געגויט נאָך אונזערע קריסטליכע באַנקירען זיי זאָלען איהם נאָכטהון! מאַנכע קריסטליכע שוי־פענסטער געהען נאָך איבער די יודישע! מען קען דאָך נישט איבערלאָזען דעם גאַנצען געלד־האַנדעל אין יודישע הענד, די זאָלען אונז אויסלערען און אַוועקשיקען אונזער גאָלד און זילבער צו זייער נייעם משיח, צום ד״ר הערציל אין זיין קאָלאָניאַל־באַנק אַריין!״

אים שאַרפסטען אפשר איז אַרויסגעטרעטען די „צוואַנג־יאַקע״:

— „ווען וועט מען שוין אַראָבטרייבען די יודישע הענדלער פון קריסטליכען מאַרק? זאָלען זיי צוריק אין געהעטא אַריין און דאָרט איינס דאָס אַנדערע ווערגען!

אַוועק מיט די יודישע קהל׳ישע שוי־פענסטער! וואָרים מיינט נישט, אַז דאָס איז פליגעלמאַן צו קוגעלמאַן! מאָרגען וועט איהר זיי טרעפען בעטלען אונטער אַ מויער. קהל׳ס קאָמיסיאָנערען זענען זיי, פון אַליאַנס־

איזרעאליט, פון יודישען פאנד, פון קאלאניאל־באנק! נישט אומזיסט איז אין די לעצטע צייטען אזא מאנגעל אין געלד; ד״ר הערציל האט צוריק געצויגען דעם קרעדיט און זאמעלט 25 מיליאן דאלאר אבצוקויפען ארץ ישראל ביים סולטאן! און ארץ ישראל איז נור איין אויסרייד, מיינען מיינט מען דאס היילינע קבר, וואס מען וויל שענדען, אדער בעלייגען מיט א יודישען שטייער, ווי פארצייטענס זיי האבען געמאכט מיט די קלויסטער אין מאלא ראסיען!

דער טאג איז נישט ווייט! דאס פיהלען מיר, דאס פיהלען אנדערע, דאס פיהלען אלע עהרליכע, נישט פערשטעלטע קריסטען! און נישט ווייט איז דער טאג ווען דאס אלץ וועט ענטפלעקט ווערען, און דעמעלט — וועה צום קהל׳שען הויז (גרזשיבאווסקא 26), וועה צו אלע ציוניסטען, צו די נאטאנזאנס, צו די גראסגליקס!

מירריידען, חס ושלום, ניט אן צו געוואלט, נור די פערביטערטע הערצער פלאצען און צו קיין גוטס קען נישט קומען״. —

אין א פאר טאג ארום האט געשריבען דער נאסען־לייפער:

„וואשלאפסקי לעבט נישט מעהר!

דער בארמהערציגער גאט האט איהם אויסגעלייזט פון ווילדען שגעון!

דער שגעון איז שוין אצונד זיכער ווי דער טאג. דער בעסטער בעוויז — די קירכע האט ערלויבט אויף א קאטוילישע קבורה!...

מיר האבען ריכטיג געטראפען!

זמערשפרענקעלס קויל איז נאך נישט געפונען געווארען!“ —

די באָבע יאַכנע.

אַ קלונג אָן טהיר, ווי אויף אַ שרפה; אַ פּראַל אויף, ווי פאַר אַ מענש מיט זעכס דבוקים אין לייב.

וואָס איז? די באָבע יאַחנע פון „שטעדט און שטעדטליך" איז געקומען!

— ס'קאַציל־קומט באָבעניו! — זעץ דיך!

איך וויַיז איהר אָן אויף אַ שטוהל, זי זוכט אָבער מיט די אויגען אַ קאַנאַפּע...

— איך האָב נישט, באָבעניו!

זי שמייכעלט, זעצט זיך אין דער שטוהל, קנאַקט אונטער איהר, מן הסתם פאַר נחת...

אַ ווײַלע זיצען מיר אַזוי שטילערהייט איינס געגען צווייטען און קוקען זיך אָן.

די באָבע יאַחנע האָט זיך נישט געענדערט: אַ יודענע, קיין עין־הרע, אַ הויכע, נאָר איין איבערגעבויגענע. אַביסיל צו־ליעב די פּים פון דער שכינה, אַביסיל גלאַט — ווי האַלט זיך עס אַ מענש אַזוי הויך ווי ער איז? אַחוץ דעם: דאגת פּרנסה, צער גדול בנים — אייניקליך, אוראייניקליך: אַ סך גע־בוירען, אַ סך פערלוירען, אַ סך צוזייט און צושפּרייט און אַ סך העגגען נאָך אויפ'ן האַלז... קיין יונג מענש איז זי אויך נישט!

וואָס זי זעהט אין מיר, ווייס איך נישט! נאָר איך קען מיר, איהר פּנים זאָט נישט אָנקוקען! עס איז פלאַך, איינגע־שרומפּען, געל און מיט אַ ביינערינ־געשפּיצטע נאָז, די אויגען זענען נאָך גראָה, נאָר צופיעל וואַסעריג. גאָט ווייס, וויפיעל טרעהרען זיי האָבען פערגאָסען, וויפיעל נעכט נישט געשלאָפען... זיי קוקען ערנסט, אָבער נישט האַרט, אפילו נישט שטרענג, און אין די איינגעפאַלענע אויסגעמוטשעטע אויגען, ווי־יאָהרען און צער להכעיס, וועקען זיך אָפט מאַנכע וואונדערליכע פונקען; צווישען די שרימפּען אויפ'ן פּנים הויבט אַ טרוכטאַנ־

צען אַ שטילער גלאַנץ; פערשפרייט זיך אַ פיין, דין שמייכעלע...
אַ סך ליעבשאַפט, אַ קליין ביסל חוזק — נאָר דעמאָלט לאָזט
די באָבע יאַחנע די אויגען אַראָב און ווישט אָב די פונקען מיט'ן
שמייכעל פון פנים מיט אַ ביינינער האַנד.

געקליידט איז די באָבע יאַחנע ווי אין די אַמאָליגע יאָהרען: אַ שטערנטיכיל מיט שטיינדליך אויסגעזעצט, אַ ברוסט־טיך מיט איין אויסגעהאָפטען גאָלדענעם אָדלער און אַלערליי בלימעליך און רייזעליך אַרום. אויפ'ן האַלז אַ שנירל דינע פעריל, אויסגעמישט מיט בורשטינדליך און קרעלען; פון דער שנור הענגט אַראָב, איבערן ברוסט־טוך איין אויבעל, וואָס גיט, ביי יעדער שטאַרקערער בעוועגונג פון דער באָבע יאַחנע, דעם אויס־געהאָפטענעם אָדלער פון ברוסט־טוך אַ שנעל אין דער נאָז.

פון אונטערן שטערנטיכעל קוקען קוים אַרויס די נישט געלעכערטע אויערן־לעפליך; די אויערינגליך, אייגענטליך: די אוירדרינגער, וואו גרוים און שווער זענען זיי, הענגען פוןביידע זייטען שטערנטיכעל אויף שנירליך, וויעגען זיך פריי און, וואָס די באָבע זאָגט, שאָקלען זיי צו: יאָ־יאָ, יאָ־יאָ!

— וואָס מאַכסט דו באָבעניו! פרעג איך נאָכען בע־טראַכטען און טאַקי מיט גרוים ליעבשאַפט.

— אַזוי — ענטפערט זי מיט אַ שמייכעל — דער גאָט פון היינט, איז דער איינענער גאָט וואָס פון נעכטען און פון מאָרגען — — מען לעבט!

— און געקומען ביסטו, באָבעניו, מיר מעשיות דער־צעהלען?

— ניין, כשר־קעצעלי! — אַלטע מעשות האָב איך שוין, ברוך השם, אויך פערגעסען! נייע טראַכסט דו אַליין אויס!

— נישט איך, באָבעניו! נישט איך. ווי איך קויף, פערקויף איך! אַזוי ווי לעדער, אַזוי די שיך! מען שרייבט מיר!

— און־דיר אַליין, פוטער פעסילע, פאַסט נישט אַמאָל

אַראָבצוקומען ? פערגעסען שוין מיינע מאָן-קיכליך, האָניג-טייגליך, קאַנדיל-צוקער ! . . .

— נישט פערגעסען, באָבעניו ! אפילו דיינע המן-טאַשען קומען מיר גאַנץ אָפט צו חלום ! אפילו די שבועות'דיגע ווייסע ציקאָריע ! אין אַלע מיינע גלגולים, באָבעניו, בפרט זייט איך בין אַ ביהן, לעבן איך, בענג איך צו דיר ! איך וואָלט דיר נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט, אין פוילען, ליטא, בעסעראַביען, גאַליציען, רומעניען —— איבער די הרי חושך אפילו, — איך קען נישט !

— אַ מען וויל, קען מען !

— ניין, באָבעניו ! געדענקסט די חיות, וואָס אַלכסנדר מוקדון האָט געטראָפען אויפ'ן וועג ? די חיות זענען צוגעבונדען מיט אַ שטריק צו דער ערד . . . מען ריהרט זיך אויף איין אָרט. ווייט אַוועק קען מען נישט; אַז מען רייסט איבער דעם שטריק — פאַלט מען אויף טויט !

די באָבע יאַחנע דערפרעהט זיך :

— דו גלויבסט ?! אין אַלכסנדר מוקדונ'ס חיות גלויבסט דו ? געזאָגט האָט מען מיר . . .

— עס זאָגט זיך נור אַזוי באָבעניו ! געמיינט האָב איך אַ פערד אין דער רייטשול : אין ראָד אַליין איז מען אויך נישט פריי ; די בייטש פייפט און דערמאַנט. נאָר אַרויס קען מען בשום אופן נישט . . . אַ שטאַרקע האַנד האַלט דעם שטריק ! פרנסה, באָבעניו !

— נעביך . . . דו אויך פרנסה. וואו, אומעטום איין וועלט אַ פנים ! פאַר וואָס שרייבען דיר מיינע אייניקליך קיין אמת נישט ?

— איך ווייס ? און איך האָב באָבעניו, גרויס צער דערפון . . . אפילו אין דער היים נאַרט מען מיך ! אָט האָב איך געשריבען וועגען „לינת הצדק" אין וואַרשוי : אַ ויכוח מיט אַ מגיד ; מען נעמט נישט אויף קיין קראַנקע ציוניסטען ! גע-דענקסט ?! וואָס ווייזט זיך אָבער אוים ? די לינת-הצדק האָט קיין מגיד נישט, עס איז קיין ויכוח נישט געווען, קראַנקע ציוניסטען

בעקומען לינות ווי אַלע קראַנקע... עס הויבט זיך נישט אָן, עס לאָזט זיך נישט אויס! אפילו דער שעדלעצער רב זאָגט מען, באָבעניו, איז אויך נישט אַזוי שווארץ, ווי איך האָב איהם געמאָלט! צו אַנדערע רבנים!

— נאַרישקייט, — שמייכעלט די באָבע — אויב די מיינסט עס ערנסט!

— אויף נאמנות, באָבעניו!

זי פערטראַכט זיך, און קוקענדיג אויף איהר שטערענטיכיל, פאַלט מיר איין צו פרעגען:

— זאָג נור באָבעניו, אמת'ע פעריל?

— ווער? די רבנים?

— פון שטערנטיכיל, מיין איך...

זי זיפצט אָב:

— ניין, ביהנאַלע... די אמת'ע האָב איך לאַנג פערקויפט — ווי האָט אַמאָל מיין אַלטער פערקרענקט...

— וואָס מאַכט ער, דער אַלטער?

— עבר ובטל נעביך!

— און דיין געזונד, באָבעניו... ביזט אפשר געקומען צו אַ דאָקטאָר?

— איך בין געקומען דיך עטליכע שאלות צו פרעגען!

— פרעג באָבעניו!

זי בייגט אַביסיל אַרונטער דעם קאָפּ, קוקט מיך ערנסטער אָן און זאָגט:

— האָסט דערמאָנט דעם שעדלעצער רב!... זאָג מיר איך בעט דיך, וואָס האָסט דו דיך עפּיס גענומען דוקא צו רבנים, צוגעקלעפּט זיך ווי אַ שוסטער־סמאָלע! איך לייען דיינע זאַכען! וואָס זאָל איך טהון? דאָס טייטש־חומש מיט אַלע התחנות קען איך שוין אויסענווענדיג! — זעהען זעה איך, אַז עס איז אין דיר אַריין אַ גלגול, און אפשר אַ דבוק, פון נאַר נישט קיין שלעכטען מגיד! שטראָף־רייד זאָגען קאָנסט דו! — נאָר צי אַנדערע מענשען זינדיגען נישט? צי זענען די רבנים ערגער פאַר אַלע?

— ניין, באָבעניו, ערגער נישט! פון זיי אָבער איז דער שאָדען גרעסער, דער חלול-השם גרעסער!

— האָסט דיר אײַנגערעדט!

— ניין, באָבעניו! עס איז אמת און עס זענען דאָ אַ סך טעמים דערבײַ!

הער, באָבעניו! אַז עמיצער איז נישט געוואָרנט מיט פֿײַער, צאָהלט ער, למשל, קנס; ווי איז אָבער אַז דער נאָכט-וועכטער אַליין ציהט אויס פֿײַער פון ליולקע און מיטען נאַס בײַ שטרויענע דעכער...

— נו, אודאי!

— אָדער אַזוי אַ שאָף בלאָנדזעט! ס'איז טאַקי אַ שאָד אַ שאָף! פאָרט אָבער נור איין שאָף! אָדער זי וועט צוריק קומען, אָדער האַפּט זי דער וואָלף! אָבער, אַז דער פּאַסטוך געהט אַראָב פון וועג?

— אודאי — איז די באָבע מודה, פערפיהרט ער אַלע.

— און דער חלול-השם, באָבעניו, איז אויך גרעסער! אַז אַ פּראָסטער יוד זינדיגט. ער טהוט תשובה צי ניין, זינדיגט ער אַליין, אָבער, אַז אַ רב טהוט עס, דער שומר, וואָס די תורה האָט געשטעלט בײַ דער טהיר, זאָגט מען: די תורה הייסט אַזוי. על כל פנים אַז זי איז מסכים! וואָס טהוט ער ניט אַליין! אַ ספר שרייבט ער און פערענטפערט זיך! כל זמן ער לעבט און זיין דור לעבט, שמייכעלט דער עולם... נאָך יאָהרען, דער דור איז טויט, דער רב איז אַ קדוש געוואָרען. זיין ספר קריכט אַריין אין בית-המדרש-שאַנק און שטעלט זיך צווישען די הייליגע ספרים!

— דאָס איז אמת?

— אודאי! אַז אַ פּראָסטער יוד זינדיגט, קריגט ער, לויט דער זינד אויף דער נשמה אַ זומער-שפּרענקאַלע, איין קראַץ! און — ווען אפילו אַ הויקער? אין אַ משפחה טרעפט זיך אַ הויקער אויך!

— נעביך! זיפצט די באָבע-יאַחנע און לאָזט די אויגען אַראָב און פערטראַכט זיך.

פלוצים הייבט זי די אויגען אויף און ווערט אַ מליץ־יושר.

— הערסט, ביהנאַלע. ביי זיי איז אויך נישט גוט! ביי אונז אין מסחר, וואָס ווייניגער סחורה, מעהר קרעמער! ביי זיי: וואָס ווייניגער תורה, מעהר רבנים! נישט אַלע קענען האַנדלען מיט סאָדאָ־וואַסער! קומט טאַקי אַרויס דריי רבנים אויף אַ שטאָדט...

— קויפט מען זי אויף ליציטאַציע, פערברענט מען זי מיט מחלוקת...

— דלות מאַכט פסלות, ביהנעניו! דער הונגער איז גאָר קיין יצר־טוב נישט!

זי פערטראַכט זיך טיעפער; די גראָהע אויגען פערציהען זיך מיט אַ נעפּיל... איך וויל זי פעררעדען און גיב אַ פרעג:

— וואָס זענען, באָבעניו, די ברילאַנטען אין דיינע אוירינגליך אַזוי טויט... זיי עטהעמען גאָר מיט קיין ליכט און פאַרבען נישט!

— קיין אמת'ע שטיינער, קעצאַלע! פאַר די אמת'ע האָט מען זיהן אויסגעלעזט...

די באָבע יאַכנע ציהט אַרויס פון איין אונטער־טאַש אַ גרויס פולאַרען טיכיל און ווישט זיך אָב דעם שטערן...

— פון גוטע יודען, מאַכט זי, וויל איך שוין גאָר נישט רעדען, דו גלויבסט דאָך אָן גאָר נישט!

— באָבעניו, דאָס האָט דיר אַ שונא געזאָגט! איך גלויב!

אין וואָס, קעצילע? אין דעם, וואָס דיינע אויגען זעהען? קען איך אַ גרעסערן פלוסוף — דיר נישט צו גלייבען אַ רופא יונג! אפילו אַז ער זעהט שוין אַ קערביל גלויבט ער זיינע אויגען נישט; ערשט, אַז ער בעקומט דאָס קערביל אין האַנד אַריין! גלויבט ער, אַלע זייט איהר אַזוי!

— נישט אַלע... אַנדערע, באָבעניו, גלויבען!

— אין וואָס, האַרץ־דעקיל מיינס!... רעד דבורים!

— אין וואָס? עס וועט מיר שווער זיין דיר אויסצו־

טייטשען, באָבעניו! נאָר פּרוּוען וועל איך! הער, איך גלויב אין יענער זייט פון דער זאַך!

— וואָס איז דאָס עפּיס פאַר אַ משניות? עפּיס אין אונטערשלאַג גלויבסט דו?

איך קריג מורא, אַז איך בין אַריינגעפאַלען!

— אדרבה, — זאָגט זי אומגעדולדיג — טייטש מיר אויס... איין אַלטע יודענע איז דאָך אויך אַ מענש!

— איך וועל פּרוּוען, באָבעניו, נור מיט אַ משל!

— אדרבה, טאַקי מיט אַ משל! משלים געראָטען דיר אַמאָל!

און עס מאַכט זיך אַזאַ שמועס:

— צי ווייסט דו באָבעניו — פרעג איך — ווי אַ הונד איז זיך נוהג מיט אַ שפּיגעל?

— פרעג מיך עפּיס גרינגערס!

— וועל איך דיר זאָגען, באָבעניו! — אַז אַ הונד דערזעהט זיך דאָס ערשטע מאָל אין שפּיגעל, ווערט ער אָנגעצונדען. ער גיט אַ שרעקליכען גביל, אַ שפּרינג צו! לאָז'ען, מאַכט ער דיר אַ חורבה פון שפּיגעל. האָסט אַ שפּיגעל, באָבעניו?

— אַ שפּיגעל ווי אַ שפּיגעל, קיין הינד האַלט איך נישט!

— זכר לטיט! מען האָט פון הינד אַ סך געליטען! נאָר פאַר וואָס כעס'ט זיך דער הונד? ער מיינט, עס איז איין אַנדערער!

אַ הונד זאָגט אויך: איין הונד דאַרף זיין אין אַ שטוב! אַ ניט ווערט די פּאָרציע קלענער!

איז דאָך אָבער אַ הונד בטבע אַ חכם, שפּרינגט ער אַזוי און קראַצט אַזוי לאַנג מיט די ציינער, ביז ער ווערט געוואָהר, אַז דער הונד און יענער הונד זענען איין הינד! ער בערוהיגט זיך, נאָר פון דעמאָלט אָן פערגעסט ער אָן שפּיגעל!

— זעהר רעכט — זאָגט די באָבע יאַחנע — הלואי וואָלטען מיינע שניר אָן שפּיגעל פערגעסען...

— דאָס איז, באָבעניו, שוין גאָר עפּיס אַנדערש! די

האָסט אָבער באַבעניו, בעמערקט ווי דיינע קליינע אייניקליך זענען זיך נוהג מיט׳ן שפּיגעל?

די באָבע יאַחנע רייטעלט זיך פאַר נחת.

— איין אייניקיל — זאָגט זי — וואָלט ער פאַר אַ שפּיגעל קרעפּליך אוועקגעשטעלט! ער מעג האַלטען אין מיטען געוויין, אַז מען נעמט איהם נור צום שפּיגעל — אַ זון אין אַ רעגען! די אייגעליך נאָך פול טרערהרען און גלאַנצען שוין פול פריעד: און זאָלסט זעהן ווי ער פּאַטשט מיט די הענטליך, שמייכעלט, לאַכט! ווי ער רייסט זיך צום שפּיגעל, שטעלט אוים שפּיציג דאָס קליינע פּיסקאַלע און וויל קישען דאָס „דזידזיאַלע" אין שפּיגעל! מיך בעפאַלט אַ טרויער...

— האָב איהם ליעב, באָבעניו! זאָג איך. ער וועט זיין אַ גוטער, דיין אייניקיל! ער שמייכעלט, ער האָט ליעב, ער רייסט זיך צו זיינס גלייכען! צי גליקליך? וויים איך נישט, נאָר אַ גוטער וועט ער זיין! — און אַנדערע?

— איין אַנדער אייניקיל ווייטער האָב איך, האָט ער גאָר איין אַנדער טבע! ער שמייכעלט נישט, פּאַטשט נישט מיט די הענטליך, נאָר ער וויל שוין וויסען וואָס אויף יענער זייט שפּיגעל טהוט זיך! ער חאַפּט זיך מיט די הענטאַליך צו דער רעם, וויל זי ריהרען, אויפהויבען... רייסט זיך אָן אַ זייט, וויל אַרונטער־קוקען! אַז מען לאָזט איהם נישט, ווי ער וויל, וויינט ער — אַ שיף מיט זויער־מילך איז איהם אונטערגעגאַנגען. און עס ווערט איהם גאָר נישט נמאָס!

— פון דעם וועט אַרוים אַ מענש, באָבעניו! אַ מענש, וואָס וויל זעהען „יענע" זייט, די עקר זייט פון דער זאַך!

— דאָס שפּינוועבס פון מיין שפּיגעל? צולאַכט זיך די באָבע יאַחנע.

— לאַך נישט, באָבעניו! אין משל מעג זיין שפּינוועבס! אָבער אַ מענש וועט דיין אייניקיל זיין! זיך אַליין דערקענט ער נאָך נישט, און וויל שוין נישט וויסען, פון וואַנען „יענער" קומט אַרוים... אפשר בייסט ער נאָך זיין אייגען פּיסיל?

— דאָס נישט... אין צינגיל אַריין — טרעפט זיך שמייכעלט זי.

— ער בייסט נאָך אין איינען צינגיל, און עס לאָזט איהם קיין רוהה נישט; פון וואַנען נעמט זיך יענער?

— אַ „ציעקאַוואַשטש" !

— אַ „ציעקאַוואַשטש" נור פון אַ מ ע נ ש ! אַ הונד טהוט עס ניט, אפשר נישט דער קלינגסטער! דער ג ע ל ע ר נ ט ס ט ע ר הונד, אַפילו נישט אַ הונד אַ קינצען־מאַכערן! יענע זייט אָם חלומ'ט זיך זיי אַפילו נישט!... און מיר אַלע, „באָבעניו" זענען געגליכען צו קינדער; די וועלט, באָבעניו איז אַ שפּיגעל — —

— לאָ־מי־ך געהן, לעבען מיינס, מאַכט די באָבע אַוועק מיט דער האַנד; דאָס איז נ י ש ט פאַר מיר... צו אַלט דערצו!

די באָבע יאַחנע פערטראַכט זיך. איך וויל זי פערוויילען און פרעג:

— און דער אָדלער דיינער, באָבעניו, איז טאַקי זהב־טהור?

— געוועזן — האַפּט זי זיך אויף — אין די ג ו ט ע צייט, ווען מיין אַלטענס עטרות זענען אויך געוועזן אי כסף־טהור, אי זהב־טהור... היינט — —

— וואו איז אַלץ אַהין געקומען?

— אַ זוהן אויסגעלעזט! אַפילו דאָס זילבער פערקויפט! און גאָלד און זילבער אויסגעטרענט און מיט שיך (מישורא) פערהעפט...

און מיטען ווערט זי אונגעדולדיג:

— וואָס טויגען אָבער די נאַרישקייטען... משל אַ הין, משל אַ הער — ווי קומט עס צו גוטע יודען?

— נאָר דאָס, באָבעניו, קומט אויך פון משל אַרויס! האָסט עפּים אַ שוואַך אייניקיל, באָבעניו?

— ווע'ט איך אַזוי נ י ש ט געהאַט... פיסליך נעביך. אויסגעקרימט...

— ווי וואַלט־זשע געוועזן, באָבעניו, ווען אַזאַ אייניקיל זעצט זיך אַ מאָל אויף אין דער פריה אין בעט און דערצעהלט די אַנדערע קינדער אַזאַ מעשה:

באשר בכן — דערצעהלט ער — ביי נאַכט האָט איהם עפּיס, זאָל זיין, ער מאָלט אויס אַ מלאך מיט פליגעל! האָט איהם עפּיס געוועקט (און דו, האָסט אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעמהון, און ווייסט, מען האָט קיין שאָרך נישט געהערט) און ער האָט איהם אויפגעוועקט (דו ווייסט, ער איז אַ גאַנצע נאַכט געשלאָפען!) ער איז (מיט די קרומע פיסליך!) אַראָבגע־שפרינגען פון בעט, צוגעלאָפען צום שפּיגעל (דו ווייסט, אַז ער האָט זיך נישט געריהרט פון אָרט!) דערלאַנגט (און דו ווייסט, ווי קליין ער — און ווי הויך דער שפּיגעל איז) און האָט איהם איבערגעדרעהט (און דו ווייסט, אַז ער האָט דערצו קיין כח נישט, און וועט אפשר קיינמאָל נישט האָבען)... אַז אויף יענער זייט איז אָנגעשריבען מיט מלאָכים־כתב (און דו ווייסט, אַז ער קען נישט קיין פּראָסטע עברי נישט!) מיט שוואַרץ פייער אויף ווייס פייער.

— רבונו־של־עולם שרייט אויס די באָבע יאַחנע, האַלב געלאַכט האַלב דערשראָקען — די האָהר שטעלען זיך מיר קאַפּויר, — וואָס קען דאָס זיין?

— עס איז נאָך נישט געענדיגט, באָבעניו! ער דערצעהלט וואָס דאָרטען שטעהט אויף מלאָכים־כתב!

„דאָרטען שטעהט — זאָגט ער — אַז ער איז דאָס בעסטע קינד פון אַלע קינדער... אַז אַלע קינדער זענען מחויב פאַר איהם צו בעהאַלטען און איהם אַוועקצוגעבען — אַלע האָניג־טייגליך, ס'גאַנצע קאַנדיל־צוקער, אַפילו די בייגעל פון אָנבייסען!..."

— אַזוי! — זאָגט די באָבע — איז ער דאָך גלאַט אַ געבוירענער שווינדלער! אַזוינס וואָלט איך דאָך — זאָגט זי — געקיילט.

— אייל דיך נישט, באָבעניו! נישט אַזוי געשווינד מעג מען קיילען! עס קען זיין אַ קרענק!... אַ קראַנק קינד, האָט עס קראַנקע חלומות... מען דאַרף אַ דאָקטאָר רופען, אפשר מוז מען עס גאָר אין הקדש אַריין־פיהרען... עס קען זיין אַזאַ קרענק, דאָקטוירים ווייסען דערפון!

— אַזוי??

— און דאָס, באָבעניו, זאָג איך טאַקי; נוטע יודען דארפען אַ דאָקטאָר. קראַנקע — אין שפּיטאָל, שווינדלער זאָל מען קיילען, און אַ סוף! „כּלחוץ־השור וועלען זיי פון דיינע שטעדט און שטעדטליך מאַכען!“

און ווייטער פערטראַכט זיך די באָבע יאַחנע, און איך פרעג:

— און דער אייבעל דיינער, באָבעניו?!

— עט, איין אַלטע פאַלשע מטבע! מיט דער אמת'ער, בצירוף כלי־בית און אַ ביסיל בגדים, האָט מען פאַר אייניקליך צו 300 רובעל קנס געצאָהלט... נאָך מיט חסד, וואָס מען האָט געלאָזט אויסצאָלען...

איך האָב שוין מורא צו רעדען פון צירונג און פרעג:

— און דו האָסט צייט, באָבעניו, אַזוינע שאלות צו ליעב אַמישנע אַהער צו קומען?

— צייט? איך האָב דען מעהר ווי צייט? וואָס האָב איך דען צו טהון, קעצאַלי?!

— און דיין שניט־קראָם? האָסט דאָך, באָבעניו, אַמאָל אַ גרויסע שניט־קראָם געהאַט!

— געהאַט!... אַ קראָם איז ווי איין אָם... זינגט אַזוי לאַנג ביז זי ווערט איינגעשרימפּען... קינדער אויסגעזייגט, אויסגעגעבען... קנס בעצאָהלט — אַלץ פון איין קראָם איז זי טאַקי איינגעשרימפּען געוואָרען! פון אַ גרויסער איז געוואָרען אַ קליינע, אַ קלענערע... דערנאָך אַ שטעלעביל, אַ טישיל, אַ קיישיל נור, ביז — עס איז געקומען צו גאָר נישט!

— און אַ „קניפּל“ האָסטו דיר, באָבעניו, געלאָזט?

— הלואי וואָלט איך שכל געהאַט!... די קינדער אפילו געהט עס אויך נישט גוט... די אייניקליך דערפאַר וועלען אפשר זיין לייט... נייע מענשען... נישט געשטעלט — און געמעקט, אָהן קאָפּ־פערדרעהעניש נור מען אַרבייט! ווער ביי אַ בעל־

מלאכה, ווער אין פאַבריק... נישט אַלע, נור ס׳רוב אַזוינע... אַ סך מעשה אבות ירשו בנים, אַ סך זענען אַוועק...

— געבענשט זאָלען זיין זייערע הענד, און דו, וואָס טהוסט, באָבעניו?

— אביסיל קוק איך צום אַלטען... אביסיל שטריק איך זאָקען... באַק מאָנקיבליך פאַר אוראייניקליך... אויף יום-טוב — ווי אַמאָל האָניגטייגליך... מען לעבט — — אַבי ווייטער! אצינד בין איך דאָ...

— נאַר, אַז איך בין שוין דאָ, וואָלט איך געוואָלט פרעגען, שוין נישט דיך, ווענגן ר ע מ א ט ע ן... נאַר דו גלויבסט דאָך אָבער אין קיין דאָקטוירים נישט!

— איך גלויב, באָבעניו — אַ סך עהרליכע לייט! איך וועל דיר אויסזוכען איינעם!

— ס׳האָט צייט, מיר וועלען זיך נאָך זעהען.

דערווייל געזעגענט זי זיך.

איך בעגלייט זי, וויל שוין פערמאַכען די טהיר, נאַר אויף דער שוועל מאַכט זי:

— ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגען? מקנא בין איך דיך נ י ש ט... שטענדיג מיט׳ן בעזעם!

— וואָס זאָל מען טהון, באָבעניו? וואו דאָס מזל שטעלט אַ מענש, דאָרט איז ציאַכאָוואָי!

— אפילו אַ „ביהן״ — שמייכעלט זי.

— הרבה שלוחים למקום — אפילו אַ ביהן!

אלהי עד שלא נוצרתי.

ניט איך אַליין בין פרום און דאַווען, נאָר אפילו מעשי־ידי — מיין „שטעדט־און־שטעדטליך״־פעליעטאָן!

עס איז אַפילו אַ יודיש קינד, אַ גלות קינד... אַזוינס אַז עס געביערט אַ בייזע לשון־קודש קאַץ, בייסט זי איהם באַלד דאָס ווייכע קעפּיל אָב און עס דערלעבט נישט צו זעהן די ליכטיגע שיין! און דאָך, קוים שפּרינגט עס מיר פון האַרץ אַרויס, נאָך דער נאָפּיל נישט אָבגעשניטען, פערלעגט עס שוין די פרומע הענטליך און עפענט דאָס קליינע מיילעכיל און זאָגט אויף לשון קודש:

— „אלהי,

„עד שלא נוצרתי אינני כדאי!

„ועכשיו, שנוצרתי —

„כאלו לא נוצרתי?״

עס האָט אַביסל „גראַם״ אין זיך, נאָר אַ סך אמת!

אויף וועמען ווירקט מען? ווער הערט און פערבעסערט זיך?

דער געטראָפענער זאָגט: אַ בלבול; דער נישט־געמיינטער — אַ, אַ גליך ווערטיל!

אַ פיין־געבילדעטער, פיין דערצויגענער ציהט צוזאַמען די פּוילע־ליפּען: פוי!

אַ פיין געבילדעטער, פיין דערצויגענער מענש דאַרף קיין מגיד נישט! ער האָט זיין אייגען געוויסען, אַ פיין וויס דערצויגען שוים־קעציל מיט שטענדיג אָבגעשניטענע נעגאַליך, וואָס בייסט נישט, קראַצט נישט, נאָר גלעט איבער דער נשמה!

. . . .

אַ מענש בעשטעהט פון אַ גוף מיט אַ נשמה. דאַכט זיך, אַז די נשמה איז דער עיקר, דאָך קומט אַרויס פערקעהרט. אַז דעם גוף איז עפּיס, דערפיהלט באַלד די נשמה און מען לויפט צו וועמען מען דאַרף, אַ צאָהן אַרויסרייסען, אָבשניידען איין איבערוואוקס, אויסברענען אַ ווילד־פלייש, אַ פּאָליפּ... פרעגען

אין וועלכען באָד אריין מען דאַרף פאָהרען. און אין נאַס וועט איהר נישט קיינמאָל זעהען, וועניגסטענס זעהר זעלטען, עס זאָל ארומגעהן א מענש מיט א פוילען גוף!

אָבער פערפוילטע, איבערגעוואקסענע נשמות? אויף יעדען שריט און טריט. נור אז די נשמה ווערט קראַנק, האָט נישט ווער צו פיהלען.

אז דו זאָגסט עמיצען אין נאַס: וואָס זעהסט דו עס אַזוי שלעכט אויס? נעמט ער עס אָן פאַר א גוטע מטבע, א קאָמפּלימענט פאַר חבר'קייט! פּרוּו אָבער און זאָג עמיצען: „וואָס איז דיין נשמה אַזוי בלאַס, אַזוי אש-גראָה אָדער פויל-גרין, ווי א סוף-זומער-בלאַט?" שילט ער דיך אין טאַטענס טאַטען אריין!

. . . .

און מיט א אָנגעשוואָלען קול פון רחמנות זאָג איך א פיין-געבילדעטען מענש: „הער, דו ביזט א צייט געשלאָפען... מיט א פרעמד ליעדעל האָט מען דיך איינגעשלעפערט, און דו האָסט עס אין שלאָף ווייטער געזונגען, דאָס נאַרישע פרעמדע ליעדעל... און בשעת דו ביזט געשלאָפען און דאָס נאַרישע פרעמדע ליעדעל געזונגען, איז דיר א היישערעק מיט א קופּערן פּיסקעל אין דער נאָז אריין, פון דער נאָז אין קאָפּ אריין, און האָט דיר פון מח א שטיק געהירן אויפגעגעסען און דו ביסט ווייטער געשלאָפען און דאָס נאַרישע פרעמד'ע ליעדעל געזונגען, ביז עס האָט דיך אויפגעוועקט א געשריי, א ליאַרם: דיין הויז ברענט! און דו האָסט דיך אויפגעחאַפּט האַלב מענש, מיט האַלב געהירן, גע-עפענט א פּאָר נאַרישע אויגען, איין אויסגעפּיילט מ'יל (אין שלאָף האָסט דו די צייהנער פערלוירען) און זינגסט ווייטער דיין שלאָף-ליעדעל, און ציטערסט פאַר שרעק און דרעהסט דיך ארום ווי א פערלוירענע שאָף אויפ'ן אָרט, אַרום און אַרום אַרום און אַרום" — —

און מיט א קול אָנגעשוואָלען פון רחמנות זאָג איך ווייטער דעם געבילדעטען מענש מיט דעם האַלב אויסגעגעסענעם גע-הירן: „הער אויף צו זינגען, די זינג-צייט איז שוין לאַנג פאַריבער... נאַ! נעם א שמעק-טאַביק, נים אָב, נים ..ב.

שטאַרק, וועט דיר דער הוישערעק, וואָס עסט דיר אויף די געהירן פון קאָפּ, פון נאָז אַרויס און ווער געגעזען!"

בייזערט ער זיך!

אַ נאַגעל, אַז ער פערייסט זיך, לאָזט ער זיך אָפּעריערען, און אַז מען עסט איהם דעם מח, די נשמה אויס, פּיהלט ער נישט און זינגט, און בייזערט זיך!

. . . .

און טרעף איך אַ פּראָסטען גלות-יוד, און געה צו און זאָג איהם: אַרויס פון בודע! עפענט ער אויף מיר אָפּאָר אויגען! זאָג איך איהם: הער, דו האָסט געשלאָפען... דו האָסט אַזוי לאַנג געליטען ביז דו האָסט איינגעשלאָפען... און אין שלאָף האָסטו געקרעכצט, נישט געזונגען... איינענע ליעדער האָסט דו לאַנג אין צרות פערגעסען און פרעמדע נישט אויסגעלערנט... נאָר בשעת דו האָסט געשלאָפען, איז די שענע נור שרעקליכע לילית געקומען און האָט אויף דיר אַ כשוף געוואָרפען. זי האָט דיר איין אייזערנע קייט אויפ'ן האַלז געלעגט און שלאָפענדיגערהייט צו אַ פינסטערער בודע געשלעפט און געזאָגט: זיי אַ הונד! און פערכשופט, האָסט דו געענטפערט: איך בין אַ הונד! און די צונג אַרויסגעשטעלט, און פליגען געחאַפּט אָדער אין קלאָרע געכט, געגען דער לבנה געבילט...

נאָר ווייל דו האָסט קיין פרעמדע ליעדער געזונגען, האָט אויף דיין נשמה דער כשוף קיין שליטה נישט געהאַט. זי האָט זיך נור איינגעקנוילט, איינגעשרימפּען און ערגיץ טיעף, טיעף אין מח צי אין האַרץ בעהאַלטען, זי זאָל דיך מיט די הינטישע געדאַנקען נישט טרעפען, קיין פליגען נישט חאַפּען!...

ער עפענט נאָך גרעסערע אויגען און איך זאָג ווייטער:

הער, פון פליגען-חאַפּען לעבט מען נישט —

פרעמדע טעלער-לעקען איז קיין כבוד נישט —

אַ פינסטערע בודע איז קיין הויז נישט — און דו ביסט קיין הונד נישט! וועק דיך נור אויף, וועט זיך אויפוועקען דיין נשמה, זי וועט זיך פערשפּרייטען אין דיין גאַנצען גוף, און וועט פערטרייבען די הינטישע געדאַנקען — און אַ מענש וועסטו ווערען — —

ענטפערט ער מיר:

— דו וועסט מיך אָבטריניג נישט מאַכען, איך בין אַ הונד און בלייב געטריי!

און ער וויזט מיר — די ציינער!

. . . .

באַרג אַראָב צו זיין אָרימען ברודער אין ט־אָל לויפט גוט־מאַן. איך האָב איהם קוים אין נאַכט־שאָטען דערקענט; ביי טאָג האָט ער מורא פאַר'ן ווייב, די ארורה איז אַ מיוחסת, איהם ליידט זי קוים, קוים; זיינע אָרימע קרובים לאָזט זי אבי־לו נישט דערמאַנען. און אָנגעלאָדען איז ער גוטמאַן מיט פעקליך און שקאָרמוציין. אַ פעקאַלע צוקער, אַ ביסיל קאַווע, איין אַלטע פּאָר פלודערן, איין אויסגעבויגענער צילינדער — פון די קעשענעס שטאַרען נאָך אַרויס פּ עשליך — אַ ביסיל מעדיצין, עס קען צו נוטץ קומען, אַ ביסיל איינגעמאַכטס. עקסטראַ פאַר די קינדער — אַ ביסיל קאַנדיל־צוקער...

אין דער בוזעם־קעשענע, בין איך זיכער, טראָגט ער נאָך עטליכע בילעטען אויף קוילען, עס געהט צו ווינטער, אַ האַלב טוץ בילעטען אויף מיטאָגען און ברויט אין דער ביליגער קיך... אַ גאַנץ טוץ בילעטען פאַר דער גאַנצער משפחה אין בעדיל אַריין!

— נעביך — פערוואָרלעסיגט געוואָרען...

און אַ זיסער רחמנות שמייכעל בלאָנזעט איהם אַרום די וואָנסען; וואַרפט אַלע מאָל אַ בליק אין הימעל אַריין, גלייך ער נעמט די שטערן פאַר עדות, אַז ער טהוט, וואָס ער קען — — —

— גוטמאַן, — חאַפּ איך איהם אָן ביי דער האַנד — פאַר וואָס קען דיין ברודער זיך אַליין נישט פערזאָרגען?

— מיין ברודער? פאַר וואָס? — שטאַמעלט ער — פאַר וואָס?

— יאָ פאַר וואָס?

— ווייל ער האָט שוין יאָהרען־לאַנג — ענטפערט גוט־מאַן — קיין פענסטער נישט געעפענט און קיין פרישע לופט נישט איינגעעטעמט... און ער וואָהנט אין טהאָל, אין נאַסען,

פייכטען טהאָל... אויפ'ן באַרג אַרויף האָט ער מורא, דער קאָפּ דרעהט זיך איהם, זאָגט ער, — און אין שטוב איז פול שפּינ־וועבס — און עס פליהען אַרום פלעדערמייז, וואָס רייסען זיך אין די האָהר...

— ד'וויים — ענטפער איך איהם — דיין אָרימער ברו־דער איז קראַנק אויף דער נשמה. אויפ'ן באַרג אַרויף וויל ער נישט, צו פרישער לופט בענקט ער נישט... דאָס שפּינוועבס, מיינט ער, איז פון דיקע שטריק, און ער מיט זיינע שוואַכע הענד וועט זיי נישט איבעררייסען... די פלעדערמייז, מיינט ער, זענען אָדלער, און ער ציטערט, זיי זאָלען איהם נישט דעם מח שפּאַלטען און די געהירן פרעסען...

— ד'וויים — זאָג איך ווייטער — נאָר דו ביסט דאָך אויך אין שפּינוועבס געבוירען, צווישען פלעדערמייז געוואַקסען — ווער האָט דיך פריי געמאַכט?

— ווער? איך האָב אַביסיל שׂכל געהאַט...

— הער גוטמאַן, אפשר וועסט דו געבען דיין ברודער נישט קיין צדקה, נור שכל?

עס וועט דיר געזונטער זיין! צדקה מוז אָנשיטען א גע־לעבערטען זאַק... שכל־געבען, דעם אמת אויסזאָגען, לערנען — איז אלישע'ס קריגעלע בוימעל, מען גיסט און מען גיסט, און דאָס קריגעל בוימעל בלייבט קריגעלע בוימעל!... זאָג איהם, ווי אַזוי דו ביזט אַרויס און פריי געוואָרען!...

— ער וויל מיך נישט הערען... ער איז מיך, זאָגט ער, מיט מיין ארורה נישט מקנא...

— און שוועבעליך — פרעג איך — האָסט דו?

— נאָך וואָס?

— נעם — זאָג איך — צינד אונטער די בודע... פער־ברען דיין אָרימען ברודערס קריינק...

— פוי! אונטערצינדערס! — בייזערט זיך גוטמאַן און לויפט אַוועק.

זיין גוט האַרץ דאַרף צדקה געבען, ער מוז האָבען איין אָרימען ברודער! אַ ניט, וואו וועט ער נעמען עולם־הבא?

און דער אָרימער ברודער ווייסט נישט, אַז זיין נשמה איז קראַנק!

. . . .

„איין שבת יודען זאָלען האַלטען, וואָלט משיח געקומען!"
ווייטער אַ גמרא און ווייטער איין אמת!
איין שבת ווי עס דאַרף צו זיין, איין אמת'ע נשמה יתירה!

אַ נשמה יתירה וואָס זאָל פיהלען, וואָס זאָל וויסען, ווי יענע די טאָגטעגליכע, די וואָכענדיגע איז קראַנק!
וואו נעמט מען זי?

. . . .

אלהי,
עד שלא נוצרתי אינני כדאי
ועכשיו שנוצרתי
כאלו לא נוצרתי — — — —
וואָרים באמת וואָס איז —

די קראנקע נערווען.

עס מהוט זיך טעשים! עס זעצט און קנאַקט; עס קאָכט, עס שוימט, עס זידעט און פלאַקערט!

וואָס איז געשעהען אַזוינס! רבונו של עולם! ווער האָט אויפגעוועקט אונזער טויטען ים? ווער האָט אַרויסגעלאָזט דעם ווילדען שטורם? וואָס לויפען די לייט אַזוי אַרום ווי משוגע?

עס איז, דאַכט זיך, קיין וויכטיג נייעס נישט געשעהען! סאַמע דראָבנע פאַקטען!

וואָרען וואָס? אויסער „אחיאסף" האָט זיך נאָך איינער ערלויבט צו שרייבען און צו דרוקען העברעאיש! אמת, ער דרוקט זיי אינטער דער נאָז — בק"ק וואַרשוי; נו, דעריבער? דאַרף דעריבער די וועלט נישט שלאָפען?

אַ נייַ געבאַקענער ד"ר דע פילאָזאָפיע האָט די „רויז" אין „לכבוד פסח" נישט פערשטאַנען... נו, על כן? דאַרף דערמיט וואַרשוי קלינגען?

„פלוני", אַ געוויסער „פלוני", האָט אַריינגעשלעפט דעם ירושלים-בער — יעבצ'ן צום „הויז-פריינד" אין באָד אַריין, און האָט איהם, כמעט אָהנם בעדער'ס וויסען, אַריינגעוואָרפען עטליכע באָזימלעך — הכלל? איז אַ לאָך אין הימעל?

דאַרף דעריבער רודערן, ברענען, שטורמען, קנאַקען?

אַח, ווי דענערוויערט עס זענען אונזערע לייט!

דריי-פיערטעל נייע געשיכטע שרייבען אונז די קראַנקע נערוועָן!

קראַפט-עבינג — אַ בעריהמטער וויענער פראָפעסאָר — איז דער מיינונג, אַז דער גאַנצער אַנטיסעמיטיזם, וועלכען מיר האָבען אַזוי פיעל „גוטס" צו פערדאַנקען, וואָס האָט אונז גע-געבען: אַרגענטינאַ, פאַלעסטינאַ, פאַטריאָטען, נאַציאָנאַליסטען און... „אחיאסף" — וואָס האָט אונז אַזוי נמאס ומאוס געמאַכט

גאַנץ איירָאָפּאַ מיט איהר ציוויליזאַציע, וואָס האָט אויפגעוועקט אין אונז אַזאַ הייסע ליעבע צו אַראַבער און טערקען און אַפּילו צו די אַרגענטינישע קצבים — אַז דער גאַנצער אַנטיסעמיטיזמוס איז נישט מעהר נור אַ נערוון־קראַנקהייט וואָס גרעניצט, פּראַווּדע, מיט שגעון.

מיר יודען, חאָטש מיר זענען איין „עם סגולה", איין אויסדערוועהלט פאָלק פון אַלע אומות, מיר ליידען פון דעסטוועגען אויך אויף די אייגענע קרענק, וואָס הערשען אין איירָאָפּע. עס האָט אונז נאָך קיין איין מגפה פריי נישט דורכ־געלאָזט און דאָס גראַסירענדע נערוון־פיעבער אודאי נישט...

מיר זאָלען נישט זיין אַזוי נערוועז, וואָלטען מיר פאַר שרעק די קעפּ נישט פערלוירען און נישט געלאָזט שאַרלאַטאַנען זאָלען אונז מיט איין האַנד פיהרען ביי דער נאָז און מיט צווייטער גראַבלען אין קעשענע... מיר זאָלען נישט זיין אַזוי נערוועז, וואָלטען מיר נישט געזוכט שוץ און הילף ביים קאָנסערוואַטיזם, ביי אונזער אייביגען בלוט־פיינד, וואָס שטאַרקט זיך אויף אונזער פּאַהיבעל... ווען מיר זאָלען נישט זיין נערוועז, וואָלטען מיר נישט געלאָזט גנבים זאָלען אונז ראַטעווען בשעת שרפה, און נישט געוואָלט אַרויסשפּרינגען פון דאַכשטיבער דורכ'ן פענסטער... ווען מיר זאָלען נישט זיין נערוועז, וואָלט דער מאָרגענדיגער טאָג אויף אונז געוויזען: אָט דאָס זענען די, וואָס האָבען ביינאַכט די לאָמפּ נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנד! נור מיר זענען אָבער נערוועזער אַלס אונזערע פעטערן־קינדער, מיר אַליין העלפען צו דער פינסטערניש, זי זאָל אונז איינשלינגען; מיר אַליין דרעהען זיך אַ שטריק אַרום האַלז, מיר אַליין זאָגען זיך אָב אַפּילו פון די רעכטע, וואָס קיינער וויל ביי אונז נישט נעמען!

מיר זענען אַזוי נערוועז, אַז עס איז אַ חרפה און אַ שאַנד פאַר לייט, איין אונגליק פאַר אונז און איין אויסגעצייכענט געשעפט פאַר די, וואָס זענען שטענדיג גרייט אונטער צו צינדען אַ הויז, אַבי זיך אָנצו־וואַרימען, פאַר די — וואָס יעדעס פאָלק'ס־אומגליק איז פאַר זיי אַ טייכעל, פיש צו חאַפּען; פאַר די, וואָס דרייען אויס זייער ווינד־מיהלעכיל נענען יעדען ווינד אויף דער

זועלט, מעג ער ברענגען די פעסט, נור גרויפען זאָל ער מאָהלען...

און ווי נערוועז די לייט אַליין זענען! ווי זיי ציטערן, עס זאָל זיי עמיץ נישט אַראָבררייסען די מאַסקע פון פנים! עס זאָל נישט עמיץ אָנצינדען אַ ליכט, מען זאָל זעהען וואו זייערע הענד שטעקען!

נור איך בין פערקראָכען אין אַ זייט, נישט פון זיי וויל איך רעדען... איך האָב אָנגעהויבען צורעדען פון „אחיאָסף״, פון אַ דאָקטאָר דע פילאָזאָפיע, וואָס פערשטעהט נישט די „רויז״, און פון פראָצעס „פלוני קאָנטרא יעבץ״.

וואָס פאַר-אַ משוגע נערוועז עס שטעקט אין דעם אַלעם!

ווען נישט די משוגענע נערוועז, וואָלטען זיך די בני אחיאָסף נישט אַזוי געשראָקען פאַר׳ן החץ, נישט אַזוי אַגיטיערט געגען די יום-טוב-בלעטליך, נישט אַזוי אָבגערעדט די מוכרי ספרים, זיי זאָלען נישט האַנדלען מיט דעם „סם״ — (אויף מייז)?

וואָרען איך קען מיר גאָר נישט איינרעדען, מען זאָל קענען מיט איין החץ און 5—6 יום-טוב-בלעטליך זיי אַזוי פיעל שאָדען מאַכען! אונזער בעל-הבית׳ל האָט אַ דיקע-גלאַטע הויט; נישט אַזוי געשווינד טרעפט איהם אַ „פייל״, אויך האָט מען איהם צו פיעל און צו לאַנג צוגעוועהנט צו גאָגעל-מאָגעל און קאַנדעל-צוקער עס זאָלען איהם אַזוי לייכט שמעקען די ביטערע יום-טוב-בלעטליך.

איך האָף נור, אַז מיט דער צייט וועט דער עולם קריגען אַ בעסערן געשמאַק, אַז מיט דער צייט וועט אונזער „ישראליק״ עפענען די אויגען זיין דערקענען, ווער זיינע שונאים און ווער זיינע פריינד זענען... צו ווילען זיין גוטס די, וואָס גיבען איהם וואָס ער וויל, אָדער די, וואָס גיבען איהם, וואָס ער דאַרף צו ווען; צו מיינען זיין טובה די, וואָס זאָגען איהם דעם אמת,

אָדער די וואָס פער׳שכור׳ן איהם מיט זיעסען שקר, מיט פאַלשע האָפנונגען און דער עיקר מיט פאַלשע חשבונות...

נור ביז דער צייט קענען נאָך די בני אחיאסף רייך ווערען, און אַז עס וועט קומען די צייט — איבערדרעהען דאָס ווינד־מיהלעכיל און מאַהלען אפילו סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. —

ליידער זענען זיי נערוועז, קאָנקורירען נערוועז און האָבען אויף דער וועלט נערוועזע נאָכשטופער.

אין אַ געוויסער שטאָדט, למשל, האָבען זיך צוזאַמען גענומען אַ הונדערט אחיאסף־שטופער, אַ הונדערט יונגע פערברענטע פאַלעסטינצעס, וואָס אויף יעדען פון זיי, ווייזט אויס, קען משיח קומען צו רייטען, און האָבען געלעגט אין חרם אריין „די אפען" מיט „ר׳ שלמה" צוזאַמען...

איז דאָס נישט נערוואָזיטעט, וואָס גרעניצט אויב נישט מיט שגעון, על כל פנים מיט אינקוויזיציע?

שלום־עליכם, איינער פון די בעסטע זשאַרגאָניסטען האָט אַ מאָל נישט געוואוסט וואָס מען מיינט: „פּאָקשיווע". איין אַנדערער אויף זיין אָרט, רופט אַריין דעם ערשטען בעסטען פּאָלנישען יוד און פרעגט, וואָס דאָס וואָרט בעטייט, ער איז אָבער נערוועז, שטעלט ער זיך אַנידער ווי איין אָקס מיט גרויסע הערנער אין זיין אַמעריקאַנישען רעקלאַמאַציאָנס „קול מבשר", און בלעקט אַרויס: מאי פּאָקשיווע? כדי ער זאָל „פּאָסט־פּאַקטום" געוואָהר ווערען, אַז פּאָקשיווע איז דאָס אייגענע וואָס „קראָפּיווע", דאָס הייסט אַ מין געוויקס, וואָס פּאַסט אַזוי אין אַ גאָרטען אַריין ווי זיין „קול מבשר" אין איין ערנסטליכע ליטעראַטור.

דאָס אייגענע האָט זיך אַצונד געטראָפען אַ דאָקטאָר דע פילאָזאָפיע. ער האָט נישט פערשטאַנען די „רויז". מאי כולי האי? צו טרעפט איינמאָל, אַז אַ דאָקטאָר דע פילאָזאָפיע פערשטעהט נישט וואָס ער לעזט, און זעצט אפילו איבער וואָס ער פערשטעהט נישט? עס איז מעשים בכל יום! און דוקא נישט דעריבער, ווייל די זאַכען זענען צו טיעף, נור ווייל אַ דאָקטאָר דע פילאָזאָפיע.

איז טהייל מאָל אזוי פלאַך, אזוי פלישקע, אַז עפּים טיעפערס קען זיין מוח נישט חאַפּען...

איז אָבער דער דאָקטאָר דע פילאָזאָפיע אזוי נערוועז, אַז ער מוז אויפשרייבען „לאָקשען״, און עס טרעפען זיך נאָך אזוינע נערווען-קראַנקע וואָס בעצאָהלען דערפאַר!...

נור דאָס אלעס איז קיין „מן המעשר״ נישט פון די צו־לאָזטע משוגענע נערווען, וואָס האָבען זיך בעוויזען אין פראָצעס: „פלוני קאָנטראַ יעבץ״.

וועגען יעבצ׳ן און זיין „ליטעראַטור״ וועלען מיר רעדען אויף איין אנדער אָרט, מיר ווילען נור אַצונד אָנווייזען ווי דענערוויערט זיינע בעשיצער זענען.

איך וועל אייך נור אין קורצען זאָגען אין וואָס עס געהט. פלוני וואַרפט פאַר יעבצ׳ן: 1) אַז ער האָט געשריבען אַ פאַלשע היסטאָריע, פון וועלכער אַלע אומות העולם קומען ארויס איי־נעריסטט ווי די קוימענקעהרער און איין כנסת־ישראל — ווייס ווי אַ מעהל־הענדלער. 2) אַז אין זיין יודישער היסטאָריע האָט ער איבערגעהיפערט אַלע באמת וויכטיגע פאַקטען און היסטאָרישע מענשען, אויף וועלכע ער האָט אָדער אַ שפּיי געטהון אָדער אַ קורצען „חרם״ געוואָרפען... און האָט דאַגעגען אויפגעבלאָזען די עטליכע „פאַלעסטינצעס״, וואָס האָבען דערוויילע נאָך גאָר נישט געטהון, חאָטש זיי האָבען אזוי פיעל געקאָסט און קאָסטען ווייטער... און 3) און דאָס איז דער עיקר — אַז ער שרייבט געפעהרליכע קינדער־ביכער, וואָס ווילען אונז צוריק פיהרען צו די „גוטע, פרומע, נור, ליידער, פינסטערע צייטען!״.

די קריטיק איז אריין ווי אַ שטיין אין אונזער ליטעראַרישען טייך און די גרויסע פיש האָבען זיך ווילד דערשראָקען! פריהער האָבען זיי פאַר שרעק געשוויגען, נור דערנאָך, אַז מען האָט געזעהען, אַז דער פלוני שטעהט דערוויילע אַליין, זענען די העכט ארויף געשווימען מיט די אָפענע מיילער, נור איינצו־שלינגען!

צו אַלעם ערשטען איז אַרויס אַ „זי" — אַ דבורה גינצבורג. פאַר וואָס נישט אַ מחבר — אַ זכר? כדי מען זאָל נישט קענען זאָגען: „הדיוט קופץ בראש"; הדיוט איז לשון זכר. און דער רעדאַקטאָר פון המליץ, וואָס בייזערט זיך אויף אַ קליינע „עדה" אין אַמעריקאַ, וואָס האָט אויפגענומען פאַר זיך אַליין, אין גאַנצען פאַר אַ פאָר מנינים, אַ בעל־דרשן אַ יודענע, לאָזט די אשה צנועה דרשנ'ען פון מליץ־בלעטער פאַר כל ישראל. נאָך מעהר־אַלס עלעגאַנטער הערר טרעט ער איהר אָב דעם אויבען־אָן און מאַכט פון דער ווייבערישע נערוועז־לאָגיק אַ לייטענד אַרטיקל!

און דבורה גינצבורג איז שרעקליך דענערוויערט; זי האַלט זיך איין מיט אַלע קרעפטען קיין שלעכט וואָרט נישט צו ריידען און דאָך איז איהר אַרטיקל אַ וואַלד מיט שאַרפע באַגנעטען. האָניג און מילך — דאַכט זיך — רינט איהר פון מויל, נור דער האָניג איז פול גיפט און די מילך איז איראָניש זויער און געזעצט. זי וויל נישט פלוני'ן בעליידיגען, דאָך איז פון „אַ פלוני דאָרט" (איזה פלוני) בפרט, און פון אַ זשאַרגאָן־שרייבער בכלל אַ העזה צו קריטיקירען יעבץ'ן! דאָס הייסט (אַ פנים) אַריינברעכען אין דער חברה „שמור לי ואשמור לך" און צו שאַנדען מאַכען דאָס גאַנצע „עסק"... זי איז — חלילה! — נישט בייז, נור דער „פלוני" איז אַ „פרעמד צווייגעל" אויף אונזער בוים, אין אונזער ווייגאָרטען, און די אשה צנועה וויל איהם מיט'ן שאַרפען צינגעל אָבשניידען און אַרויסוואַרפען — על כל פנים — פאַר די אומות העולם... צו די דריי קנינים, וואָס דער רבונו של עולם האָט אויף דער וועלט, קומט, אַ פנים, צו נאָך אַ קנין! היינט ווערט דער הייליגער קווליטש געפלאָכטען אין פיערען, פון שמים־וארץ, ארץ ישראל, תורה און יעב"ץ — ווער עס גלויבט נישט אין יעבץ'ן — וואָן! אַרויס פון כנסת ישראל! ווער עס קריטיקיערט, ווער עס זאָגט אַרויס דעם אמת צו הויך, צו פראָסט, ווער עס רופט אָן די זאַך ביים נאָמען, ווער עס וויל נישט און לאָזט נישט נאַרען דאָס פאָלק; ווער עס וויל נישט זיינע ווערטער איינוויקלען אין וואַטע, בעשפריצען מיט אָדעקאָלאָן, פערזיסען מיט צוקער, ווער עס דענערוויערט אונז — אַרויס!

היסטאָריע איז אַנשטעקענד; באַלד זענען אַרויס נאָך צוויי=
„גן־עדן־פּאַנעס״; און זענען אַריין ווי די קוואַקעס צווישען די
מודעות אין המליץ... זיי קוואַקען אוים דאָס יונגע האַרצוויטאָג,
וואָס מען האָט יעבץ'ן אַראָבגעריסען די קרוין פון קאָפּ און
זענען מנדר (איך געדענק נישט וויפיעל מאָל ח״ו), לטובת
הפועלים אין ארץ ישראל!

אַזאַ ערנסט=ערליך=קלוג אַריינמישען זיך אין אַ ליטעראַרישען
וכוח, אַזאַ מין פיין אונטערהאַלטען אַ געפאַלענעם גבור, אַזאַ
מין סימפּאַטישע אַמעריקאַנישע רעקלאַמע — שרייבען און חתמי=
נען נור העכסט דענערווירטע דאַמען!

איך גלייב, אַז זיי שרייבען אמת — אַז זיי האָבען באמת
זייער גאַנצע מיליכיגע חכמה אויסגעזייגט פון יעבצ'ס ברוסטען,
אַז עס צאַפּעלט זיי באמת דאָס האַרץ זעהענדיג, ווי מען רייסט
דער אָם די קאָפּקע פון אַלט=קלוגען קאָפּ... נור נישט יעדער
צאַפּעל פון אַ מיידעל=האַרץ דאַרף נאָטירט ווערען אויף דער
ליטעראַרישער בערזע, און אַז מען זייגט שוין אָב ביי יעבץ'ן —
הייבען ערשט אָן צו שפּראָצען ציינדליך, דאַרף מען ערשט אָנ=
הייבען עסען — אָנהייבען באמת צו לערנען!

דערנאָך איז דער רעדאַקטאָר ה' ראַבינאָוויטש אַליין אַרויס
מיט אַ בעמערקונג, אַז די זשאַרגאָניסטען, וואָס שרייבען פאַר
זיצערין און קעכין, וואָלטען געדאַרפט בעסער וואָרנען פאַר דער
מהומה'דיגער עמיגראַציע און נישט רעדען פון יעבץ'ן. די קעכין
מיט דער זיצערין — מיינט ה' ראַבינאָוויטש — מעגען נישט ווי=
סען, אַז יעבץ „טאַנצט אויף די הינטערפיסליך" און „וויל צוריק
שלעפען די כנסת ישראל אין מיטעל=אַלטער אַריין"...

נור אַזוי אומגערעכט קען מען אויך נישט זיין ביי פעליג
געזונדע נערווען. וואָרען — ווען האָבען מיר די מהומה צו
פערדאַנקען, אַז נישט די לשון קדש'ע קעסעל=פויקער? צי איז
צעדערבוימס המליץ נישט געשטאַנען אין דער ערשטער שורה
און געפויקט „טרעוואָגע": — לויפט, רייסט, יאָגט...? אויף ווע=
מען זשע פאַלט דער חוב צוריק=צו=פויקען? צוריק=צו=רופען? די
זיצערין און די קעכין לויפען, ווייל — ווייל אין יעדער שטאָדט

איז דאָ עטליכע לשון־קדש פויקער וואָס צוטראָגען די טרעוואָגע אין אַלע גאַסען און לאָזען קיין אַנדערע ספרים אויסער יעבץ און אחיאסף נישט קויפען...

אמת — דער עולם האָט געפויקט קיין ארץ־ישראל און גע־לאָפען איז מען קיין אַרגענטינאַ; שולדיג איז דאָך דער פויקער— די גאַנצע „טרעוואָגע" איז איבריג געוועזען!

און דאַרף מען צוריק פויקען זשאַרגאָן, זאָלען די פויקער אַליין שרייבען! קענען זיי נישט שרייבען אין קיין איינפאַך דורכ־זיכטיגער שפּראַכע וואָס פערדעקט נישט די לעבער אין דער לאָגיק, פערבלימט נישט די פינסטערע חכמות, און פערהאַקט נישט מיט געדונערטע ווערטער דעם לעזערס שכל הישר, זאָלען זיי זיך אַ זשאַרגאָן פויקער דינגען! די פּראַקסע קענען זיי... ווי לאַנג איז גאָר, אַז מען האָט אַ „בילער" געדונגען געגען באַראָן הירש? ווי לאַנג איז, אַז מען האָט אונטערן טיטעל „איין אמת וואָרט", פּאָפּולאַריזירט ווערמאַנטס מסירות? ווי לאַנג איז עס, אַז מען האָט גאָר געדונגען אַ „דאַרן" געגען איין אומשולדיגער אָרימער „רויז"? וואָס? צונד האָט קהליש געלד פּערפּעה־לט?

איך גלייב באמונה שלמה אַז ה' ראַבינאָוויטש וויל זיין אונפּאַרטייאיש; איך גלייב אַז ער וויל אפילו מיט די צייט דעם גאַנצען צערדבוימישען ריח אַרויסטרייבען פון המליץ... נור די נערוועז זענען שולדיג, און ער וויל אויך, אַז דער זשאַרגאָן זאָל זיך נישט אַריינמישען אין דער לשון קדש'ער וועלט, ווייל — אָהן זיינע שרייבער, איז דאָרט אַזוי רוהיג, אַזוי שטיל, אַזוי שלום ושלוה! עס שרייבען סאַמע גוטע ברידער, קיין „פרעמדען" לאָזט מען נישט אַלעז דעקען, נאַ־דיר! קומט עס פון דער זייט!

אין דער אַנמערקונג האָט זיך אָנגעהאַפּט איין אַנדערער נערוועזער שרייבער אין הצפירה. הערר פּראַס איז אַרויס, „אש יהודי ספרא" האָט „אונטערגעגאַרטעלט זיינע לענדען" און

„פאַטשט" אין הצפירה! דאָס שטילע וואַסערל רייסט איין די ברעגעס!

מיט וואָס פלוני קריטיקירט יעבץ'ן, דערמאַנט ער נישט, כדי ער זאָל נישט דאַרפען דערויף צו ענפערען; אויף דער זעג, ווייסט ער, האָט די שלאַנג קיין ציינער נישט... פאַר דאָס אָבער האָט ער פערפלייצט אַ שאָק נומערען הצפירה מיט גיפט... און דוקא מיט'ן ערגסטען...

וואָס וויל פראָס? אסור אויב איך וויים! איך ווייס נור, אַז לויט זיין לאָגיק איז אַ משרת אָדער אַ קעכין אַ מאוסערע פרנסה אַלס אַ פאַקטאָר ביי הלוואות און פלוני האָט נור אַ פראַווע צו רעדען מיט משרתים און קעכינס; עס זעהט אויס אַז לויט פראָס שכל הישר איז יעבץ אַ פאָרטשריטסמאַן — ווי דען! נור אַז מען קען אַזוינס שרייבען, און נאָך אַזוי פיעל דערפון שרייבען האָט מען זיכער קיין געזונטע נערווען...

נור דאָס איז נאָך ווענינ. אויפען אָרימען „מאַקאַר" פאַלט נאָך אַ שישקע... טאַוויאָוו איז דאָ! אַ פעליעטאָן אין המליץ! טאַוויאָוו איז מודה אַז יעבץ פעלשט די געשיכטע, ער פרעגט נור: „וואָס שאַדט אונז דער שקר"?, וואָס שאַדט עס — פרעגט טאַוויאָוו — אַז מיר וועלען אָ ב נ אַ ר ע ן די קינדער? אַז זיי וועלען עלטער ווערען — מיינט טאַוויאָוו — וועלען זיי שוין אַליין ווימען דעם אמת...

נו, זאָגט אַליין, צו אַ מענש, וואָס האָט אַ פרעטענסיע אויף בילדונג, אויף די קינדערישע הערצליך זייהען שקרים, כדי דער ווינד פון שפעטערן לעבען זאָל האָבען וואָס אויסצו־רייסען — צו דאַרף אַזאַ „מענש" נישט נעטיג אַ קאַלט־וואַסער קור?!..

נור דאָס אַלעס איז נאָך ווענינ! נאָך גאָר נישט! עס קריכט אַרויס נאָך איינער מיט אַ „געוואַלד" — מיט „אַ פראָטעסט פון כלל ישראל געגען הויזפריינד!".

נור דאָס גרעניצט זיך שוין טאַקי מיט שגעון... עפּיס

אַ חצקון שרייבט אין נאָמען פון כל ישראל, פון דער גאַנצער אומה!!!

נור וואָס איז מיין טרייסט?

מיין טרייסט איז, אַז די נערוועז פון די אומות העולם, פון דער כנסת־ישראל און פון אונזער ליטעראַטור וועלען זיך אַמאָל שטילען, און געזונד לאַכען פון דער אַלט־נאַרישער צייט.

גוטע פריינד.

זאָל איך היטען זיין ליבער נאָמען פאַר גוטע פריינד!

בעקאַנטע, זעהט איהר, זענען נאָך קיין אומגליק נישט. גריסט איהר איבּרינע צעהן מענשען אַ טאָג, קען עס נור שאָטען אייער קאַפּעלוש; אייער נשמה מעג דערפון וויסען אַזוי וועניג, ווי וועניג זי ווייסט פון די ברויט־און זעמעל־קיילעכלעך, וואָס איהר קנעט און קאָלערט פערטראַכטערהייד, איבערן טיש.

פריינד אַפילו קענען אויך אַ מאָל נוצליך זיין!

אַ מענש, וואָס האָט „התבודדות“ מיט „חשבון־הנפש“, קראַצט זיך גאַנץ אָפט מיט די נעגעל אַזוי טיעף און שאַרף אין דער נשמה, אַז ער מוז זיך אַ מאָל פערבענקען צום באַלזאַם פון אַ פריינדס געטרייער האַנד, און דער פריינד טהוט עס גערן. — „אַבגעגעבענע זאַכען“ טראַכט ער. און ווירקליך, ווען איין מענש זאָל דעם צווייטען נית העלפען, וואָלט נאָך קיינעם קיין האָהן נישט געקרייהט.

אָבער „גוטע־פריינד“. — —

איך מיין אַזעלכע, וואָס זענען נישט מחויב אַנצוקלינגען און זענען יוצא מיט אַ לייכט אָנקלאַפּען, ווי, רחמנא ליצלן, דער מלאַך־המות... וואָס דאַרפען, מיט'ן מלאך־המות צוגלייך, אַפילו נישט פרעגען, צי זיי שטערען נישט... וואָס זענען קלאָר אין יעדען ווינקעלע פון דיין שטוב, ווי אַ יוד אין „אשרי“ און — פון דיין נשמה, ווי דיין איינען בייז געוויסען! דאָס, זעהט איהר, איז שוין איין אומגליק! אַ קללה, פון וועלכער די „תוכחה“ ווייסט נישט. און קיין גוטער יוד זאָל נישט וויסען!

און אַזוי ווי איך בין געבענטשט מיט אַלעם גוטען, בין איך געבענטשט מיט גוטע פריינד אויך!

און איינעם, — אַ גוטען פריינד, הייסט עס, — האָב איך, קומט ער צו מיר אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך, פרעגען אויף קליין־געלד! 5 קאָפּ איז שוין איין הלואה; איבער 25 געהט שוין זיין השגה נישט, אָדער געטרויט ער מיין פריינדשאַפט נישט.

איינמאָל, אַז ער האָט ביי מיר אַ נייעם, געשליפענעם שפּיגעל געזעהען, מיט אַ גאָלדענע ראַם אין קריינדליך, האָט ער געקוקט און געקוקט, און אַ ישוב געהאַט, און מיט אַ מאָל אַ זאָג־אַרויס געטהאָן: ד ר י י ס י ג קאָפּ! און דאָס ערגסטע איז — ער גיט אָב! און דער עהרליכער מאַן, דער עהרליכער גוטער פריינד, שלעפּט מיך אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך אַראָב אין דער בלאָטע, וואו די קליינע ווערימלעך לעבען און חלום'ען פון קאָפּיקעס, פון ביינעל פּאַר קאָפּיקעס, העכסטענס — פון אַ מיטאָג פּאַר 5 קאָפּ אין דער ביליגער קיך! איך וויל אַ וועלט איבערבויען, און ער רעדט פון קאָפּיקעס...

אַ צווייטען האָב איך, קומט ער נור משבת לשבת, דערפאַר אָבער — נישט מיט ליידיגע הענד. אַ פּעקיל ברייננט ער. אַ גאַנצע וואָך געהט ער אַרום אין גאַסען, קאַפעען, אין הייזער און גערטנער און קלויבט אויף דאָס גאַנצע לשון־הרע, וואָס מען רעדט אויף מיר, און ברייננט עס מיר לכבוד שבת...

און דאָס פּעקעל בינדט ער אויף מיט פּערציטערטע הענד, מיט אַ האַרץ־רייסענדיג רחמנות־פּנים און בראָנע־בלאָהע ליפּען. ער עפענט דאָס פּעקעל, און די לשון־הרע־ווערעמלעך צוקריכען זיך אין אַלע ווינקעלעך, איבער דער גאַנצער שטוב, ביז אויפ'ן וואַנד־שענקיל אַרויף, וואו מיינע מאַנוסקריפּטען ליגען, — מיין ירושה, וואָס איך וועל איבערלאָזען דער וועלט, און — עס ווערט אַ שטיל, נור אונאויפהערליך פּאַפּיער־פרעסעריי... און ער שטעהט, פּערלעגט די הענד איבער'ן ברוסט־ברעטיל, און זיפצט: אַ שלעכטע וועלט! און ווערט דערנאָך בייז, שפּייט אוים: פוי! נאַטירליך — וואו ער שטעהט און געהט!

אַ גרויסע נפקא־מיניה...

און גאַנץ אָפט פיהל איך מיך אַ ל י י ן בעשפּיגען...

און אַ דריטען האָב איך, וויל ער מיך גאָר אין גאַנצען אומברייננען. עס איז נישט מיין צייט, זאָגט ער. און מיט אַ זיכערהייט פון גרעסטען נביא אָדער פון גרעסטען נאַר... וויל ער מיר אויסווייזען, אַז איך האָב געדאַרפט געבוירען ווערען: אָדער אַ כּך פריהער, אָדער גאָר אַ סך שפּעטער. איך האָב

געזאָלט, אין אברהם־אָבינו'ס צייטען, פּאַשען שאָף אין דער מדבר, אָדער ערשט העט, העט לעתיד לבא, — און אַרומשוועבען מיט די דעמאָלטיגע נאַקיטע נשמות אין די העכסטע לופט־ספערען, אויף לופט־באַלאָנען, און לעקען זאַלץ אָדער קאַנדעל־צוקער פאַר ווייסט־בלאָה און טיעף־הויכער זעלינקייט. אַ ניט, מוז איך אַרומגעהן מיט אַ צושפּאָלטענער נשמה אַ־לאַ בערדיטשעווסקי...

און נאָך, און נאָך...

נור איינעם האָב איך, בעשטעהט ער פאַר צעהן!

אַיין ערנסט־בייז־שווייגענדיגער גוטער פריינד. ער קומט, זעצט זיך געגען־איבער, און שווייגט.

די ברעמען אַראָבגעלאָזט, די אויגען זאָל די וועלט נישט פערברענען. די ליפּען פערביסען, אַ ניט, גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ ברענענדיגע דערנער עס וואָלטען פון דאָרט אַרויס. און הענד מיט פויסטען; קאַלטערהייד, איז ער גרייט חרוב צו מאַכען ש"י עולמות מיט אַ מאָל!... און אַזוי זיצט ער און שווייגט. אונטער זיין שטערן, — זעה איך בחוש — וועבט און שפּינט זיך אויס אַיין „אָבווינטעלני אַקט" קענגען גאָט און וועלט; ער וועט איהם אַ מאָל אַרויסדרונערן... עס איז אָבער נאָך צו פריה; זיין צייט וועט ערשט קומען... דערווייל שווייגט ער, אָדער וואַרפט אַ פּאָר ווערטער...

און ער זיצט מיר געגען־איבער און שווייגט. און עס ווערט מיר אונהיימליך פאַר'ן שווייגען, עס פאַלט אויף מיר אַיין אומעט, אַ מרה שחורה. איך פיהל, ווי עס דאַמפט פון איהם אַרויס אַ שאָטען און איך זאַפּ איהם אַיין מיט די אויגען... און וואָס מעהר שאָטען איך זאַפּ פון איהם אַיין, טונקעלער, שוואַרצער ווערט אין מיר, אַרום מיר — אַלץ ווערט גראָה, שוואַרץ און אין איין־ווענגם — פויל און ווערמיג.

איך ווער אַ מאָל בייז:

— וואָס ווילסט דו פון מיר?

— פון דיר? — ענטפערט ער קוים — גאָר נישט! נור 24 גראָשען אַ טאָפּ קאַרטאָפּעל!

———————————

גאָט איז מיין עדות, איך עס קיין קאַרטאָפעל נישט. אַ שוואַכער מענש, דאָקטוירים האָבען פערוועהרט. איך זעה זיי כמעט פאַר די אויגען נישט. וואָס געהען מיך אָן קאַרטאָפעל. ווען, ווענינסטענס — וויינטרויבען!

אָבער וואָס העלפט עס! ער שוויגט, עס דאַמפט פון איהם גראָהליך־פויל, און איך זאַפּ עס און שלינג עס איין!

און איך פיהל, אַז איך מוז מיך וועהרען קעגען שאָטען, קעגען דער מרה שחורה, קעגען די פוילע ווערמלעך, וואָס הויבען מיר אָן, שאָרכענדיג, אַרומצוקריכען אין קאָפּ...

איך מוז איהם אַליין צורודערן, מיט עפּים העכערס פעראינטערעסירען... מיט העכערס און בעסערס ווי קאַרטאָפעל, ווי וויינטרויבען אַפילו... איך זוך אין די געדאַנקען, אין זכרון דאָס שענסטע דאָס בעסטע און וויל עס איהם אויסשיטען פאַר די וואַסעריג־בעהאַלטענע אויגען מיט די גראָהע ווערמלעך אויפ'ן אָרט פון אויגען־אַפּעל, און זאָגען: נאַ, זעה! שען איז דאָך די וועלט! חאָטש קאַרטאָפעל זענען טייער! איך וויל איהם צוטראָגען די פיינסטע בלומען צו דער נאָז, — נאַ, שמעק! פאַרהאַן צדיקים אין סדום... האָניג אויך... קעפּ, וואָס קלערען; הערצער, וואָס קלאַפּען; הענד, וואָס אַרבייטען... נאַטירליך — לטובת הכלל...

און איך זאָג איהם: טאַקי טייער קאַרטאָפעל. אָבער אונזער וואַרשויער „איזראַעליט" האָט זיך איבערגעבעטען מיט'ן וואָרט „זשיד", און האָט עס גע'כשר'ט על פי „לינדע" און אַנדערע היסטאָרישע קוועלען! עס פעהלט אפילו קיין עגמת נפש נישט: ענגלאַנד האָט חרטה בעקומען און צוריקגענומען „אוגאַנדאַ"; די פראַקציע מיט דער סעצעסיע ווילען מוזען זוכען נייע שטיינער קעגען דער אָרגאַניזאַציע; דער „הצופה" האָט זיך צוברוקערט און אַראָבגעוואָרפען דעם ערשטען „בעררייטער"... אַ רחמנות! דער „גאָניעץ", אויף וועלכען מיר האָבען מויערען געשטעלט, האָט זיך צונויפגעשמעקט מיט דער „ראָלע" און געטוישט זיך מיט פראָספּעקטען... אויפ'ן „יריד פון בעל־מלאכות" האָט מען קיין יוד נישט אַריינגעלאָזט און „שאַ"! די „פערויודישטע" פוילישע

פרעסע האָט נישט פּראָטעסטירט, — דאָס אַלץ איז אמת, אָבער פעלדמאַן, דער פון גאַליציען, אונזער פעלדמאַן, — האָט קונה־שם געווען מיט זיין „שאָטען" (ציען), וואָס מען האָט פאַר־געשטעלט אין טהעאַטער. עס איז אַ סך געראָטענער פונ'ם „צדיק", וואָס מען האָט זומער־צייט אין די גערטליך געשפּיעלט. דאָרט האָט געשלאָגען אַ גודנע העלקיים פון צדיק'ס קאַפּאָטע, דאָ איז אַלץ בעדעקט און ארומגעהילט מיט אַ היינט־מאָדישען שאָטען...

נישט אמת, וואָס ציעהאָוו'ס שאָטען האָט דערציעהלט אין „הזמן", אַז פעלדמאַנס שאָטען האָט קיין יודישען טעם נישט. און, למשל, אַז עס האָט נישט קיין יודישען טעם? אָבער פילאָזאָפיע האָט עס? אָנגעפּולט מיט פילאָזאָפיע!

פאַקטען — זאָגט פעלדמאַן — געהען נישט לאבוד, — ווערען נישט פערלוירען, הייסט עס. מען פערגעסט זיי אַ מאָל, אָדער מען מאַכט זיך פערגעסענדיג, — קומט אָבער די רעכטע מינוט, שווימען זיי אַרויס. פון מעשים־טובים שטראַהלט אַיין אייביגער נחת, פינקעלט אַרויס אַ קרוין איבער'ן קאָפּ... און פון מעשים־רעים — זאָל גאָט שומר ומציל זיין! פון זיי דאַמפּט אַרויס אַ שאָטען, וואָס געהט דיר נאָך טריט ביי טריט, טריט ביי טריט, ביז ער עפענט אַ מויל און שלינגט דיך איין!... ווי אַ שלאַנג... לעבעדיגערהייט!... דו פערמאַכסט זיך אַ מאָל בחדרי חדרים מיט אַ ניי שפּיעלעכיל, מיט אַ נייער האָפנונג, מיט אַ ניי גליק, און זאָגסט: איך בין עס ווערטה! מיין נשמה איז העל, ווי אַ זילבערנע טויב; ריין, ווי אַ פריש געפאַלענער שניי און ליעבליך מילד, ווי אַ לבנה־שטראַהל... מאַכט זיך אַ גוטער פריינד, וואָס האָט אַ זכרון מיט אַ נאָז, דערשמעקט ער און דערמאָהנט דיך. קומט ער און עפענט די טהיר, און לאָזט אַריין דעם שאָטען. און עס ווערט דיר אַלץ גראָה, און פינסטער, און ווערמיג פאַר די אויגען! און מען קען זיך אויך אָהן דעם גוטען פריינד בעגעהן... דו האָסט גאָר דעם שאָטען אין דיר אַליין! פון דער געטהוענער זאַך בלייבט דיר אַיין אָבזאַץ אויף דער נשמה, און דאָרטען ליגט ער, דער שאָטען, איינגעהויקערט, איינגעקנוילט, ווי אַיין

אָבגעגאַנגענער באַנד־וואָרם... און דאָרט זיצט ער און וואַרט, און לויערט, און לאָקערט... און ווען דו גלײַכסט דיך אויס, הייבסט דיך אויף פון מיסט, אויף וועלכען דו ביסט געפאַלען פון קראַנקען־בעט, אויף וועלכען דו ביסט געלעגען גרייט צום גוסס'ן, און שטעלסט דיך אויף דער וועלט אַ געשריי צו טהון: להר"ם! נישט געשטויגען, נישט געפלויגען, איך האָב נישט געזינדיגט! ניין, קיינער ווייסט נישט, קיינער וועט נישט וויסען! און דאָס וועקסעל, וואָס איך האָב אויף גליק און לעבען, איז נאָך נישט איינגעצאָהלט, און דו עפענסט דאָס מויל און ווילסט פריי איינעטהעמען, אײַנזוויגען, אײַנזאַפּען דאָס פרייע גליקליכע לעבען, — דעמאָלט הויבט ער זיך פלוצלונג אויף, ציהט זיך אויס, הייבט אָן וואַקסען... און ער וואַקסט און צוואַקסט זיך און פערשפרייט זיך אין אַלע דיינע איברים, אין אַלע ריצען און שפּאַלטען פון דיין נשמה... און ער וואַקסט אַלץ מעהר און מעהר, און גרעסער... און וואַקסט דיר פון מויל, אויערען און אויגען אַרויס... און קריכט אַרויס, און לעגט זיך דיר איבער'ן פנים, און עס ווערט פערשוואַרצט; איבער דיין שטוב, און זי ווערט גראָה און וויסט, איבער דער וועלט, און זי ווערט דיר גרין און געל... און דאָס לעבען איז שוין קיין לעבען נישט, דאָס גליק — קיין גליק נישט... גאָר נישט... האָטש וואַרף זיך אין דער ווייקסעל אַריין... אַ והא ראיה: אַ מיידעל!

אַ מיידעל, נעביך, האָט צווישען שווייצערבערג אַ אומגליק געהאַט, אַ ליעבע, הייסט עס... זי האָט זיך דאָרט פערגעסען אַ ביסעל, צו וויט פערקראָכען! נור קיינער ווייסט נישט, מיט דער צייט האָט זי עס אַליין פערגעסען... דער שותף פון דער עבירה האָט זיך שוין לאַנג אַראָבגעקאָלערט פון אַ גלעטשער, און עס איז פון איהם קיין שריד ופליט געבליבען... און זי וויל נאָך אַ מאָל אויפבליהען. קומט די צייט, שרייט זי: להר"ם! וויל אָנהויבען אויפ'ס ניי! נור פעלדמאַן, אונזער גאַליצישער פעלדמאַן, לאָזט נישט. דער שאָטען זיינער לאָזט נישט... טהיר און טהויער זענען פערמאַכט; קומט אַ גוטער פריינד, וואָס האָט אַ נאָז און דערשמעקט אַ זכרון און געדענקט און לאָזט אַריין

דעם שאָטען, און ער צוואַקסט זיך, דער שאָטען, און שלינגט איין דאָס מיידעל מיט'ן להד"ם! פּיץ-פּאַץ — זי שיסט זיך אין קאָפּ אַריין — —

פערשטעהסט?

— נישט כדאי — ענטפערט ער — אַז 12 קאָפּ. אַ טאָפּ קאַרטאָפעל!

דאָס בלוט איז מיר ענטרונען געוואָרען! וואָלט ער חאָטש עפּיס אַנדערש אויסגעטראַכט! אַ אידעע-פּיקס, רחמנא לצלן!

איך גיב מיך אָבער אַזוי געשווינד נישט אונטער! מיט אַ קאַרטאָפעל לאָז איך מיך נאָך נישט דערשיסען! דיר געפעלט נישט פעלדמאַן, נאַדיר מעטערלינק! מעטערלינק מיט זיין טרופּע... מיט זיין אייגען ווייב, וואָס שפּיעלט אין דער טרופּע... זעהר שען און זעהר פריש איז זי שוין נישט, אָבער עפעקט-פאָל. דער עיקר, דער שוואַנען-ווייסער האַלז. זי טראָגט זיך טאַקי דעקאָלטירט... זי זאָל אַ שמאַציאַרקע שפּיעלען, אַ שמאַציאַרקע אין אַ ווינטער-טאָג, וואָלט זי געגאַנגען אויפגעריסען. דער עיקר איז דער שוואַנען-האַלז. דערנאָך ערשט דאָס שפּיצינע נעזיל, די שפּיצינע גאָמבע... דערנאָך ערשט דאָס פראַנצויזיש שפּיעלען...

עס איז אפילו צו געשווינד און צו עכט פראַנצויזיש... נישט אונזער היימיש וואַרשויער באָנע-און דאַמע-לשון... און די זאַכען זענען אַ ביסעל צו טיעף, צו הויך און, פאַר אונזער גראָב-הייטיגען בעל-הבית, אַ ביסעל צו נעפּעלדיג. און נישט צום גלויבען: בלינדע זעהען מעהר, ווי אַ קלוגער בעל-הבית מיט אָפענע אויגען; טויבע הערען מעהר, ווי ער מיט אָפענע אויערן אויפ'ן „מיסטישען קאָנצערט" אין פיל-האַרמאָניאַ. נור עס מאַכט נישט אוים! מעטערלינק, זיין אייגענע טרופּע, זיין אייגען ווייב, איהר שפּיציג-נעזיל מיט'ן ווייסען שוואַנען-האַלז. און — פאָרט פראַנצויזיש. און היינט דער לייכטער מאַנטעל, וואָס ליפּטערט זיך אין מאָנאַ-וואַנאַ איבערן נאַקיטען לייב... סודי-סודות! און ווי וואָלט געווען, ווען עס רייסט זיך ווינטער-צייט אויף

אַ פענסטער אין זומער-טהעאַטער און עס בלאָזט אַריין אַ משוגע'ן ווינטעל ? האַ ?

און אונזער בעל-הבית לויפט...

פון הײמישע מענשען פערלאַנגט ער מוסר און צניעות און פערקנעפעלטע קליידער ביי אונטער דער גאָמבע... היינט וויל ער נאָך, עס זאָל אַלס זיין קלאָר און פליטקע, ווי אַ גענזען-טייכיל, וואָס שעמט זיך נישט מיט'ן זאמד און נישט מיט די ווערמליך צווישען זאַמד... פעלדמאַן, נעביך, האָטש פיין פויליש, האָט מורא יוצא צו זיין מיט'ן שאָטען אַליין און שטעלט צו אַ גוטען פריינד, אַ פשוט'ן בשר ודם, וואָס עפענט איהם די טהיר, און וואָס וואָלט זיך, איינענטליך, אָהן דעם שאָטען בעגאַנגען... אַז ער ווייסט, זאָגט ער אַ ל י י ן אויס! ווייסט ער נישט, — ט ר אַ כ ט ער אויס! אָבער מעטערלינק! פון איהם פערלאַנגען ? וואָס ? נישט אינטערעסאַנט ?

— אפשר, ווען נישט 24 גראָשען אַ טאָפּ קאַרטאָפּעל!

טראַכט איך מיר: אַזוי, האָסט פיינד טהעאַטער, נאַ דיר ליטעראַטור! און איך דערצעהל איהם גדולות, עס וואַקסט ביי אונז ווי אויף הייוון; ווי גורקען אין אַ דונער צייט, ווי גערשטען ביי דער לבנה. דער „איזראַעליט" איז אפילו אונרוהיג געוואָרען... אַ קאָנקורענץ געגען פויליש... נור ווער הערט איהם ?! דער „הצופה" וויל איבעריאָגען די „הצפירה" און האָט זיך איינגעשפּאַנט מיט'ן „השלוח" ביי איין דישעל, אַפּילו אַ חשש פון „כלאים", נור פּאָהרען וועט זיך... „הצפירה" וועט יעדען פרייטאָג געבען ליטעראַטור: הויך און ווייך, ווי אַ באָבעס — אפשר נור נישט אַזוי פעט! — און דערצו חריין און זענפט פון אַלערליי קריטיק... אפשר וועט עמיץ שרייבען „לידידתי"... דער „המליץ" וועט אויך אודאי אַרויסשפּרינגען פון דער הויט, דער „הזמן" אויך... און די „הצפירה" מיט'ן „הצופה" וועלען, זיי להכעיס, נאָך אפשר צוזאָגען שאָטען מיט קאַנדיל-צוקער... און אפשר, — אויפ'ן אַמעריקאַנער אופן — הענדשקעס מיט שטיוועל... און „הילף" מיט הילף פון יענער זייט... און יום-טוב בלעטער. און

„לוח־אַחיאָסף” דיק ווי „טויזענד און איין נאַכט”... און דער לוח איז פון סאַמעראָדנע יונג־וואַרג... און די דין רויטליכע פינגער צופען, נישט נור די סטרונעס פון דער האַרפע און זינגען מיט גרויס בענקעניש צו ליכט, לופט און אַלעם גוטען... נור אויך אין פובליציסטיק... נאַ, זעה! מיש איבער די קדושים אופ׳ן פרעמדען לשון, און ביים ווייטער — סאַמע שווייצער־קעז! באָרוכאָוו בראָקט אַיין אה...־העם׳ן מיט „בערדיצעווסקין”, ווי צווי שוואָמען אין איין באָרשט, און עס קומט אַרויס, אַז די ליטעראַטור אונזערע וואַקסט יאָ און וואַקסט נישט. ד״ר טהאָן רעדט וועגען דיסציפלין אין פאַרטיי און בעוויזט, על פי קאַנט ושאָפּענהויער, אַז פאַרטייען בעשטעהען נור פון שטיקליך נשמות, ווייל די רעשט פערטהוען מיר ערגעץ אַנדערש... ד״ר נייִמאַרק הייסט דעם ד״ר הערצל, יק״אַ און אַחד־העם, זיי זאָלען זיך דערלאַנגען די הענד און ער וועט זיי אַרומבינדען מיט אַ כשר׳ער ציצה, אַבי שלום! ווייל באמת „אלו ואלו דברי אלהים חיים”. דאָס אונגליק איז נור „שפעת קלגסים”, — וואָס איינער פערשטעהט דעם צווייטען נישט... און נאָך חכמים —

נאָר ער האַקט מיך איבער:

— און וואָס זאָגען די חכמים וועגען יקרות אין קאַרטאָפעל?

———————————————

און דאָס איז אמת!

קאַרטאָפעל האָבען מעהר אָנהענגער ווי פילאָזאָפיע, שלינגען זיך בעסער ווי די פיינסטע פובליציסטיק, אָבער — וואָס קעהר זיך דאָס אָן מיט חכמים? זיי ריידען אפילו נישט פון וויכטיגערע זאַכען. למשל: וואָס וועט טהון די וועלט אָהן קייזער־ווילהעלם׳ס פיין קלינגענדיגער שטימע? פון וואַנעט נעהמען זיך דער יאַפּאַנישער פלאָט מיט דער יאַפּאַנישער העזה צוזאַמען? זיי לאָזען אפילו קיין וואָרט נישט פאַלען וועגען פראָצעס פון ענגלאַנד קאָנטראָ טיבעט. אַפילו נישט וועגען דעם, פאַר וואָס האָט די באַראָנעסין זוטנער נישט בעקומען נאָבעלס נאַגראַדע פאַר פרידענשטיפטעריי? צי דעריבער, ווייל זי געהערט אויך צום יודישען אָבוועהר, וואָס איז נישט מרבה־שלום? און אפילו

נישט וועגן דעם ני־לייכטענדיגען מעטאַל... דער שאָטען „אוגאַנדאַ״, וואָס איז אַרויס פון ד״ר הערצל׳ס אויגען, האָט דאָס אַליץ פערדעקט, פער׳חשכ׳ט און דערנאָך מן הסתם איינגעשלונגען...

אָבער, הכלל?

זאָל איך מיך דעריבער מיין גוטען פריינד אונטערגעבען?

איז היי־יאָהר — זאָג איך איהם — נישט קיין גערעטעניש אויף קאַרטאָפעל, גערעטען דערפאַר מצוות און מעשים טובים? ממש פון טאָג צו טאָג! דאָס שפּיטאָל — געענדיגט! עס פעהלען אַליץ נאָך וואַרימע שטיוועל און קליידער פאַר שווינדזיכטיגע, וואָס דאַרפען זיצען אויף באַלקאָנען צי ביי אָפענע פענסטער, — נור ערשטענס אַ זון אָהן פלעקען, בפרט אַ שפּיטאָל אָהן פעהלער — איז נישט פאַרהאַן. צווייטענס — איז אפשר באַלקאָן און אָפענע פענסטער — לאו דוקא! מיר האָבען איבערגעלעבט פּיאַווקעס און באַנקעס, מיר וועלען דאָס אפשר אויך איבערלעבען. אָבער נאָר אויפהערען צו גלויבען די דאָקטוירים, וואָס פיהרען ויכוחים, רופען צו דין תורה׳ס פאַר קאָלעגען, און אויב די קאָלעגען האַלטען איינעם נישט סאַטיספאַקציאָנס — פעהיג, לויפט ער, ווי דער ערשטער פּוילישער מאַגנאַטיל — מסר׳ן...

„אחיעזר״ און „עזרת יתומים״ לעבען ווי אמת׳ע שוועסטער און ברידער, דאָס הייסט: זיי קריגען זיך כמעט טאָג־טעגליך, אָבער צו׳ן אַ מעסער חאַפּען און אָבקוילען קומט עס נישט! און עס וועט מיט גאָטס הילף נישט קומען! היינט האַלט ד״ר פאָזנאַנסקי אין דער „דייטשער שוהל״ איין מאָל אין צוויי וואָכען רעדען וועגען יודישער געשיכטע; און נעבעכטיגע אַסימילאַטאָרען, וואָס זענען נאָך אין גאַנצען פון עולם הדמיון נישט אַרויס, קומען הערען, און — אַזוי גלויבט, וויינינגסטענס, דער ד״ר פאָזנאַנסקי, — עס קען זיי זיין צו רפואה... און היינט די נייע צדקה־חברה פאַר חדר יונגליך! און דער קאָנצערט, וואָס וועט מיט גאָטס הילף זיין אויף די ביליגע קיכען, און נאָך, און נאָך...

און איך וויל קיין אָפּטימיסט נישט זיין, איך זאָג נישט, אַז די בעל־בתי׳שע נשמה האָט זיך, מיר־נישט־דיר־נישט,

פלוצלונג צוגליהט, ווי אין גאָטס וויינגאָרטען, וואָס ווייסט פון קיין ווינטער נישט... פון דער העלער הויט אַרויס צופלאַקערט! איך ווייס אַז אַ בעל־בית צו זיין, איז לייכט, אַז מען איז, איז מען! לעבט מען שוין בשלום מיט גאָט און לייט, און מען האַמפערט זיך נישט מיט ¾ עשרת הדברות... אָבער א י י ד ע ר מען ווערט, איידער מען קוסט פון „גאָרנישט מיט גאָרנישט" צום זמר פון „מנוחה־ונחלה"! דעמאָלט איז אַיין אונרוהיגע צייט, פון וועלכער עס בלייבט איין אָבזאַץ אויף דער נשמה...

און אין דעם אָבזאַץ ליגט בעהאַלטען דער שאָטען! אַיינ־געהויקערט, אַיינגעקנוילט און אַיינגעשרומפען, ליגט ער און וואַרט, און לאָקערט. און זעהט ער, אַז דער בעל־הבית וויל פריי אָבעטעמען און געהט ביים רויטען שטורקאַץ אין זאַקסישען גאָרטען אויף דער גליטש, קריכט ער אַרויס... וויל ער זיך, דער בעל־הבית, איבערשליטלען איבער'ן פריש געפאַלענעם שניי, מיט אַ „פרעהליכקייט", וואָס האָט עפּיס איבערגעלאָזט צווישען די שווייצער־בערג, אָדער עפּיס געברענגט פון דאָרט, צי פון ערגיץ אַנדערש, — שפּרינגט ער, דער שאָטען, אַרויס, און לעגט זיך איבער'ן פריש געפאַלענעם שניי, ווי אַ שוואַרץ טוך אויף ווייסע תכריכים... און — „צדקה תציל ממות"! דער בעל־הבית האָט אַ מאָל אין חדר געלערנט צי עמיץ זאָגט איהם אונטער... און כדי די שמחה ביי טאָג און דער שלאָף ביי נאַכט זאָלען נישט געשטערט ווערען... דער מאַדאַם מעטערלינקעס שוואַנען־האַלז זאָל נישט פערנעפּעלט ווערען און — די וועלט זאָל בלייבען וועלט! מוז מען אָדער פיף־פאַף! אָדער עפּיס טהון, גוטס טהון... וואָרום דער שכר פון מצות איז אויף ד ע ר וועלט, פ ר ע ה ל י ך ווערט, דער ש אָ ט ע ן פערשווינדט! האָטש אויף אַ ווײַלע! און אויף דער ווײַלע ווערט אַלץ דורכזיכטיג און קלאָר, ווי אַ גענזען־טייבעל; מען זעהט דאָס זאַמד אַרויס, די ליעבע ווערמליך אַרויס! און זומער שיינט די זון, אין קאַרלסבאַד, אין מאַריענבאַד, צווישען די שווייצער־בערג... ווינטער גלאַנצט דער שניי און ביבער־קעלנער שליטלען זיך, אָדער גליטשען זיך אויפ'ן אַייז, וואו חוה'ס טאָכטער גליטשט זיך אַ מאָל אוים. פאַלט,

און עס ווערט אַ פרעהליך געלעכטער... חאָטש אַ נייער שאָטען ווערט בעשאַפען...

און איז נאָך נישט אין גאַנצען קלאָר, איז דער שאָטען נישט אין גאַנצען פערשוואונדען, האָט די לעבעדיגע זון נאָך פלעקען, געהט מען צו צום ראַנד פון אָבגרונד, און מען לענט די פלאַכע האַנד איבער די אויגען, און מען קוקט אַראָב: צי קומט ער נישט פון דאָרט, דער שאָטען?! עס שווינדעלט אַ ביסעל, נור מען קוקט... און „יגעתי ומצאתי" — אז מען קוקט דערזעהט מען! פון דאָרטען קומט ער! אונריין איז דאָרט! נישט געוואַשענע פאָדלאָגעס, קוים נעגעל־וואַסער, נישט געקעמטע קינדער... און מען לויפט, און מען דערצעהלט עס אין דער היגיענישער חברה און — ממש תוך כדי דבור, ווערט — שופטים ושוטרים! לאָזט מען אַראָב אין תהום אַריין אַ טוץ „אַפּיעקונעס" — אַפּטרופּסים, וואָס זאָלען קוקען אויף ריינקייט, ריידען וועגען וואַשען, רייבען, קראַצען... וועגען גרינעם זייף, און העמדער, נישט דוקא משבת לשבת... און אין דער נעסט פון דער געזעלשאַפטליכער מרה־שחורה וועט אָנהויבען בלאַנקען און בליצען און שיינען...

און ער האַקט מיר איבער און פרעגט:

— אָבוואָהל 24 גראָשען אַ טאָפּ קאַרטאָפּעל!

און רייד מיט איהם!

אַ אידעע־פיקס, רחמנא לצלן!

די נייע בעוועגונג.

אין מערב-אייראָפא, צווישען די שווערבעוואָפענטע פעל-קער, וואָס עטהעמען קוים אונטער דער שטאָהלענער לאַסט; אין מערב-אייראָפא, וואו די פרעסע פון האַס צווישען פעלקער, רעליגיאָנען, ראַסען און קלאַסען רייסט און בייסט מיט ווילדען כעס דעם אייזערנעם נאַמאָרדניק; וואו די רעגירונגען נוצען דעם אַנטיסעמיטיזם אַלס דונער-אַבלייטער פאַר די גאָלדענע פאַלען, וואו קינד און קייט ווארפט זיך אין וויסטע חלומות פון דינאַמיט... אין מערב אייראָפאַ בעמערקט זיך אַצונד אַ נייע בעוועגונג...

איבער'ן וועלד-ברויזענדען ים פליהט אַ טויב מיט אַ גרינעם בלאַט פון שלום.

עס מאַכען זיך איבעראַל מאָראַלישע געזעלשאַפטען, וואָס ווילען, עס זאָל אויפהערען דער אייבינער קריעג צווישען רעליגיאָנען, פעלקער, ראַסען און קלאַסען; מענשען זאָלען אַוועק לעגען דאָס מערדערישע געוועהר פון האַנד; יעדערער זאָל אַוועקלעגען דעם קאַלטען רשע — דעם עגאָאיזם; מענשען זאָלען אָנהייבען לעבען מאָראַליש, — מיט יושר, מיט רחמנות...

זיי גלויבען אין דער מאָראַליטעט, וואָס איז נ י ש ט דער אָבגלאַנץ פון דער בלאַנקער שווערט, וואָס שטעקט נישט אין קרופּס קאַרטעטשען, וואָס האַלט זיך נישט אין דער געביילטער פויסט און געהט נישט האַנד אין האַנד מיט אייגענגוץ, שאָוויניזם און רעליגיאָנס-האַס!...

און זיי גלויבען, אַז דער מענש מוז זיך אויפחאַפּען פון דעם וויסטען שלאָף און דערזעהען די ליכט, וואָס שלאָגט איהם אין די אויגען! ער מוז דערפיהלען, אַז ער איז מ ע נ ש, און אַז נישט דער עגאָאיזם מיט נעגעל און באַקצייהן, נור די ריינע מענשליכע מאָראַליטעט דאַרף זיין דער קאָמפּאַס, צו פיהרען זיין שיף איבער'ן ים!

איהר שאָקעלט מסופק מיט די קעפ! אונזער פעסימיזם, וואָס איז אַרויס ווי אַ הונד-שוואָס אויפ'ן מיסט פון די לעצטע צייטען, איז אַ נאַכטנעוויקס און דרעהט זיך אַוועק פאר יעדען ליכטיגען שטראַהל...

און דער עיקר — עס איז דאָך גענען די לעצטע פוסקים! גענען דאַרווין, ספענצער און ליפערט, גענען די דריי זיילען, וואָס האַלטען אונטער די בילדונג אפילו אין ישיבות און בתי מדרשים.

מען זאָגט, אַז דער אייגענער בטלנישער ליץ, וואָס האָט געוויזען אויף דער האַנד, ווי אַזוי פראַנצויזען און פרייסען האָבען מלחמה געהאַלטען, און האָט, מיט אַ שפּיי אויף דער האַנד, דערטרונקען עטליכע ראָטעס סאָלדאַטען פון ביידע צדדים, האָט אַ מאָל אויך אויסגעטייטשט, פון וואַנען עס נעהמען זיך אַזוי פיעל פערשיעדענע מאָדען אין ווייבערישע קליידער.

יעדער פאַבריקאַנט — זאָגט ער — האָט שטעהן אַ פעסעל מיט מוסטער-שטיקלעך; וואָס אַ מאָל חאַפּט ער אַרויס אַ מוסטער, אַרבייט נאָך אַ סחורה און — עס ווערט אַ נייע מאָדע!

און, אַז ער האָט דאָס גאַנצע פעסעל געענדיגט, דרעהט ער עס איבער קאַפּויר, און עס קומט אַרויס גאָר אַ נייע מאָדע, וואָס די באָבע-יאַחנע האָט נאָך געטראָגען.

איך ווייס נישט, ווי אַזוי עס געהט צו ביי פאַבריקאַנטען, נור אין דער פהילאָזאָפישער אינדוסטריע איז זיכער אַזוי!

אַלטע סיסטעמען שטעהען אויף תחית המתים און ווערען זריק די נייעסטע מאָדע...

און אַ צייט אַרום פערליערט דער נייער סיסטעם דאָס געזונד, הייבט אָן הוסטען, קריגט אַסטמאַ — פאַלט אַוועק, שטאַרבט און ווערט בעגראָבען, און אויף זיין אָרט שטעהט אויף אַ נייער שוכן-עפר; אַ נייע פיהלאָזאָפיע פון דער באָבע-יאַחנעס צייטען — און די באָבע יאַחנע, אויב זי

לעבט נאָך, טאַנצט פון פרייד, אַז איהר צייט איז צוריק געקומען!

דאַכט זיך, אַז „כל דאלים גבר״ (ווער עס איז שטאַרקער, ביי דעם בלייבט עס!) איז איין אַלטע פיהלאָזאָפיע, נאָך פון אדם הראשון׳ס צייטען... איין אמת׳ע, נאַקיטע וואַלד־פיהלאָזאָפיע — אַלץ ווענדט זיך אין דער פויסט. די וועלט איז אַ קניזש; ווער עס איז שטאַרקער, בייסט פריהער אַריין; ווער עס האָט אַ ברייטער מויל און בעסערע צייהן, רייסט אָב אַ גרעסער און אַ בעסער שטיק... אָדער ווי מען פלעגט צו זאָגען: איף דער וועלט איז ווי אויף אַ חתונה — חאַפּ און פרעס, האַפּ און זויף!

דער סיסטעם איז אַזוי אַלט, ווי דאָס ווילדע לעבען.

נישט איינמאָל האָט זיך אפילו שוין געדאַכט, אַז די מאָראַליטעט, אַז דער יושר פון צייהן־און־נעגעל איז אָבגעשוואַכט, אָבגענוצט; אַז מיר האָבען די „טהייערע שמאַטע״ אין אַרחיוו אַריינגעלעגט, ווי זי איז שוין מיט שימעל בעוואַקסען; אַז מיר, מענשען, האָבען שוין איינגעזעהען, אַז דאָס פּאַסט נור פאַר ווילדע חיות און נאָך נאַקיטע ווילדע לייט; אַז מיר דאַרפען זוכען אונזער גליק אין עפּיס אַנדערש, עפּיס גרעסערס, העכערס... און דאָך — האָט זיך נור אַזוי געדאַכט! די פֿהילאָזאָפישע פאַבריקאַנטען פון נייגצעהנטען יאָהרהונדערט: דאַרווין, ספּענצער, ליפּערט און אַלע זייערע נאָכשלעפּער און נאָכשטופּער האָבען די מאָדע בעניירט!

דאַרווין האָט בעמערקט, אַז דורך ערציהען, לעבען אויף אַ געוויסע אַרט, אין אַ געוויסען קלימאַט, אין געוויסע בעדינגונגען — פערענדערט זיך דער קערפּער פון מענשען און טהיערע, און דערפון איז איהם איינגעפאַלען, צו בענייען דעם אַלטען לאַמאַרקישען סיסטעם, אַז גאָט האָט קיין בעזונדערע מינים נישט בעשאַפען, אַז פון זיין האַנד איז נור איין לעבען אַרויס; אַז די אַלע מינים, משפחות און סאָרטען קומען אַרויס מיט דער צייט — איין מין פון צווייטען, איין סאָרט פון צווייטען; און דאָס ווענדט זיך אין די פערשיעדענע פערענדערונגען, וואָס

מאַכען זיך אינ'ם לעבען... נו — וואָס שאַדט עס אונז? וואָס זאָל אונז דער פוסטער יחוס? אַדרבא, עס איז מעהר כבוד, אַז מיר האָבען זיך אַליין אויסגעאַרבייט, אַליין מיט דער צייט פאַר מענשען געמאַכט, דעם עק פערלוירען און אַזוי פיעל שכל, אַזוי פיעל יושר בעקומען! נישט איינער זוכט אפשר אין שלאָף דעם עק, ווי איין אַלטער דייטש די יאַרמולקע, נישט איינעם חלום'ט זיך דער וואַלד... נור מיט דער צייט וועלען די חלומות און דאָס זוכען דעם נעכטיגען טאָג אויפהערען, פערשווינדען...

אמת איז, אַז אין „בראשית" איז די מעשה אַנדערש פערצעהלט... נור „מעשה בראשית" איז נישט געשריבען פראָסט „כדבר איש אל רעהו" — עס איז פול סודות; איך זעה עפּיס אַנדערש, יענער עפּיס אַנדערש און דער אַלשיך — עליו השלום — אויך עפּיס אַנדערש... ווער ווייסט, אפשר מיינט נאָר דאָס דער פסוק... אַ קשיא אויף אַ מעשה! אַז „חמץ" קען זיין על פּי קבלה דער יצר הרע און „מצה" דער יצר טוב, האָטש זיי שטעהען ביידע נישט אין מעשה בראשית, קען „חוה" זיין די פאַנטאַזיע, וואָס טרייבט דעם מענש צו זוכען נייע אמת'ן, נייע וועגען; דער „עץ הדעת" — די קולטור און די שלאַנג — דער „סקעפּטעציזם", דאָס מסופק זיין, דאָס אונרוהיגע פרעגען: פאַר וואָס און פאַר ווען, דאָס וואָס לאָזט אונזער פאַנטאַזיע נישט שלאָפען און נייט זי, זי זאָל אַלע רגע אויפשטעלען נייע סיסטעמען, נייע הייזליך פון קאָרטען. „אויף וועלכער דער פּויערישער שכל הישר דאַרף נור אַ בלאָז טהון, זיי זאָלען אומפאַלען"...

פערצייטענס וואָלט מען אַזאַ דאַרווין פערברענט. אין היינטיגע קאַלטע צייטען האָט ער אויסגעלעבט זיינע יאָהרען און געפונען נאָך אַ גאָטסגעלעהרטען, וואָס האָט אויסגעגלייכט דעם פסוק, ער זאָל פּאַסען צו זיין טעאָריע; נאַטירליך — דעם פסוק צוליעב. —

נור דאַרווין איז געפאַלען אויף נאָך איין המצאה. וואָרען די שאלה איז: פאַר וואָס וועלען טהייל פערענדערונגען פערשוואונדען און אַנדערע האַלטען זיך שטאַהל און

אייזען? מיר ווייסען, אַז נישט איינמאָל ווערט געבוירען אַ קאַלב מיט צוויי עקען, אָדער מיט צוויי קעפּ, מיט זעקס פיס — פאַר וואָס בלייבט פון דעם אַלעם קיין זכר נישט, און פאַר וואָס, אַז עס האָט זיך נור בעוויזען אַ האָרן, האָבען זיך באַלד אַלע בהמות פערקוקט און הערנער בעקומען? אויף דעם איז די תשובה: כל דאלים גבר! דאָס לעבען איז איין אייבינע מלחמה, איינער מיט'ן אַנדערן, איין מין מיט'ן צווייטען און איין משפחה מיט דער צווייטער... אַלע שלאָגען זיך שטענדיג און גבר איז דער שטאַרקערער — דעריבער איז דאָס קאַלב מיט איבריגע פיס נעלם געוואָרען, ווייל פיער פיס איז איבער גענוג, בפרט — איין קאָפּ! נור דער אָקס מיט'ן האָרן, וואָס איז געוואָרען אַ שור נגח, האָט זיך טאַקי געמעהרט און געפּרוכטבערט... אזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז עס זענען געוואָרען אַ וועלט אָקסען מיט הערנער און די רעשט אָקסען אָהן הערנער זענען נעלם געוואָרען — אויסגעפּייגערט אָדער אויפגעפרעסען געוואָרען פון אַנדערע בהמות, ווייל פון פרעה'ס חלום זעהט אויס, אַז אַ מאָל האָבען די קיה אייגנ'ס דאָס אַנדערע געגעסען גאָר מענשען צו גלייך! פון וואַנען עס האָט זיך דער ערשטער האָרן גענומען, דאָס ווייסט דער טייפעל, גענוג — אַ האָרן האָט זיך בעוויזען און דער ערשטער גליקליכער אָקס, וואָס האָט'ן געקריגען, האָט מוצא חן געווען ביי די קיה, ער האָט געהאַט אַ סך קינדער און האָט זיי אַלע פערירשענט דעם האָרן... טרעפט זיך אַ מאָל איינס ווערט געבוירען מיט אַ גאָהלען קאָפּ — געהט עס לאבוד, — ווי איינער אָהן כלי־זיין אין דער מלחמה מיט שטאַרק בעוואָפענטע! טחוירען, למשל, האָבען אַ מאָל געלעבט ווי אַלע אַנדערע חיות ובהמות; פּלוצלינג האָט איין טחויר אָנגעהויבען צו שוויטצען מיט אַ ריח — ווי פון אַ בעל־תשובה, נעבען וועלכען עס קען אפילו קיין צדיק גמור נישט איינשטעהען... מיט דער צייט האָט מען אַלע טחוירען אויפגעגעסען, נור פאַר דעם טחויר איז יעדערער ענטלאָפען, און ער מיט זיינע יורשים זענען געבליבען לעבען, און זיי מעהרען און פרוכטבאַרן זיך, אַז מען פיהלט זיי שוין אפילו אין דער ליטעראַטור... פאָקשיווע

(אָדער װי די „ליטװאַקעס“ װילען: קראָפּיװע) איז אַ מאָל געװע־זען אַ געװיקס װי אַלע געװיקסען, נור פון דער העלער הויט האָט איין פּאָקשיװע אָנגעהויבען צו שטעכען און צו בריהען; מיט דע צײַט האָט מען אַלע מינים פּאָקשיװע צו טרעטען און אויס־געריסען, נור די בריהענדיגע און שטעכענדיגע זענען געבליע־בען! און אַזוי אַלע חיות ובהמות! טהייל פערד האָבען אפשר אַ מאָל קיין עקען נישט געהאַט. נור די אָהן עקען האָבען זיי די פליגען געפרעסען, און נצול איז געװאָרען נור דאָס פערד, װאָס האָט זיך געקענט קראַטצען מיט'ן עק ביז'ן קאָפּ.

הכלל — אַ מלחמה און מען דאַרף נור גוט כלי־זין!

נור כל זמן דאָס אַלץ איז נור נוהג און װאַלד און פעלד, צװישען חיות און בהמות... אַרט מיך נישט; לוינט אפילו נישט צו דערגעהן, פון װאַנען עס האָבען זיך גענומען די ערשטע פערענדערונגען — דער ערשטער האָרן, דער ערשטער שװיס, דער ערשטער עק... נישט כדאי זיך דעריבער דעם קאָפּ צו פער־דרעהען, מיר זענען שוין לאַנג פון װאַלד אַרויס, און בײַ אונז, דאַכט זיך, איז גאָר פערקעהרט. אָט האָט ושתי אַ האָרן בעקומען, דאַכט זיך אַ װאהל כלי־זין אין דער מלחמה צװישען מאַן און װײַב און בכלל צװישען װײַבער, און דאָך — איז דער מוסר שטאַרקער געװעזען פאַר'ן האָרן: אַחשורוש האָט אײַנגעזעהן מיט'ן שכל פון זײַנע עצה־געבער, אַז אַ װײַב דאַרף פאָלגען אַ מאַן, אַז יעדער מאַן מוז האָבען צו שאַפען בײַ זיך אין דער היים, אַפילו װען ער איז אַזוי קלוג װי אחשורוש און דערבײַ נאָך אַזוי שכור װי ער; אַז אויב ער הייסט, די פלונית'טע זאָל אַרײַנקומען גאָר על־פּי פּשט, אָהן איין אײַנהיעל... אמת איז, אַז די ממשלה, װאָס אַ מאַן האָט, איז כל זמן דאָס װײַב איז אין שטוב, ניט אַזוי פעסט... נור דער „יושר“ האָט פאָרט גובר געװעזען דעם האָרן, און ושתי האָט געמוזט אָב־טרעטען אסתר המלכה'ן די קרוין.

עס װערען גאַנץ אָפט געבוירען מענשען מיט צו שאַרפע ציינער, צו האַרטע פויסטען, אָדער מיט נשמות פון טחוירען און פוקסען — נור מיר האָבען שטענדיג געמיינט, אַז פאַר זייערט

ווענען טאַקי האָבען מיר קרימענאַלען, אַרעסטען, און טהייל מאָל (בסוד זאָל עס בלייבען) אַ בינטעל הייסע ריטער... ביז מען ווערט פון זיי פטור... אונזער לעבען, האָבען מיר געמיינט, רינט שוין כמעט אַזוי קלאָר ווי אַ וואַסער... עס פ א ל ט אַ מאָל אַריין אַ שטיינדעל, מ א כ ט עטליכע רעדליך אַרום זיך, נור באַלד ווערט עס פערשוואונדען מיט די רעדליך צוזאַמען, דער שפיגעל גלייכט זיך אויס און רינט ווייטער אַזוי ריין, אַזוי קלאָר ווי דער הימעל... טיעפער איז אפילו קאַלט און פינסטער, און דער העכט לאָזט דעם קאַרפ נישט שלאָפען, נור מיט דער צייט, האָט מען געמיינט, וועט מען דאָרט אויך אַריין קוקען... מיט דער צייט וועט דער מענש איינזעהען, אַז די ערד קען ערנעה־רען 10 מאָל אַזוי פיעל מענשען ווי עס איז דאָ אויף דער וועלט, אַז מיר דאַרפען אַנשטרענגען אונזער אינטעלעגענץ, נישט איינער זאָל דעם צווייטען אַרוים רייסען פון מויל, נור מעהר בענוצען די נאַטור־קרעפטען, וואָס דיענען אונז נאָך אין גאַר אַ קליינעם פראָצענט. מען האָט געמיינט, אַז איינער וועט אַרויס נעהמען די הענד פון צווייטענס טאַש, דער צווייטער וועט אויפהערען צו רייסען דעם ערשטענס נאָז, און זיי וועלען זיך ביידע נעהמען צו די וואַסער־פאַלען, וואָס רוישען, הילכען, און בייזערן זיך, פאַר וואָס זיי פערליערען אַזוי פיעל קראַפט אומ־זיסט... מען האָט גערעכענט, אַז אָט, אָט וועט ישעיה'ס נבואה פון אייביגען פריעדען מקוים ווערען און אויף דער וועלט וועט ווערען אַ געקושעריי, אַ געהאַלזעריי, אַז מלאכים אין הימעל וועלען אונז מקנא זיין...

זענען אָבער געקומען ספענצער און ליפערט און האָבען געזאָגט: לא כי! די צוויי פהילאָזאָפען, מיט אַ הונדערט נאָכשטו־פער, ווייזען אויס, אַז אויסער דעם, וואָס מיר קומען אַ ר ו י ס פון וואַלד, מוזען מיר נאָך אייביג שוין לעבען לויט דעם שלחן־ערוך, וואָס איז אין דעם וואַלד נוהג... און דער שלחן־ערוך האָט נור איין פאַראַגראַף: כל דאלים גבר! ואידך — פירושא (די רעשט איז נור אַ פירוש): פויסט, נענעל, באַקצייהן, רציחה מסירות, פאַלשקייט — וואָס איהר ווילט אַליין...

די איינענע שווערם הענגט איבער אונזער קאָפּ אויך! די פּויסט איז ביי אונז אויך יושר און עהרליכקייט צוזאַמען! דאָס גאַנצע לעבען, אפילו דאָס מענשליכע, איז איין אייביגע מלחמה... יוסל מיט שמואל'ן, יורען מיט קריסטען, פראַנצויזען מיט דייטשען, ווייסע מיט שוואַרצע, מיט געלע — אַלע מוזען זיך שמענדיג רייסען ביי די האָהר, צופּען ביי די נעז, און ווער עס איז שטאַרקער, דער בייסט פעסטער אינ'ם קניוש...

די פּויסט איז אַלט ווי די וועלט, ווי דער וואַלד מיט זיינע חיות רעות! נור דער סיסטעם האָט איין נייעם נאָמען! די ח"י גדולים קומען נאָך דאַרווינען: „דער קאַמפּף אום דאָס דאַזיין", הייסט עס! דאָס איז דער העכט, וואָס שווימט אַרום אין ספּענ־צערם וואַסער, דאָס איז די ראָפּוכע, וואָס גראַבעלט זיך אַזוי אומגעלומפּערט אַרום אין ליפּערטס שווערען שליים...

איין אייביגע מלחמה צווישען מענשען, פעלקער און ראַסען! און דו מיש דיך נישט, יעדער דאַרף פאַר זיך זאָרגען!
עס איז שוין אַזוי, עס מוז און עס דאַרף אַזוי זיין!
און עס איז אַ גאַנץ איינפאַכער סיסטעם:

די גריכען האָבען אַמאָל געטייט קראַנקע און פעלער־האַפטע קינדער, עס זאָל אַרויס אַ דור פון סאַמע גבורים; און דער נייגצעהנטער יאָהר־הונדערט וויל מיט דער פייערדיגע קאָנקורענץ אויסברענען אַלע שלימזלדיגע מענשען, עס זאָל אַרויס אַ דור מיט סאַמע דורכגעטריבענע שווינדלער...

דאָס לעבען איז איין אייביגער קריעג — ווער עס פאַלט, איז אַ ודאי שכור געוועזען, אָדער עס האָט זיך אידם אין מיטען דערינען פערגלוסט צו געניצען... דאָס לעבען איז אַ „מאַקאַטוער דראַנג", אויסגעשמיערט מיט זייף; ווער עס חאַפּט זיך אַרויף, בעקומט אַ צילינדער מיט אַ זייגעריל...
און מיט דער צייט וועלען אַלע קענען קריכען!

דער ענאָאיים, דאָס אייביגע פערזאָרגען נור זיך אַליין, דאָס אָנפילען נור דעם איינענעם מאָגען — אָט דאָס זענען, לויט

דער פּיהלאָזאָפיע, די געשיכטליכע הייבען, אויף וועלכע עס יעהרט די מענשהייט, און אָהן וועלכע זי וואָלט געבליעבען ליעגען ווי איין אויסגעטריקענט שטיקעל טייג אין עק מולטער — צונד העבט עס זיך און וועט באלד אַריבער איבער דער ראַנד! „די איינגנליעבע" אָט דאָס איז, לויט ספּענצער און ליפּערט, די שפּינערין, וואָס זיצט ביים אייביגען רעדעל פון דער צייט, און שפּינט אונז די ציוויליזאַציע!

אפשר שרעקט אייך, וואָס דער שטאָף איז ברודיג פון אָרימען שווים און רויט פון אונשולדיג בלוט? וואָס מאַכט עס אויס? פון דעם שטאָף קומען דאָך אַרויס אַזוינע שלאָפּרעק, פּרעק און זיידענע קליידער פאַר אַ צעהנדליגג אויסדערוועהלטע... אייביגע מלחמה, אייביגע קאָנקורענץ צווישען מענשען, פעלקער און ראַסען; און מענשען, פעלקער און ראַסען, וועלען אַזוי לאַנג אַראָבפאַלען ווי פוילע עפּעליך פון בוים, ביז עס וועלען בלייבען סאַמע פעהיגע מאַנשעסטער פאַבריקאַנטען!

איהר פרעגט, צי דאָס איז מאָראַליש?

— מאָראַליש? ענטפערט אייך די פּהילאָזאָפיע, איז דען דאָ אַ מאָראַליטעט? און אונזערע פּהילאָזאָפען זענען קלאָר אין דער סאָציאָלאָגיע ווי ביי זיך אין דער היים און וועלען אייך פערשיטען מיט אַ מיליאָן פאַקטען, ווי אַ וואַלד מיט שישקעס, און מען וועט אייך בעווייזען, אַז יעדעס פאָלק האָט אין יעדער צייט און אויף יעדען אָרט אַנדערע דעות, אַנדערע מדות, אַז וואָס ביי איינעם איז רויט, איז ביי׳ם צווייטען גרין, וואָס איינער האַלט פאַר אַ מצוה, האַלט דער צווייטער פאַר איין עבירה... ווי קען זיין אַ מאָראַליטעט? ווי קען זי דיענען אַלס מאָטאָר אין אונזער מאַשין, זיין אַ לאָקאָמאָטיוו, וואָס פיהרט די וואַגאָנען פון דורות?

ביי אונז מעסט מען אויף עלען און קוואָרטען און מען זועגט אויף לויטען; אין רוסלאַנד ווערט געמאָסטען אויף אַרשינען און ציעטווערטים און געוואָגען אויף זאָלאָטניקים, אין אייראָפּא איז אָנגענומען געוואָרען דער פראַנצעזישער מעטער מיט׳ן קילאָ... ווילדע מעסטען אויף דער האַנד און טהייל ווייסען גאָר נישט צו וועגען... און פון דעסטוועגען וועט קיינעם נישט איינפאַלען

צו קלעהרען: טאָמער איז גאָר קיין מאָס און קיין וואָג נישט פערהאַנדען?

מיר האָבען ציפער'ן ביז 9 מיט איין 0; אַ מאָל האָט מען געצעהלט ביז 20, די רעמער האָבען געהאַט עקסטרא ציפערן פאַר 20, 30 א. ז. וו..

טהייל ווילדע קענען מעהר נישט צעהלען ווי ביז 5, זעקס הייסט שוין אַ סך, אָדער מען זאָגט: 5 און 1 . . . און פון דעסטוועגען איז קיינער נישט מסופק, אַז צוויי און צוויי איז דאָך נור 4, נישט 3 און נישט 7 . . .

מיר נוצען געלד פון קופער, זילבער און גאָלד; אין טהייל לענדער בענוצט מען אויך ניקעל, די גריכען האָבען געהאַט מטבעות פון אייזען, ווילדע שטאַמען האַנדלען און טוישען אויף גרינע שטיקלעך גלאָז, מושעלן, ביסלעך רייז, און פון דעסטוועגען זענען מיר זיך אַלע מקריב פאַר געלד, און ווייסען, אַז געלד עקזעסטירט . . .

נור, אַז עס זענען פערהאַנדען פערשיעדענע מנהגים און דעות ביי פעלקער, ווערט שוין דער עולם מסופק, צי עס איז פערהאַנדען אַ מאָראַליטעט, קען שוין זיין, אַז „איוב לא היה ולא נברא”, אַז נים — שטעקט די מאָראַליטעט טאַקי אין דער פרייער קאָנקורענץ — אין דער זיעב, וואָס לאָזט אַרויס די קליינע אין דראָבנע און בעהאַלט די גראָבע, גרויסע און פעטע . . . אין דער זיעב, וואָס וועט אונז מיט דער צייט אויסשאָקלען הונדערט מיליאָן אַרבייטער און עטליכע מאַנשעסטער פאַבריקאַנטען . . .

וואָס האָט די מאָראַליטעט פאַר'ן אָרמען אונגליקליכען, וואָס פאַלט אונטער דער לאַסט? נישט מעהר ווי אַ היתר: קריך אויף! חאַפּ אויף! גלייך מיט'ן בעל-הגדה, ווייסט זי נור: „נעהם די מצה!” דער קניזש ליעגט אין מיט'ן גאַס, חאַפּ דיך צו!

און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַ גוטע פהילאָזאָפיע נור פאַר רייכע לייט אָדער פאַר שטאַרקע פעלקער, אַז די פהילאָזאָפיע קען נור ליעגען אין איין אָנגעשוואָלענעם ברוסט-טאַש

און זיין אונטער געשפּאַרט מיט אַ וואַלד פון באַנגעטען, אַז אָרימע לייט און שוואַכע פעלקער, וואָס קענען לייכט אונטערגעהן אין דער אייביגער מלחמה, וועלען זיך האַלטען אָן די אַלטע מענשליכע אידעאַלען, אָן דעם אַלטען יושר, אָן דער אַלטער מאָראַליטעט...

עס האָט זיך אָבער אויסגעוויזען, אַז עס איז אַ טעות... ווי געזאָגט, קומען שוין היינט ספּענצער און ליפּערט אין בית המדרש אַריין, מען שטודיערט זיי אין אַלע ישיבות...

דער געוועזענער פּרוש, וואָס האָט געלעבט פון תעניתים, ווייסט שוין היינט, אַז דאָס בעסטע אבר פון אַ מענש איז דער מאָגען, אַז אַלע אַנדערע אברים זענען משרתים, אַז נור ער, דער מאָגען, מאַכט די געשיכטע, אַז נור אייגענליעבע שפּינט די קולטור!

אויף ספּענצערס קניע וועט אויפגעצויגען ווערען אַ נייער דור פון סאַמע חאַפּערס...

ווי אַזוי דאַרף מען ערציהען קינדער?

קינדער — זאָגט ספּענצער — דאַרף מען ערציהען אויף אַזאַ'ן אופן, אַז זיי זאָלען קענען גליקליך זיין... זיי זאָלען קענען אויסנוטצען דאָס גאַנצע נחת, וואָס די נאַטור וועט זיי געבען זיי זאָלען זיין ווי אַ שוואָם, איינצוזאַפּען דאָס גאַנצע פערגניגען, וואָס זיי וועלען געפינען אויף זייער וועג...

וואָרום — אַז יעדערער וועט האָבען זיך אין זין, וועט אַלעמען גוט זיין, — מן הסתם!

ספּענצער און ליפּערט ווערען אונזערע נייע געטער!

נור דאָס איז אויך נישט קיין נייעס!

די יונגע עניפּטיאַנערין, וואָס מען האָט יאָהר-יעהרליך אַריינגעוואָרפען אין נילוס אַלס קרבן פאַר'ן היילינגען טייך, האָט אַליין אויך געגלויבטאין זיין היילינגקייט...

די אַמעריקאַנישע קנעכט האָבען זיך געשלאָגען אין אין

שורה מיט זייערע בעלי־בתים גענען די, וואָס האָבען זיי געוואָלט בעפרייען.

אונזערע אַלטע פויערן זאָגען נאָך, אַז עס איז בעסער צו אַרבייטען „פאַנשציזנע״ איידער צו צאָהלען פּאָדאַטעק —

און מיר, מיר אָרעם, צו וואָרפען, שוואַכסטע פּאָלק אויף דער וועלט, הייבען אויך אָן צו גלויבען, אַז דער אידעאַל פון מענשען איז דער אייביגער קריעג צווישען מענשען אונ פעלקער, ראַסען און קלאַסען...

דער דאַרווין־ספּענצער־ליפּערטישער סיסטעם, אָדער בכלל, דער פּאַפּיערענער ליבעראַליזם, איז דורך גאַנץ אייראָפּאַ ווי אַ זאַראַזע. פרייהייט הייסט אַ רעכט, צו מאַכען זיך מיט די עלענבויגען איין אָרט ביי׳ם טיש; וועהלען — הייסט קויפען שטימען פאַר געלד און בראָנפען, פּאַרלאַמענטען זענען בערזען, וואו פּאַרטייען שווינדלען מיט פּאָליטישע פּאַפּיערען, וואו די דעפּוטירטע פערקויפען איינער דעם צווייטען די געקויפטע שטימען מיט איין אונגעהייערען ראַבאַט... די „פרייע פּרעסע״, דער שטאָלץ פון נייצעהנטען יאָהר־הונדערט, איז אַ רינשטאָק פון בלאַגע און שאַנטאַזש...

דער טאג.

דער מאַניפעסט איז וואָס אָנבעלאַנגט צו דער יודישער לאַגע נישט קלאָר, אין וויטעס ערקלערונג — וואַקעלדיג... די רעגיערונג וועט שטרעבען גלייך צו בערעכטיגען אַלע איינוואָהנער אין דער אימפעריע. קיין צייט דערויף איז נישט בעשטימט, און וויטע ווי מיר וויסען פון די בלעטער, האָט פולע הענד אַרבייט און אויסער דעם נאָך אָפענע טהירען פאַר דער פרעסע, אָפענע אויערען פאַר אַלערליי פאַרשטעהער; במעט ער שלאָפט נישט!... צי קלינגט עס נישט ווי: משיח וועט קומען, ער מוז קומען, נאָר ווען?

און ענטשיידען וועט די דומע. זי וועט פילייכט, ווי אַמאָל די פוילישע געזעצגעבונג, זאָגען: אדרבא, יודען קומט גלייכבערעכטיגונג, נאָר זיי מוזען זי פערדיענען, אומזיסט טרינקט מען וואַסער און אויך נאָר אין קליינע שטעדטלעך; און — אויב די פאות זענען שוין אָבגעשניטען; אונגעשאָרענע בערד טראָגען רוסען אויך, לאַנגע רעק אויך, דאַרף מען נאָר פערלאַנגען, זיי זאָלען דאַוונען אויף רוסיש?

האָט מען טאַקי געקלאַפּט אַ טעלעגראַף צו וויטען מיט איין אָנפראַגע צי איז די יודישע גלייכבערעכטיגונג פערזיכערט, האָט ער — אַ פערנומענער מענש — נאָך נישט געענפערט... פאַר דאָס האָבען אויף זיין אָרט געענפערט אַנדערע: די חוליגאַנעס, די שוואַרצע מאות, די באָסיאַקעס, רופט זיי ווי איהר ווילט נאָר; די בעהעלפער און אונטערשטיצער פון דער הערשענדער פאַרטיי, וואָס מוז און וויל פאָרט נישט אַראָב, און שפרעכט אָב איהרע שלעק מיט'ן אַלטען שפרוך: פון מיין קאָפּ אויפ'ן יודישען קאָפּ...

די אַלטע שפיצלעך, פון וועלכע פאַרטשריטס-פאַרטייען לאַבען און מיר, מיר יודען, וויינען. יענע קייקלען זיך פאַר געלעכטער און מיר פאַר שאַנד, שפּאָט און וועה, און פער-

גיעסענדיג אונזער בלוט, אונזער הארציג בלוט אין דער בלאָטע אריין...

און די אַלטע יודען, וואָס מיר האָבען אין אונזערע חלומות לאַנג בעגראָבען, לעבען נאָך און געהען אַרום אין די גאַסען; היינט מעג מען; מען חאַפּט אינעווייניג אַ ציטער און מען געהט כלומר'שט מיט אַ פּנים פון פראַנק-און-פריי אויף אַ הפקר-וועלט...

— פּאַגראָמען! שריי איך אַזאַ יוד'ן אין אויער אריין; איך וויל וויסען צי ער לעבט באמת, צי ער געהט אַרום אויפ'ן עולם-הדמיון.

— אין רוסלאַנד: ענפערט ער מיר שטאָלץ.

פרעמד בלוט, הייסט עס, פערגיעסט זיך.

איך פערלאָז דעם אָבגעשטאָרבענעם און געה ווייטער איבער דער מאַרשאַלקאָווסקי גאַס... מאַסען געהען. ביי יעדען אין מוח בויערט די פראַגע: מען וועט שיעסען, צי ניין? און געהען געהט מען, עס געהען בעגייסטערטע פאַרטיי-מענשען, וואָס זענען ווירקליך גרייט אריינלאָזען אין זיך דעם ערשטען בעסטען באַגנעט, אויפצורייסען זיך די ברוסט פאַר דער ערשטער בעסטער קויל... עס געהען אויך מענשען, וואָס ווערען מיט-געריסען מיט דער מאַסע, מענשען וואָס האָבען גאָר נישט זייער אייגענס אין ווערען צונעצויגען, אַזוי איינצעלנע שטאַרקע מענער, ווי פון דער קראַפט אין דער מאַסע, גלייך אייזען-שטויב פון אַ מאַגנעט, און ווילען זיך אויך צופליהען ווי דערזעלבער שטויב ביים ערשטען געטורער, פון בעריטענע פערד, פון ערשטען הילך פון אַ שאָס אין דער לופט, אפילו פון אַ הויכען פאָליציאַנטען-געשריי, גאָר פערגעסענדיג, אַז היינט רעגיערט עמיץ אַנדערש אין דער גאַס, אַז דער ערשט-נישט-לאַנג אליין הערשענדער פאָליציאַנט איז בעפאַלען! און נאָך איין אַנדער סאָרט מענשען געהען... איינציגווייז געהען זיי, שטיל ווי גנבים, אויסקוקענדיג ווי דאָס ערגסטע אונרוהיגע געוויסען און מיט בליצען פון

שלאַנגען־גיפט אין די אויגען — אַגענטען פון דער אַלטער אָרדנונג געהען...

עס הערט זיך געזאַנג, עס בעווייזט זיך אַ רויטע פאָהן, עס ווערט אַ געשריי: היטלען אַראָב! און דער מענש פון דער מאַסע, פאַר ליעבשאַפט, פאַר פרייד און גאַנץ אָפט פאַר בלויזער געוועהנהייט צו פאָלגען, חאַפט זיך צום היטעל, נאָר אויב עס איז אַ קריסט, הערט ער אונטער זיך:

— הייב נישט! עס איז אַ יודישע פאָהן... אַ יודיש געזאַנג!

און איינער פון די אונטער־זאָגער געהט־צו צו זיין חבר און פרעגט:

— אפשר אָנפאַלען?

— ניין, מיר זענען צו־וועניג! הער איך אַ תשובה.

עס קומט־צו צו מיר איינער אַ האַלב־לעבעדיגער, האַלב־טויטער יוד און פרעגט:

— צי קאָן זיין אין ווארשא אַ פאָגראָם?

און איך קריעג אויף איהם, אויפ׳ן האַלב־טויטען האַלב־לעבעדיגען קיום עטעמדיגען וואַרשעווער יוד, רחמנות און זאָג איהם: ניין.

— זיכער? גלאָצט ער אויף מיר די אויגען אויס.

— זיכער. דער היגער פראָלעטאַריאַט איז ענטוויקעלטער; די צאָהל פון לומפענפראָלעטאַריאַט — קלענער. דער געווערב־מאַן טרינקט פיעל וועניגער, צו די געהיימע אַגענטען האָט מען קיין צוטרויען ניט, און הער! מען שרייט: יעדנאָשטש! ניעת זשיע יעדנאָשטש! אויסערדעם — צוויי גרויסע אַנטיסעמיטען האָבען אויף אַ ווייטע פערזיכערט, אַז עס וועט נישט זיין, זייער אַנטיסע־מיטיש עהרען־וואָרט געגעבען...

און עס קומט אין איהם אַריין אַ חיות, אַ נײַ לעבען, דאָס פנים שיינט, די אויגען לייכטען, ווער איך פלוצלינג בייז אויף איהם און זאָג:

— און אפשר יאָ... קיין נביא בין איך נישט!
און ער איז צוריק האַלב־טויט האַלב־לעבעדיג געוואָרען...
ער שטאַרט! עס פאַלט...
אפשר פערבעטען איהם צום זעלבסט־שוץ?

רויטע פעהנער — מאַסען בעגייסטערטע פנימער, פלאַמענ־דיגע אויגען — העלדען... אייערע און אונזערע צוזאַמען! יעדנאָשטש! און אין מיר אָרימען, נאָך לעבענדיגען יוד דרעהט אין אַלטען קראַנקען האַרץ די פראַגע:

— צי וועלען זיי מיר אויך העלפען?

עס געהען פאַרטייען נאָך פאַרטייען, פעהנער נאָך פעהנער — מיינע, ביז אין דער לעצטער מינוט היים־געליעבטע פעהנער: פרייהייט! אַכט־שטונדיגער אַרבייטס־טאָג! עס לעבע דער פראָ־לעטאַריאַט... און דאָך איצט, אין דער מינוט, ווען פאַגראָמען שוועבען אין דער לופט זענען זיי מיר נישט אַזוי היימיש, נישט אַזוי היים געליעבט... דאָס איז מיר איצט פיעל צו־וועניג!

צוויי געהען פאַרביי און איינער פון זיי לערנט דעם צווייטען:

— דער קלאַסען־קאַמפף מוז זיך אַריינמישען אין נאַציאָנאַלען־קאַמפף, נאַר אויף אַזוי ווייט, וויט עס אינטערעסירט דעם קלאַסען־קאַמפף — — —

ווי ווייט עס קאָן אינטערעסירען האָב איך נישט געהערט.

עס האָט אַ דונער געטהון: יעדנאָשטש! הייזער ציטערען...

איך אָבער ציטער אויך...

מיין טאָן איז נישט געפעלען געוואָרען. „סטייטש אין היינטיגען מאָמענט, ווען די וואַנד פאַלט, די טהירען פון תפיסות סקריפען און ווילען זיך עפענען, און וועלען זיך היינט מאָרגען עפענען, ווען די צייטונגען געהען אַרויס (אין די רעווידענצען) אָהן „דאָוואָלענאָ צענזוראָי", ווען צעהן מאָל אין

טאָג פערזאמלען זיך מיטינגען, און מען רעדט וועגען אַלץ פראַנק און פריי אין די אויגען פונ׳ם אַלטען טשינאָווניק... היינט רעדסט דו פון קאַפּעלושען?״

רבותים, זייט מיר מוחל... זייט מיר מוחל, וואָס איך האָב מיינע אויגען, און אויף זיי מיינע אייגענע ברילען און קאָן נישט, און וויל נישט זעהען אויף אַייערע אויגען, קל וחומר — אויף אַייערע ברילען! און אַז איך זעה אין דער לופט אַרום־שוועבען קאַפּעלושען — מוז איך געבען אַ משל מיט אַ קאַפּעלוש... און אין דער לופט זעה איך שווימען אַרום קאַפּעלושען אָהן קעפּ, אָהן מענשען... אַ טראַגי־קאָמעדיע זעה איך, אַ פורים־שפּיעל!

אין קאָפּ דרעהען זיך מיר, ווי פליגעל פון אַ ווינד־מיהל, דעסקריפּטען, מאַניפעסטען, מיטינגען, פערזאַמלונגען, סאַמע גוטע זאַכען, און פול בין איך „גאַלגען־הומאָר״... איך זעה אַיין עולם געהט אין באָד, זיך כלומר׳שט אָבוואַשען, און האָט אפילו אַ בעזימיל צום שמייסען זיך אין די הענד, נאָר אָהן פרישע וועש! אַרויסגעהענדיג פון דער היץ, פון פלוצלינגדיגען התלהבות, וועט ער צוריק אין אַלטען העמד, אין דער אַלטער ברודיגער וועש... אַ נייער טאָג, זאָגט איהר, — איהר גלויבט, און איך גלויב נישט! צי האָט איהר דאָס רעכט צו פערלאַנגען פון מיר אמונה?

און נישט איהר אַליין, לעזער, פערלאַנגט אמונה...

די אַלטע וועלט, וועלכע איהר האָט שוין, ווי אַייך חלומ׳ט זיך, אין קבר אַריינגעלעגט, מיט ערד בעשיט און איהר ווי עס דאַכט זיך אַייך געהט צוריק פון דער לויה און רייסט גראָז און וואַרפט צוריק אויפ׳ן קבר — די אַלטע וועלט האָט פערלאַנגט אמונה...

אויף אַ הויכע פאָלקע פון האָלץ־ווערם צופרעסענעם שראַנק איז געשטאַנען אַיין אַלט ¾ אויפגעגעסען ספר, און האָט פערלאַנגט אמונה, אַז איהר לעבט נאָך אין זיין צייט, און דאַרפט אַייך נאָך פיהרען לויט זיינע עצות...

דער רב און דער צדיק האָבען פערלאַנגט אמונה, אַז פאַר זיי איז אָפען דער הימעל, וואָס איז פערשלאָסען פאַר א י י ך;.. דער דאָקטאָר, ביים בעט פון קראַנקען, האָט פערלאַנגט אמונה אין זיינע סודות, אין זיין בעהאַלטענער קבלה־מעדיצין, וואָס ער טאָר נישט אויסזאָגען, נישט דעם קראַנקען, נישט זיינע נאָהענטסטע קרובים. דער סוחר בכלל, דער רייכער און דער קאַפּיטאַליסט בפרט, האָבען פערלאַנג אָמונה, אַז יעדער גראָשען איז עהרליך פערדיענט; דער ביוראָקראַט האָט אַוודאי פערלאַנגט אָמונה! איהר מוזט איהם גלויבען, אַז ער ווייסט אַלץ, טהוט אַלץ צו אייער בעסטען, בפרט ווען איהר בעצאָהלט דערפאַר, און קוים האָט איהר אָנגעהויבען מסופק צו ווערען, איז ער, גאַנץ עהרליך, בייז געוואָרען און אַז אַ טאַטע ווערט בייז שמייסט ער; פון דעם האָט נאָך שלמה המלך געוואוסט...

און אויב די ניי געעפענטע וועלט פערלאַנגט אויך אמונה, זאָג איך אַייך, אַז די נייע וועלט איז קיין נייע נישט, אַז דאָס איז אַ מלמד, וואָס האָט זיך פורים לשם מצוה, איבערגעקנעפּעלט אויף גויש, פון רעכטס אויף לינקס, און געמיינט, אַז מען וועט איהם נישט דערקענען...

וואָרום נישט נאָר איהר, לעזער, פערלאַנגט אמונה...

די בעלי בתים, וואָס פערפלייצען די מיטינגען און הערען אוים די זיסע רעד פון פּאָסטעמפּאָווער־דעמאָקראַטיע, וואָס בליהט אַלץ אויף גערעכטיגקייט; די פייערדיגע אויסגעשרייען פון דער נאַראָדאָווער־דעמאָקראַטיע וואָס טראָגט דעם ווייסען פאָהן; די שטעכענדיגע, בייסענדיג־ברענענדיגע רעד פון פּראָלעטאַריאַט־רעדנער און נאָך און נאָך אַלערליי פערשיעדענע רעדען און פּאַטשט נאָך יעדער רעדע „בראַוואָ"!, וויל אויך, מען זאָל איהר גלויבען; גלויבען, אַז זי האָט: ע ר ש ט ע נ ס פּאָליטישע איבער־צייגונגען, צווייטענס בלויז געפיהל פון גערעכטיגקייט חאָטש זי בענוצט זיך מיט'ן אַרבייטער־בלוט פאַר איהרע צוועקען און דריטענס, אַז זי האָט באמת אהבת נפש ליעב דעם שטרייקענדיגען פּראָלעטאַריאַט, וואָס שטעהט פאַר איהר און פּאַטשט זי און

שמייסט זי מיט אייזערנע ריטער און שפייט איהר נאָך דערצו אין פעטען פרצוף אריין...

און די רעדנער די פּאַרטייען-פאָרשטעהער?

אָט שטעלט זיך אויף אַ יודעל מיט וואָנסען און שיט פייער און פלאַם, ער זאָגט, אַז ער איז אַ געבוירענער פּאָליאַק, אַז אין דער שטוב, וואו זיין וויעג איז געשטאַנען, האָט מען גערעדט פּויליש, אַז דאָס ערשטע ליעדעל, וואָס ער האָט געהערט איז געווען אַ פּויליש ליעדעל — אַז זיין גאַנץ פערלאַנגען, דאָס ציעל פון זיין גאַנץ לעבען, זיין איינציגע האָפנונג איז צו פערדיענען דעם טיטעל: „אָביוואַטעל פּאָלסקי״...

און דערביי פערלאַנגט ער אַ קליינינקייט; ער פערלאַנגט, אַז איך און די אַלע, וואָס זענען געזעסען ביי׳ם טיש פאַר דער פּרעסע, און דאָס גאַנצע פובליקום אין סאַלאָן פון פילהאַרמאָניע זאָל האָבען אָן איהם אֶמונה, און גלויבען איהם, אַז ער רעדט אין נאָמען פון „בונד״, אַז דער „בונד״ האָט׳ם געשיקט אַזוי צו זאָגען, אַז זיין פּראָגראַם איז דעם „בונד׳ס״ פּראָגראַם...

און אַ פערטרעטער פון ס. ד., וואָס וויל אַפילו קיין בעזונדערע קאָנסטיטואירענדע פערזאַמלונג פאַר פּוילען נישט, פערלאַנגט, מען זאָל איהם גלויבען, אַז ער איז אַזאַ גוטער הייסבערענדיגער פּאָליאַק ווי דער, וואָס וויל דאָס גאַנצע פּאָליטיש אויפגעבריוזטע, פּאָליעס-שלאָגענדיגע וואַסער צוציהען צו זיין מיהל עס זאָל דרעהען דאָס איינציגע רעדעל פון „באָשע צאָש פּאָלסקי״.

און אַ פערטרעטער פון פּ. פּ. ס., וואָס וויל אַ קאָנסטיטואירענדע פערזאַמלונג עקסטרא פאַר וואַרשאַ און דערמאָנט נישט אַ וואָרט וועגען ליטאַ, מאַלאָראָסיע, ליפלאַנד א. ד. ג. פערלאַנגט פון מיר אֶמונה, אַז ער וויל, ערשטענס, בשום אופן זיך נישט אָבטהיילען פון רוסלאַנד, אַז ער איז, צווייטענס, געדעכט פאַר אַלע פעלקער אויף דער וועלט און דריטענס, אַז עס איז מעגליך איין קאָנסטיטואירענדע פערזאַמלונג אין פעטערבורג, די צווייטע אין וואַרשאַ און אַז ביידע וועלען אויספיהרען גראַד דאָס-זעלבע, וואָרום דאָס לעבען וועט שוין וויזען, ווי אַזוי!

און אַ יודעל מיט אַ נאָז אַלאַ פּינציעוו, אַפּילו מיט אַ באָרד, פּערטרעט די פּוילישע נאַציאָנאַל פאַסטעמפּאָווע דעמאָקראַטיע, און זאָגט, אַז די וועלט מוז שטעהען אויף פרייהייט און גערעכטיגקייט גלייך פאַר אַלע, און דעריבער מיז אין גאַנץ פּוילען, וואָס האָט אַ ⅓ יודישע בעפעלקערונג, הערשען נאָר די פּוילישע שפּראַך, קאָנען עקזיסטירען נאָר פּוילישע שוהלען, און מאַכט זיך אַפּילו נישט וויסענדיג, אַז דאָס יודישע דריטעל, מיט'ן אויסנאַהם פון אַ גאַנץ קליין ביסעל אָבטריניגע, וואָס האָבען איינגעזאָפּט דאָס „פּוילישע ליעדעל נאָך אין דער וויעג", וויל יודישע שוהלען, דאָס אַנערקענען פון דער יודישער שפּראַך, וועניגסטענס אין אייגענע אָבגעזונדערטע אַנגעלעגענהייטען, — דאָס משה-רבינו פערדעל פערלאַנגט פון מיר אָמונה, אַז ער האָט אַ לאָנגישען קאָפּ, אַז גערעכט איז פּויליש פאַר פּאָליאַקען און אומגערעכט — יודיש פאַר יודען...

און אונזער איינער, וואָס בויט זיין ירושלים אויפ'ן יודישען נאַציאָנאַליזם, וויל: איך זאָל איהם גלויבען, אַז דאָס צוברעקלען פון גרויסען רוסישען לאַנד אויף קליינע לענדער, וואָס מוזען זיך מיט דער צייט אָבריסען גאָר אינגאַנצען, וועט נישט צוברעקלען די יודישע מאַסע אין לאַנד, און אַז עס וועט קיינמאָל נישט קומען די צייט, ווען דער ליטווישער יוד מיט'ן פּוילישען, וואָס לעבען אַזוי אויך נישט ווי אַמבעסטען, וועלען זיך נישט זיין אַזוי פרעמד, ווי דער דייטשער יוד מיט'ן פראַנצויזישען, און נישט קוקען אויף זיך, ווי קאַץ און מויז!

און אַפּילו דער טיש פאַר דער פרעסע, וואָס פערלאַנגט נאָר געוואַלטיג דאָס פרייע וואָרט און ווערט שיער נישט משוגע פאַר כעס, אַז מען רעדט קעגען ליעדעל „באָזיע צאָזש פּאָלסקי" און טאָפּעט מיט די פיס, און שרייט ווי אין אַ דול-הויז: אַראָב! אַראָב! פערשטאָפּט איהם דאָס מויל! אַפּילו דער טיש פאַר דער פרעסע פערלאַנגט פון מיר אָמונה, אַז דאָס פערלאַנגען די פרייהייט פון וואָרט איז ביי איהם אַיין ערנסט און ער מיינט עס פאַר אַלע...

און די, וואָס געהען מיט מיר צוזאַמען צרוים פון ווילנע,

פערלאַנגען אויך פון מיר אֶמונה, איך זאָל גלויבען, אז די רעוואָליוציע פון וויעץ, מען זאָל פערלאַנגען גלייכבערעכטיגונג פאר יודען, דאַרף מיך אינגאַנצען בערוהיגען, חאָטש פאַר דער רעדאַקציע פון „גאָניעץ" שטעהט אַ גרויסער פוילישער פאָלקס-מיטינג און שרייט, צווישען אַנדערע געשרייען: פרעטש ז זשידאמי... און חאָטש די שוואַרצע מאָה רעגירט פראַנק און פריי איבעראַל, יודישע פּאָגראָמען צופלייצען זיך אומעטום און — צווייי פוילישע גמינעס האָבען שוין פערלאַנגט מען זאָל אַרויס-טרייבען די יודען...

און אַלע בעלי בתים, זייערע און אונזערע, פערלאַנגען פון מיר אֶמונה, אַז עס איז אַ יושר דער פראָלעטאַריאַט זאָל ברענען, און זיי זאָלען אויפ'ן לעבענדיגען פייער בראָטען גע'גזל'טע קאַר-טאָפעל; אַז עס איז אַ יושר דער אָרימער אַרבייטער זאָל זיין אין דער פינסטערע נאַכט אַ לעבענדיגער שטורקאַץ, ביי וועלכען זיי וועלען צעהלען זייער געראַבעוועט געלד און אונטערשרייבען זיינע פערשווינדעלטע וועקסעל...

און די וואַרשעווער-פּאָליציי וויל, איך זאָל איהר גלויבען, אַז דער מאַניפעסט איז מאַניפעסט פאַר איהר אויך, בשעת, ווען זי שטעכט און שיעסט צו נישט-בעוואָפענטע מענער, אַלטע לייט, ווייבער און קינדער אין די גאַסען... אַז איהר גאַנצער מיין איז, עס זאָל זיין שטיל און רוהיג אין גאַס און דעריבער מוז זי שטעכען און שיעסען; בשעת ווען זי לאָזט דורך פראַנק און פריי די גרעסטע מאַניפעסטאַציעס פון דער שוואַרצער נאַראָדאָווע דעמאָקראַטיע...

און פעטערבורג פעלאַנגט, אַז דער מאַניפעסט, וואָס מען האָט בעקומען דורך געשרייען, פּראָטעסטען און סטרייקען, קאָן ערפילט ווערען ערשט דעמאָלט ווען די געשרייען, פּראָטעסטען און שטרייקען וועלען אויפהערען! דאָס גאַסען-גערודער שטערט דער רעגיערונג ביי דער אַרבייט!

זאָל האָבען אֶמונה ווער עס האָט... איך האָב נישט, און ווייל איך האָב נישט, שרייב איך פעליעטאָנען פון קאַפּעלושען... פון קאַפּעלושען אָהן קעפּ, אָהן מענשען.

אוים! מעהר פיהר איך מיט דער אַלטער רעגיערונג קיין מחלוקת נישט.

כל זמן די אַלטע רעגיערונג, וואָס וויל בשום אופן נישט אַלט ווערען, האָט מלחמה געהאַלטען מיט מאַניפעסטען, איז געווען אַ געשעפט צו ענטפערן מיט לייט־אַרטיקל, פעליעטאָנען— מיט אַלערליי ליטעראַרישע מאַניפעסטען, און — שרייבען קענען מיר בעסער! האָט איין זייט געבעטען זיך קרעדיט, האָט די צווייטע קורץ און שאַרף געענטפערט: לאו! האָט איין צד געזידעלט: פערחלומטע־קעפּ, דעמאַגאָגישע אונטערהעצער וכדומה, האָט דאָס צווייטע געענטפערט: שטאַר־קעפּ, אינטרי־גאַנטען, שווינדלער, פּראָוואָקאַטאָרען! אויפ'ן פּאַפּיער האָבען מיר שטענדיג די אויבער־האַנד געהאַט; דאַצו האָבען מיר געשיקטערע הענד, שאַרפערע צונגען און אַ פרייערן סטיל. נישט אומזיסט זענען מיר טינט־און־פעדער לייט! צונד האָט זיך אָבער די אַלטע רעגיערונג מישב געווען און האָט צוריק אַרויסגענומען און אָנגע־שאַרפט דאָס אַלטע כלי־זין; קריעגס־צושטאַנד, קאָלבעס, שטיקעס, אַרעסטען, פערשיקערייען, קריגעס־געריכטען — אויף דעם איז שוין מיט טינט און פעדער נישט צו ענטפערן! זאָל זי קומען אויף אַנדערע הענד, און מיר, מיר עצה־פעדער און טינט־און־פעדער־לייט וועלען זיך דערווייל בעשעפטיגען מיט כשר'ע, שטילע היימישע געשעפטען — ביז דער צאָרן וועט אַריבער! ביז דער הימעל וועט זיך אויסלייטערן און די שטילע אַרבייט פון אונטער דער ערד וועט צוריק אַרויס אויף דער ליכטיגער שיין.

און היימישע געשעפטען האָבען אויך דאָס רעכט אויף אויפמערקזאַמקייט.

און היימישע געשעפטען פעהלען נישט.

די קאָמיסיע, וואָס איז געזעצט געווען ביי'ם וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, אום אויסצואַרבייטען דאָס נייע געזעץ פון אַ שטאָדט־פערוואַלטונג (וואַרשאַנד מיעיסקי — גאָראָדסקאָיע סאַמאָ־

אופראַוולעניאַ) אין פוילען, און וואָס האָט איבער־געריסען איהר אַרבייט ביים ערשטען אויסרופען פון קריעגס־צושטאַנד, — די קאָמיסיע האָט צונד צוריק אויפגענומען איהר אַרבייט און האָט שוין אויפס־ניי עטליכע זיצונגען געהאַט.

אויף דער לעצטער זיצונג איז געשטעלט געוואָרען די פראַגע: אין וועלכער בעציהונג דאַרף שטעהען דאָס יודיש־פוילישע קהל צו דער שטאָדט־פערוואַלטונג? און ביידע יודען, וואָס זיצען אין קאָמיסיע, צוויי פייערדיגע זיילען פון דער פויליש־יודישער אַסימילאַציע, האָבען אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז די יודישע געמיינדע דאַרף אין קיין בעציהונג נישט אונטערפאַלען דער שטאָדט־פערוואַלטונג; אַז די יודישע געמיינדע דאַרף זיך פיהרען בעזונדער, עמאַנציפּירט פון אַלגעמיינע שטאָדט־זאַכען. אַזוי אויך דאַרפען בעפרייט ווערען אַלערליי צדקה־חברות און — וואָס דער עקר איז — די מיינונג איז פון דער קאָמיסיע אָנגענומען געוואָרען. עס פראָפּאָנירט זיך נאָך: דער וואַרשויער דאָזאָר זאָל שטעהען אין דער שפּיץ פון אַלע עמאַנציפּיר־טע פּראָווינציאַלע דאָזאָרען, אָפענער געזאָגט: עס ווערט פאָרגעלעגט אַ פרייע אָרגאַניזאַציע פון אַלע יודישע געמיינדען אין פוילען מיט וואַרשוי אין דער שפּיץ.

זעהט איהר נאָך אַמאָל אַז אַ „יודיש קישקע קען מען ווירקליך נישט שאַטצען”, אַסימילאַטאָרען אין אָרגאַניזירונגס־קאָמיסיע פערלאַנגען אַ פרייע יודישע פאָלקסטימליכע אָרגאַניזאַציע און ווען אפילו אָהן אַ „געזעצגעבענדען סיים”!

נאָך צי ערלויבט דערויף דאָס הערשענדע געזעץ וועגען יודישע געמיינדען?

דאָס הערשענדע געזעץ איבער יודישע געמיינדען ערלויבט אַלץ און גאָר־נישט; געשווינדער — גאָר־נישט, ווייל דערוויילע איז נאָך געגען געזעץ אַלץ, וואָס דאָס געזעץ האָט נישט אויס־דריקליך ערלויבט. און דאָס געזעץ, פון וועלכען מיר רעדען.

איז זעהר אַלט, זעהר קנאַפּ און — ווי אַלע אונזערע געזעצען — געלאַטעט און דורך נישט־געשיקטע הענד.

איבער דער גאַנצער צייט, ווען דאָס לעבען האָט זיך אַזוי געוואַלטיג געענדערט, האָט זיך די רעגיערונג מיט די יודישע געמיינדען כמעט נישט בעשעפטיגט. און אַזוי ווי מען קען לאַנג די קינדער־שיך נישט טראָגען, האָבען די ענטוויקעלטערע געמיינדען (וואַרשוי, לאָדז...) לאַנגזאַם, יעדעס מאָל מיט אַ ספּעציעל ערלויבניס פון מאַגיסטראַט, זייערע אַטריבוציעס (רעכטע) פערשפּרייט, פערטיעפט, און וואָס מען האָט בעקומען, שוין פעסט געהאַלטען אויף שפּעטער און ווייטער ענטוויקעלט. מיט דער צייט האָט די געמיינדע זיך אויפגעהערט צו פערלאָזען אויפ'ן געזעץ און דער איינציגער מאָטיוו אין אַלע פּאַפּירען צו דער רעגירונג איז געוואָרען: היות, ווי דער מנהג איז... אויף רוסיש הייסט עס «По примѣру прежнихъ лѣтъ»

צונד, אַז דאָס אַלטע און פערשימעלטע שווימט אָב און עס אָרגאַניזירט זיך, אויף דער גאַנצער דערוויילינער רעאַקציע נישט קוקענדיג, אַ ניי לעבען, וואָס מוז האָבען נייע פּאַסענדיגע געזעצליכען פאָרמען, בלייבען די יודישע געמיינדען אָדם־נאַקיט, און עס איז נויטיג אַ ניי געמיינדע־געזעץ, וואָס זאָל פּאַסען צו די נייערע לעבענס־פאָרמען. און ווירקליך: דער וואַרשויער דאָזאָר האָט אַרויס־געזעצט אַ קאָמיסיע פון עטליכע פאָרשטעהער, אויסצואַרבייטען אַ נייעם געזעץ־פּראָיעקט פאַר די יודישע געמיינדען אין פּוילין.

דערפאַר וואָס דער וואַרשויער דאָזאָר שלאָפט נישט, קומט איהם אַ שענעם דאַנק, פון דער צווייטער זייט אָבער, איז אַ פּראָיעקט פאַר יודישע געמיינדען, וואָס וועט אויסגעאַרבייט ווערען פון היינטיגען וואַרשויער דאָזאָר, פאַר'ן יודישען נאַציאָנאַל־לעבען, אַ ביסעל צו געפעהרליך.

די היינטיגע פאָרשטעהער, אַלס פּאָליטיש עהרליכע לייט, טאָרען נישט פערגעסען:

1) אַז דער אוסטאַוו דאַרף זיין נישט פאַר וואַרשא אַליין נאָר אויך פאַר דער פּראָווינץ. נאָך מעהר: אַז די פּראָווינץ איז מעהר פעראינטערעסירט דערינען, ווייל זי דאַרף אונטערפאַלען וואַרשא.

2) אַז זיי, די היינטיגע פאָרשטעהער, זענען אויסגעוועהלט געוואָרען, לויט אַ זעהר אַלטען, היינט שוין, אַפילו אין רוסלאַנד, נישט פאַסענדיגען וואַהל־רעכט, וואָס האָט געגעבען די דעה נאָר, פערהעלטניס־מעסיג, פערמעגליכע לייט.

3) אַז געוועהלט זענען זיי געוואָרען נאָר צום פערוואַלטען מיט דעם וואָס עקזעסטירט שוין: חשבונות צו פיהרען, הכנסה והוצאה צו מאַכען, נעהמען געלד און געבען געלד און לויט אַ בעקאַנטען און בעשטעטיגטען בודזשעט, אָבער נישט אויפצוואַרפען אויף קהל אַ נייע לעבענס־פאָרם, פערבינדען דאָס יודישע לעבען מיט אַ נייעם אוסטאַוו. דאָס געהער צו זייער מאַנדאַט נישט, אויף דעם האָבען זיי קיין פאָלמאַכט פון קיינעם נישט! און אויך —

4) אַז די די קאָדענץ פון די היינטיגע פאָרשטעהער איז 1905 געענדיגט און ווען נישט דער קריעגס־צושטאַנד מיט די אונ־רוהען, דורך וועלכע די געמיינדע־וואַהלען זענען אָבגעלייגט גע־וואָרען, וואָלטען מיר פיללייכט שוין געוואוסט, אַז די געמיינדע האָט נישט דעם גאַנצען צוטרויען צו די רייכע, עהרליכע, גוטיגע, אָבער וועניג, אָדער גאָר־נישט יודיש געבילדעטע יעצטיגע פאָרשטעהער...

און אַז עס איז דעריבער אַ יושר:

צום בעטראַכטען דעם אוסטאַוו צו צורופען די פראָווינץ און אין וואַרשא אַליין — די ווירקליך יודישע אינטעלעגענץ. —

טראַ־אַ־אַך!

די דיקע מויערן ציטערן.

גאָטס דונער איז נישט אַזוי שטאַרק. ערדציטערניש, וואָלקען־ברוך!

— מאַדאַם!

זי הערט מיך נישט. זי ציטערט, די פינגער אין די אויערן, די אויגען שטאַר, דאָס געזיכט אָהן אַ טראָפּען בלוט.

אַ דיקער טראָפּען שוויים אויפ'ן שטערן, זי פאַלט טיעף אַריין אין פאָטעל.

— וואַסער! רוף איך, נאָר מיין שטימע ווערט פערדעקט מיט דריי גערדיכטע סאַלוועןן.

דאָס שיעסען האָט זי שוין נישט געהערט.

דער קערפער איז ווי אָבגעשטאַנען; אַ לייכטער שווידער לעשט זיך אוים ביי די פערבלאַסטע ליפען.

און נאָך אַ גאַנצער שטונדע, אַז זי איז קוים צו זיך גע־קומען, האָט זי, מיט אַ טרערען אָנגעזאַפּטער שטימע, געפרעגט:

— וואָס איז עס?

— קריעג, מאַדאַם!

— אָבער דער האַס! פון וואַנען נעהמט זיך דער האַס?

. . . .

— איהר ווילט ליעבשאַפט, מאַדאַם?

— ליעבשאַפט, באַרמהערציגקייט... האַרמאָניע...

— גוטע זאַכען, מאַדאַם!

האַרמאָניע, מלאכים־געזאַנג, הימעל־שפּיעל...

— ווי איז אָבער, מאַדאַם, אַז אַ פרעבע האַנד האָט די האַרמאָניע איבערגעריסען? אַז אין מיט'ן הייליגען ברידערשאַפט איז עמיץ געשעדיגט געוואָרען, בלוט איז פערגאָסען געוואָרען— דאַן, מאַדאַם...

— וואָס דאַן? פרעגט זי מיט נאָך־נישט בערוהיגטע אוי־גען, נאָר שוין מיט עטוואָס געררייטעלטע ליפען.

— דאַן, מאַדאַם, איז די ליעבע, די באַרמהערציג־קייט, דאָס אַלץ־פערצייהענדיגע ברידערשאַפט אַ פערברעכען!

— אַ פערברעכען?

— געוויס, לאָזט זי, די ליעבע, הערשען, די ווייבע־פערטרעטע, אייביג קישענדיגע ליעבע, וועט קיין ווייץ און קיין קאָרן נישט וואַקסען; זי וועט נישט לאָזען אויסרייסען די דערנער, און זיי וועלען פערדעקען דאָס פעלד. עס וועלען קיין פרוכטביימער נישט אַרויס, עס וועלען קיין בלומען און קיין

גאָרטען נישט שפּראָצען, ווילדע פלאַנצען און לעהרע ביימער וועלען פערנעהמען דעם פלאַץ. „ריהר נישט“! זאָגט די ליעבע.

און צעוואַקסען וועלען זיך אויך נאָר די מענשען-דערנער. די ווילדע מענשען-פלאַנצען... און פאַר גוטע, און פרומע, און ערדלע וועלען שטעהען תליות אין די גאַסען. וואָס וועלען געוואַשען ווערען מיט'ן עהרליכסטען בלוט... „ריהר נישט!“ זאָגט די ליעבע.

און ביי די תליות וועט זי שטעהען און מיט די גוטע, און פרומע, און עדלע ודוי זאָגען און פערשפּרעכען, וואָס איהר ווילט אויף יענער וועלט... די וועלט אָבער וועט זיך אייביג באָדען אין בלוט, אין בלוט פון די בעסטע, פון די שענסטע, פון די העכסטע...

— אַח, גאָט! רופט זי אויס דערשראָקען, און פערשטעלט די קוים אויפגלאַנצענדיגע אויגען מיט די מאַרמאָר-ווייסע הענד.

— גאָט, מאַדאַם, האָט זיינס געטהון. ער האָט אויסער ליעבע נאָך עפּיס בעשאַפען.

— וואָס?

— דאָס, וואָס איהר רופט האָס און איז ווירקליך נישט מעהר, אַלס גערעכטיגקייט!

דאָס פרעכע אינסטרומענט, וואָס האָט שלעכט אַריינגע-בלאָזען אין דער מענשליכער סימפאָניע מוז פערשטומט ווערען... די האַרמאָניע, וואָס איז צערשטערט געוואָרען מיט געוואַלט, מוז צוריקגעשטעלט ווערען מיט געוואַלט!

זי נעמט די הענד פון די אויגען אַוועק.

— און דאַן? פרעגט זי. אַז זי וועט צוריקגעשטעלט ווערען?

— דאַן, אויב עס וועט אַמאָל געשעהען, זאָל הערשען די ליעבע!

די וועלט, ווי געזאָגט, איז די אַלטע...

עס האָבען זיך נאָר געענדערט די אויסרופען, די קלינגענ-

דיגע ווערטער, די אַרט, לויט וועלכער יעדער פּאַרטיי-מענש, יעדער פּאַרטיי-קאָמי-וואָיאַזשער רופט אין זיין געוועלבל אַריין, איז פערענדערט געוואָרען — דאָס פּאַרטיי-מאַטעריאַל — דער מענש האָט זיך נישט געענדערט...

און ווייל דער מענש האָט זיך נישט געענדערט, ווייל ער, מען זאָל איהם גלויבען! ווער עס האָט אַ לעערע קאַסע, מוז לעבען אויף קרעדיט! מוז אונטערשרייבען וועקסלען, און גאַנץ אָפט — פאַלשע וועקסלען, וועלכער ער האָט גאָר נישט בדעה צו צאָהלען!

איך רעד שוין נישט פון דער ביוראָקראַטיע (שפּייט אוים דריי מאָל!) וואָס בערוהיגט דאָס פאָלק מיט פּאָגראָמען... פון שטאַטס-מענער, וואָס צוטיילען צווישען פרייהייטס-הונגעריגען פאָלק מעניו-צעטעל, וואו עס ווערען אויסגערעכענט אַלערליי מאכלים טובים, און רעכנען גאָר נישט צו דערלאַנגען, און דעקען אפילו נישט דעם טיש, און הייצען אפילו נישט אונטער די קיך...

איך רעד גאָר פערקעהרט פון צד שכנגדו... זאָלען די שטאַרבענדיגע בעגראָבען זייערע טויטע, איך רעד פון לעבענדיגע, פון די, וואָס געהען אַקעגען דעם נייעם לעבען און רופען עס אַרויס פון אַלטען ביוראָקראַטישען תהו ובהו, פון די, וואָס רופען אַלע 5 מינוט „לחיים!" און נישט איבער'ן בעכער פון ביוראָקראַטישען בלוטיגען וויין, נאָר לחיים קאָנסטיטואַנטע, לחיים דער אַכט-שטונדיגער אַרבייטס-טאָג און — לחיים וואַרשע-ווער קאָנסטיטואַנטע!

פון פּ. פּ. ס. רעד איך!

פּ. פּ. ס. פערלאַנגט פון מיר אמונה, אַז דעמאָלט, ווען עס וועט אויסגעפיהרט ווערען איהר פּאָליטישער פּראָגראַם וועט זיין פריי, אַלעם פריי, יעדעם פאָלק, אַפילו יעדע איינצעלנע אינדיווידואַליטעט; — „מיר — זאָגט מאַדאַם ס...קי, די געוועזענע ג—ע מיט איהר קלינגענדיגער, אַריינשלייכענדיגער שטימע, — מיר פּ. פּ. ס., אַז מיר וועלען זיעגען, וועלען נישט זיין אַזוי קליינליך, אַזוי ענגהערציג עמיצען אין זיינע געוועהנהייטען צו

שטערען, מיט געוואַלט זיין געשמאַק צו ענדערן, זיין פריי־וואָרט צו שמעהלען" — און דער מיטינג־זאַל, דער פּ. פּ. ס.־עולם פּאַטשט: בראַוואָ! עס הייסט: אַודאי! און אויף דעם זעלבען מיטינג ענדערט דאָס פּ ר ע ז י ד י ו ם פון פּ. פּ. ס. מוטווילינ די ר י י ה ע פון די אויסגעטיילטע שטימען... רוקט אָב די נישט פּ. פּ. ס.־שטימען, וואָס ווייטער און ווייטער, און בשעת עס לאָזט די פּפּ"ס־לייט רעדען, ווי לאַנג זיי ווילען, חאָטש די אויערען אין זאַל ווערען געשוואָלען, בעגרעניצט זי די צייט פאַר נישט־פּפּ"ס־רעדנער...

פּ. פּ. ס. פערלאַנגט פון מיר אמונה, אַז דער נאַציאָנאַל־קאַמפּף איז גאָרנישט, כמעט גאָרנישט, דער עיקר איז דער קלאַסען־קאַמפּף, וואָרום די ערשטע „פּ" פון „פּפּ"ס", די נאָל, וואָס שטאַרט פון זאַק אַרויס, איז, אויב נישט נאָר לנוי, כלל וכלל נישט לתשמיש, עס געהט נאָר וועגען דעם, וואָס די „סמך" מוז בעצייכענען די גרעניצען פון טעריטאָריום, פון דעם פּלאַץ, וואו דער פאָלק וואָס איז נישט מעהר, אַלס אַ טייל פון דער אַלגע־מיינער פּראָלעטאַריער־אַרמעע שטעהט! און דער פּאַראָל איז: פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פעראייניגט אַייך! וואָרום דאָס בלוט־פערבאַנד, דאָס נאַציאָנאַלע געפיהל, איז ביי איהם פיעל שוואַכער אַלס דער קלאַסען־פערבאַנד — די סאָלידאַריטעט פון אַלע פּראָלעטאַריער, — און דאָך וויל זיך פּ. פּ. ס. אויף קיין פאַל נישט אויסגלייכען מיט ס"ד און „בונד", וואָס פערלאַנגען עס זאָל זיין איין קאָנסטיטואַנטע אין פעטערבורג פאַר אַלע פּראָווינצען, וואו אַלע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען וועלען זיך צוזאַמען־האַלטען און אויסרייסען פון ביוראָקראַטישען האַלז, די גאַנצע, פאָלקאָמענע פרייהייט פאַר אַלע פעלקער, די ווייטסטע אויטאָנאָמיע פאַר פעלקער טעריטאָריאַלישע און אַ קולטורעלע אויטאָנאָמיע פאַר עקס־טעריטאָריאַלע פעלקער! און פּ. פּ. ס. פערלאַנגען, נישט קוקענד אויף דעם, וואָס זיי שעדי־גען די פעראייניגונג פון פּראָלעטאַריאַט, אויף אָרט־און־שטעל אַ עקסטראַ קאָנסטיטואַנטע פאַר פוילען, גאַנץ גוט וויסענדיג, אַז אויב די פּראָווינצען, וואָס רייסען די בלוטיגע פעדעם, מיט וועל־בע די געוואַלט האָט זיי צו גענעהט צום אימפעריום, וועלען זיך

אָבטרענען צופריה, ווען אין די אַנדערע גובערניעס דער פּראָלעטאַר־יאַט, צוזאַמען מיט די ראַדיקאַלען און ליבעראַלען, ווערען אַזוי אָבגעשוואַכט, עס ווערט זיך אַפּילו נישט לוינען אַרויסצושטעלען קעגען זיי עטליכע חוליגאַנעס...

איך פּערזענליך האָב איך גאָרנישט דאַגעגען, וואָס דאָס בלוט פּולסירט אָפּט שטאַרקער און דאָס נאַציאָנאַלע געפיהל רופט העכער, אַלס עס ווילט זיך אַמאָל דעם טעאָרעטישען גע־נאָסען פון פ. פ. ס.! נאָך וואָס אָבער פערלאַנגען פון מיר גלוי־בען אין דעם, אין וועלכען ער גלויבט אַליין נישט?

פ. פ. ס. פערלאַנגט נאָך קרעדיט אויף עפּעס אַנדערש: עס וויל מיר איינרעדען אַז עס האַלט מלחמה נישט נאָר מיט דער פינסטערער נאַראָדאָווער דעמאָקראַטיע, נאָר אַפּילו מיט'ן קלויסטער שלאָגט עס זיך! וואָרום נישט נאָר די נאַראָדאָווע דעמאָקראַטיע וויל טאַנצען איהר אייגען מענועל אויף די שאַנצען פון דער אַלטער פעסטונג, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט איינ־גענומען מיט הונגער, שוויים און בלוט, נאָר אויך די גייסטליכ־קייט וויל אַריינשטעקען איהר פאָהן אויף דער שאַנץ. — „אוועק מיט'ן קלויסטער!“ רופט פ. פ. ס. און ווייטער: „לעבען זאָל דער רעדנער!“ די פילהאַרמאָניע ציטערט! וואָרום באמת, „די ליעב־שאַפט, דאָס ברודערשאַפט, וואָס דער גלח פּרעדיגט, איז נאָר אַ הוילער, פּוסטער קלאַנג! — זאָגט ווייטער דער רעדנער, — דאָס איז די פאַלשע שלאַנג, וואָס וויל פערזינדיגען דעם פּראָלעטאַריאַט, ער זאָל נישט קאָנען קומען אין זיין גן־עדן אַריין“... און נאָך אַמאָל: בראַוואָ! הענד ווערען געשוואָלען, פ. פ. ס. ברולט ווי אַ לייב! און פּלוצלונג, שאַ! עס ווערט שטיל אין זאַל, ווי אויף אַ בית־עלמין, די פערשוויצטע פּנימער ווערען פערקלערט, די אויערן שפּיצען זיך און ציהען זיך ווי־קעגען שופר של משיח, די אויגען ווערען פול האָפנונג, פריידע, תענוג און שטראַהלען מיט אַ וואונדערליכען גלאַנץ פון אונטער־געבענקייט און עהרע... וואָס איז? ווער רעדט, וואָס מען הערט'ן אַזוי? ווער רעדט, וואָס זיינע רעד צוגיעכען זיך אַזוי אין די הערצער, אין די העלדענ־הערצער פון פ. פ. ס.? עס

רעדט אַ גלח, אַ מניח! און פון וואָס רעדט ער? פון דער זעלבער קלויסטער־ליעבע, וואָס איז ערשט נישט לאַנג אויסגע־לאַכט געוואָרען, געטויט און בעגראָבען געוואָרען?

און פ. פ. ס. פערלאַנגט פון מיר אמינה, אַז זי מיינט מיך אויך, אַז מיך, מיך אָרימען יוד וועט עס אויך פערזאָר־גען; אַפילו אין די ביכלעך פון פ. פ. ס. ווערט געשריבען, ווערט געדרוקט. אדרבה, יודען זענען אויך מענשען... און איך זעה, זיי זענען מענשען! אין דער שפיץ פון פ. פ. ס. שטעהען, ברוך השם, אַסך, אַ סך יודען און יודענעס... אויף אַכט אָפיציעלע פאַרטיי רעדנער — 6 געבוירענע יודען און יודענעס!

רבונו של עולם, — טראַכט־זיך נישט איין יודישער פראָלעטאַריער אין זאַל — נאָך וואָס זאָל עקזיסטירען דער בונד? נאָך וואָס טיילען זיך?

און פונדעסטוועגען, פינדעסטוועגען איז דאָס וועקסעל, וואָס פ. פ. ס. שרייבט פאַר אונז אונטער, נישט קיין רעכט וועקסעל... דאָס איז אַ באַנקנאָט, וואָס די קאַסע פון פ. פ. ס. קאָן נישט און האָט גאָר בדעה נישט צו צאָהלען...

ערשטענס — ווערט דער באַנקנאָט געוויזען נאָר אונטער 4 אויגען... אין דער רעזאָליוציע ווערען מיר נישט דערמאָנט! די פיינסטע און שטאַרקסטע רעדנער, וואָס רעדען פון פעלקער־בעפרייאונג, האָבען, אויסרעכענענדיג אַלע פעלקער, וואָס פ. פ. ס. וועט און מוז בעפרייען — מיך נישט גערעכענט, מיין פאָלק נישט דערמאָנט... און, ווי געזאָגט, נישט נאָר פון פראָלעטאַרישע אינטערעסען איז גערעדט געוואָרען! סיעראָ־שעווסקי האָט גערעדט, און מיט בעגייסטערונג גערעדט, וועגען דער גרויסער און פיינער ראָלע פון נאַציאָנאַליטעטען און ווייטער מיך און מיין נאַציאָן נישט דערמאַנט. איך גלויב זיין האַרץ! עס איז גוט, עס איז ווייך, עס איז ערליך און ער־האַבען, נאָר ליפען האָט ער וואונדערליכע: זיי קאָנען דאָס וואָרט יודישע נאַציאָנאַליטעט, אויב עס הייבט זיך אויף פון האַרץ, נישט דורכלאָזען, עס וועט ערגעץ פערלוירען אין דער הייל פון

טויל, אין אַ לאָך פון אַ שלעכטען צאָהן, אָדער דערשטיקט אין האַלז...

איך גלויב נישט פ. פ. ס. און גלויב נישט טאַקי דעריבער, ווייל עס האָט צווישען די פאָרשטעהער אַזויפיעל יודען פון געוויסען סאָרט, און צווישען די אָפיצעלע רעדנער אַזוי פיעל פון די זעלבע יודען! ווייל איך קען די יודען, איך קען די אַלטע קנעכט, די אַלטע פאָלקס־פערקויפער, נאַציאָנאַל־הענדלער — די אַלטע אַסימילאַטאָרען!

די גרעסטע ווייבערישע זייל, אויף וועלכער דאָס הייליגטום פון פ. פ. ס. הייבט זיך, אַ געבוירען יודיש קינד, האָט גערעדט נישט נאָר אין פילהאַרמאָניע, נאָר אויך ערגעץ אַנדערש... און דאָרט האָט זי ערקלערט, אַז זי איז אַ „פאָלקאַ" ווייל אַ פאָלאַק איז ניט קיין בלוט־בעגריף נאָר אַ בעוואוסט־זיין־בעגריף; „די, וואָס פיהלט זיך אַלס פאָלקאַ, איז עס!" — מיר קענען דעם „געהערטען" הער פ... נאָר גענוג מיט נעמען!

דערמאָנען מוזען מיר נאָך איין יודיש געבוירענעם רעדנער פון פ. פ. ס., וואָס האָט נאָר דאָס רענדעל געטוישט! דער האָט געזאָגט: „חברים, צי איז צייט צו רעדען וועגען פעלקער־שאַפטען דעמאָלט, ווען מען רעדט וועגען פראָלעטאַריאַט?" דעם קענען מיר אויך!... ערגעץ אַנדערש האָט ער אונז געזאָגט: „איך בין מודה, איך האָב צוויי נשמות, איינע אַ פּוילישע און די צווייטע (הערט: די צווייטע!) אַ יודישע"... און ער האָט רעכט דעריבער, וואָס ער וויל נישט רעדען פון דער נאַציאָנאַל־פראַגע, ער וויל זיך נישט ווייזען פאַר'ן עולם אַלס אומרוה, וואָס רידערט זיך אַהין און אַהער, פון איין נשמה צו דער צווייטער! אַלס לעדערנער דישעל, וואָס איין נשמה שלעפט אַהער און די צווייטע אַהין!

— און הער ד.? אייגענטליך נישט הער ד. נאָר גענאָסע ד.! עס איז איין אַרבייטער, אַ יודיש געבוירענער אַרבייטער! אַלס אַרבייטער פרעהט ער זיך, און קאָן די פרייד אין זיך נישט בעהאַלטען און מוז די שמאַטע אויפ'ן זאַל אַרויסוואַרפען, — ער פרעהט זיך, אַז ער, דער איינפאַכער אָרימער אַרבייטער האָט די זכיה צו זיין אין פילהאַרמאָניע, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען

נאָר פאַר רייכע לייט ... דער רעדט שוין אַפּילו יודיש אויך, דער מוז שוין בעריהרען מ י ך אויך ...

„און עס איז — זאָגט ער — אַ יודיש, פאָליטיש פריי פאָלק געווען! נאָר במשך דער צייט זענען פערשיעדענע פערענדערונגען געוואָרען ...״

על כן? צי זענען מיר אַ פאָלק צי ניין?

קיין תשובה קאָן ער נישט געבען! וואָרום — וואָרום פ. פ. ס., ביי וועלכער די „פ.״ וואַקסט מיט יעדער סעקונדע אויפ׳ן חשבון פון „ס״ — האָט קיין צייט נישט צו אַזעלכע נאַרישע פראַגען!...

רבותי, איך גלויב נישט! איך וועל נישט גלויבען פ. פ. ס. כל זמן זי וועט האָבען אין זיך אַזוי פיעל יודען פון געוויסען סאָרט, יודען יונגע נאָר אויסגעפּוילטערע אַלס אונזערע לאַנג געשטאָרבענע און בעגראָבענע שענקער און פריצישע פאַקטוירים. און איך ראָט אויך דעם יודישען פּראָלעטאַריאַט: גלויב נישט! דיין אָרט איז אין אַ יודישער אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע!

היט דיך — זאָג איך איהם — פאַר פ. פ. ס. כל זמן ער האָט אויף זיין לייב די אַלטע יודישע אַסימילאַטאָרישע מכה!

וואָס איז די וועלט?

אַ פּאָדערהייזעל צו י ע נ ע ר! דאָ געהט מען פ אָ ר ב יי, דאָרט בלייבט מען.

דאָ אַרבייטען? דאָ ליעב האָבען? דאָ אויף מ אָ ר ג ע ן און א י ב ע ר מ אָ ר ג ע ן רעכענען?

זאָלען מיליאָנערען זיך מאַרמאָרענע מאָנומענטען בויען; פאַר אונז אָרימע איז גענוג אַ דין און שמאָל ברעטעל צוקאָפּענס...

און מען לעבט „אַבי ווייטער״, „אַבי איבערצוקומען״...
ערב יום טוב זיפצט מען אָב: שוין נאָך יום טוב!

צום מאָרגענס, מען עפענט קוים די אויגען אויף, קלערט מען שוין: ווי אַזוי וועט מען איבערלעבען דעם טאָג, און פאַר'ן שלאָף הייבט מען אויף די הענד: געלויבט איז זיין ליעבער נאָמען — איבערגעלעבט אַ טאָג!

פערקירצען זיך די צייט אין פאָדערהויז טאָר מען נישט. דעם פאָרעם איבערהאַקען טאָר נישט קיין יודישע האַנד — ווי לאַנג גאָט וועבט, וועבט ער — בעל כרחך אתה חי — לעבט מען איבער דאַנק. דערהאַלט מען דאָס לעבען מיט „אבי וואָס" פערביסען מיט „וואָס עס איז".

און ברענגט די מארק־יודענע אַ היהן אין שטוב אַריין, נעהמט די בעל־הבית'טע די היהן אין האַנד אַריין, טאַפּט זי און וועגט, און פרעגט: וואָס וועל איך אָבקומען מיט איהר?

און זעהט איהר עפּיס שיינט, פליהט אַייך דורך פאַר די אויגען אַ גלאַנץ, איז עס אַיין אַטלעסענע קאַפּאָטע — לשם מצוה. פאַר יענער וועלט, אַ בגד לשבת ויום טוב...

אַבי וויימער...

קינדער־יאָהרען זענען אַ פאָרשפּיעל צו דער חופּה... און קומט דער חופּה־טאָג, טהוט מען אָן דעם חתן תכריכים. חתן־כלה פאַסטען און זאָגען ודוי — זיי גרייטען זיך שוין צום טויט...

און די ערשטע גרויע האָהר?

אַ „פּאָוויעסטקע צום „בית־דין־של־מעלה!" דין וחשבון גיב אָב!

און — „לעב גוט, וועט דיר לייכט זיין דער טויט" און „געדענק אינ'ם טויט, זאָלסט קענען גוט לעבען" — דאָס איז די מאָראַל...

מענשען וואַנדער'ן, מענשען שטאַרבען. קהילות בויען זיך, קהילות ווערען חרוב. די שפּראַצען, יענע וועלקען ..

אַבי ווייטער!

געשעפּטען אויף ניין-און-נײַנציג יאָהר?

אַ וועלט פערזאָרגען?

געמויערטע צדקות?

ערגיץ אײַנוואָרצלען זיך? צווײַ גלות-בלימעלעך שפּראָצען אין יודישען הארץ: „אַבי-ווייטער!" און „אַבי איבערקומען!"

לעבענדיגע שטעהען נישט פעסט; מתים וואַרטען אויף גלגול מחילות... ווער עס וויל זיכערער געהען — קריעכט אויף אַלע פיער!

טאַנדעט.

אַלץ איז טאַנדעט: דאָס לעבען, דער האַנדעל, די אַרבייט...

אָהן ליעבשאַפט, אָהן זיכערקייט — אָהן מאָרגען און שפּעטער — ציטערדיגע שאָטען, ציטערדיגע און האַפּענדיגע...

פון דער לופט אין דער לופט אַריין...

אַלץ איז נע ונד; דער יוד, זיין אַרבייט, זיין לעבען, זיין פּאָליטיק... אין אָרט, ווי אין דער צייט... צווישען „קויפען" און „פערקויפען" האָט דער סוחר קיין צייט נישט אָבצואָטעמען... אָבהאַלטען, אויסהאַלטען איז ער נישט אימשטאַנד...

אויסגעלערנט אַ שטאָך מיט דער נאָדעל, חתונה געהאַט. אַ ווערק-שטעל געעפענט — אם לא עכשיו, אימתי? אָפען שטעהט די גרוב און וואַרט!

אַלץ איז אויף דער מינוט און פאַר דער מינוט: מיד ליד, פון האַנד צו האַנד... אַבי ווייטער!

צדקות ומעשים טובים, פּאַרטיי-לעבען, פּאָליטיק — האַלבע מיטעל, פּירטעל מיטעל, צווימען, פעדעם...

די „כנסת ישראל" זיצט און לאַטעט און צערעוועט... אַבי איבערצוקומען...

און דאָס זעלבע: ליטעראַטור... קונסט...

דער שטריך, די סקיצע, אַ מאָמענטעל, אַ פּאָרטרעטל, אַ בליץ־אויפנאַהם — וואו איז דאָס ווערק?

דער פויער אַקערט אָב און וואַרט... זייעט אָב און האָפט... דער זאָמען גערט אויף, ער קוקט, דאָס האַרץ קוועלט, — ער וואַרט; גאָלדען ווערט די זאַנג, דעמאָלט ערשט קומט ער מיט דער קאָסע!

מיר שניידען נישט גאָלדענס נאָר „גרינס"... אָפט רייסען מיר מיט די נעגעל פון דער פייכטער ערד אַרויס די קוים־אויפגעשוואָלענע זאָמען און באַקען!

טאַנדעט: „וואָס עס איז" מיט „אַבי וואָס"... גראָזען! די שפּראָצען, יענע וועלקען — ווען וועלען ביימער וואַכסען?

די אַלטע „יחידי סגולה", די עטליכע אָבגעשטאָרבענע, פערשטיינערטע צעדער אויף'ן לבנון, קוקען אַראָב צו אונזערע גרעזעלעך און זיפצען: דאָס זענען אונזערע עניקלעך!...

... און מיינט נישט, אַז איך זעה נור אייערע רוקען און מיך פערבלענדט דער שטויב פון אונטער אייערע פיס.

איהר האָט מיך נישט אויסגעמידען; אום מיט ליעבשאַפט אַ בליק צו וואַרפען אויף אייערע בלאַסע פנימער און פלאַמענדיגע אויגען, מוז איך מיך גאַנץ אָפט אומקעהרען...

צווישען אונז איז דער שטרייט פון „מאָרגען" און „איבערמאָרגען"...

איך בין דער זוהן פון אויסדערוועהלטען איביגען וואַנדער־פאָלק...

און מיט'ן „אויסדערוועהלטען" איז מיין ערנסט; מיין בלוטיגער, מיין טראַגיש־שטאָלצער ערנסט.

אונז האָט מען אויסדערוועהלט צו שאַנד און שפּאָט, צו

וואונד און וועה, צו שלעג און פיין; מיר זענען די שוואַכסטע און די מינדסטע...

איהר פיהלט עס נישט? איהר זייט ספּעציאַליסטען פון קלאַסען־וועה...

עס ליעגט אַ מענש אין גאַס און קאָן אויסגעהען אָהן הילף צווישען ספּעציאַליסטען. ער איז אָבגעשוואַכט און פּאַכט מיט דער נשמה —

— נישט מיין זאַך, אַ צאָהן־דאָקטאָר בין איך!

— נישט איך דאַרף עפּיס טהון, איך היול נור נעז...

איין אַנדערער איז אַ מבין ספּעציעל אויף אויערן, נאָך איינער פערנעהמט זיך מיט הויטקראַנקהייט, איינער זאָגט:

— מיין פאַך איז דער מאָגען!

און דער מענש פּאַכט דערוויייל מיט דער נשמה און קאָן שטאַרבען.

. . . .

מיין פאָלק האָט מען אויסדערוועהלט צו שאַנד און שפּאָט, צו וואונד און וועה, צו שלעג און פיין; אָבער עבען דערמיט טרייבט מען איהם צו דער וויטסטע מעטע פון דער מענשליכער גערעכטיגקייט, צום וויטסטען פּאָסטען אויפ'ן וועג פון דער מענשליכער פרייהייט, צום לעצטען זיעג איבער די פהיזישע מאַכט, איבער'ן פהיזישען צוואַנג, און — די „מעהרהייט", אין וועלכער נאָמען איהר רעדט און וועלכע איהר ווילט בענליקען, איז אויך נאָר איינס פון איהרע געשטאַלטען.

מיט קין'ס סטעמפּעל האָט מען מיין פאָלקס שטערן געצייכענט און דערמיט צום אייביגען וואנדערן פערשאָלטען און — געבענשט.

איהם האָט מען מיט געוואַלט אַריינגעשטעקט די רויטסטע פאָהן אין די הענד און גערופען:

— געה! אַלץ וויטער און וויטער געה, מיט אַלע בעפרייער, מיט אַלע צוקונפטס־קעמפּפער, מיט אַלע סדום־איבער־קעהרער... נור בלייבען שטעהען מיט זיי, קענסט דו נישט... די ערד וועט ברענען אונטער דיר!

— אויף שריט און טריט צאָהל די בלוטיגסטע קאָסטען פון יעדען בעפרייאונגס־פּראָצעס, נור אין די בעפרייאונגס־דעקרעטען ווער וועניג, זעלטען אָדער גאָר נישט דערמאָנט...

די געה און בלוטיג ווייטער!

— די ביסט דער שוואכסטער און דער מינדסטער און וועסט אויסגעלעזט ווערען ערשט צו אַלערלעצט...

— אַזוי לאַנג, ווי עס וועט בלייבען אַ שטיין פון אַלטע מויערן, וועט ער ליגען אויף ד י י ן אַקסעל און דריקען!

— אַזוי לאַנג, ווי עס וועט בלוט פערגאָסען ווערען, אַ ווילען — אונטערדריקט, אַ פליגעל — אונטערגעשניטען, — וועלען עס זיין ד י י נ ע פליגעל, ד י י ן ווילען, ד י י ן בלוט...

די וועסט בעפרייט ווערען ערשט צו אַלערלעצט, ווען דער מענש וועט בעפרייט זיין פון דער ערד! ווען פון מענשען־ווערם וועלען מענשען־אָדלער ווערען.

שטאָלציערט נישט מיט אייער רויטער פאָהן, זי איז נור דער שוואַכער אָבגלאַנץ פון דער בלוטיגער פאָהן אין דער האַנד פון אויסדערוועהלטען פאָלק!...

פון פאָלק, וואָס איז פערשאָלטען און געבענשט געוואָרען, אויסגעלעזט צו ווערען צו אַ ל ע ר ל ע צ ט, צו זיין דער אייביג בלוטענדיגער, אַמוויטססטען געהענדיגער אַנטראַג, וואָס ווערט נאָך אין דעם לעבען געשטעלט...

מיט מיין פאָלק געה איך. פון גלאַנץ פון זיין פאָהן פלאַמט מיין נשמה און א י ך רוף: יודען פון אַלע לענדער און פעלקער, פעראייניגט אייך... לאַנג און געפעהרליך איז דער וועג — האַלט אייך צוזאַמען!

דאָס לעבען אַרום אונז וואַקסט, ווי אַ גוט איינגעזייעדטע טייג, נאָר ביי אונז איז שטיל — כמעט שטיל, ווי אין די אַלטע גוטע צייטען...

פפ"ס פערזאמעלט אין פילהארמאָניע טויזענדער און טויזענ־דער — עפענטליך און קרעפטיג הערט זיך איהר וואָרט, איהר שמעטערנד וואָרט; בעהאלטען און בסוד־סודות זענען די מיטינגען פון אונזער „בונד"...

נ"ד (נאַראָדאָווי דעמאָקראַטען) שווייגט נישט — מיטינגען און דעמאָנסטראַציאָנען — פאַר וואָס שלאָפען אונזערע ציוניסטען?

„אָהן אונטערשיעד פון גלויבען" האָט זיך געעפענט אַ געזעלשאַפט צו לערנען, לעזען און שרייבען, „אויס אַנאַלפאַבעטען!" ווערט גערופען, און פון הויז צו הויז, פון טהיר צו טהיר געהען אַרום אינטעלעגענטען און אינטעלעגענטקעס און פרעגען זיך נאָך: נישט דאָ עמיץ אין הויז, וואָס קאָן נישט שרייבען. נישט לעזען און האָט חשק זיך צו לערנען? און מען לערנט אומזיסט, מען גיט ביכער אומזיסט און שרייב־געצייג אומזיסט, און מען בעט זיך רחמים: לערנט אייך! אַ פאָלק, וואָס וויל אויפלעבען, מוז קענען לעזען און שרייבען!

וואו איז אונזער חברה „אַלף־בית"! — וואָס טהוען אונזערע אינטעלעגענטען?

אַ לעהרער־פעראיין, אַ שוהל־פעראיין, — אויף דער גאַנצער ליניע געהט אַ מלחמה פאַר פויליש, פאַר דער פאָלקס־שפראַך! מען דאַרף בעפרייען דאָס שוואַכע קינד פון דער דאָפעלטער יאָך צו לערנען אין אַ פרעמדער שפראַך! — פויערן אין די דערפער נעמען זיך צוזאַמען, טרייבען אַרויס די פרעמדע שרייבער, די פרעמדע לעהרער — פויליש מוז זיין די שוהלע.

ווער שטרייט פאַר יודיש?

די חברה „בעלי בתים" האָט זיך געווענדט צום מאַגיסטראַט און געבעטען, דאָס מאַגיסטראַט זאָל געבען זיינע לאָקאַלען אויף פאָרטרעגע פאַר'ן פאָלק. דער גענעראַל ביביקאָוו האָט צוגע־זאָגט, — צו די פאָרשטעהער פון דער יודישער געמיינדע האָט זיך קיינער דאַרום נישט געווענדט...

פאַר'ן פראָסטען פאָלק ווערט געעפענט אַ פריי אוניווער־זיטעט, מיט'ן צוועק:

אויפצוהייבען די בילדונג פון דער מאַסע;

פערטיעפערן די קולטור צווישען ארבייטער און געזועראבסלייט;

צו געבען זיי די מעגליכקייט זיך אָרענטליך און געהעריג צו פערוויילען!

צו'ם דעם צוועק ווערען איינגעפיהרט:

סיסטעמאַטישע, אַלגעמיין בילדענדע פאָרטרעגע.

עפענטליכע, פאָפולער־וויסענשאַפטליכע פאָרלעזונגען פאַר גרויסע מאַסען.

ספעציעלע פאָרטרעגע און פאָרלעזונגען אין פאַבריק־שוהלען — —

אויסער דעם וועט מען פערמעגליכען דעם „פראָסטען עולם" דאָס בעזוכען פון מוזעען, אויסשטעלונגען, פאַבריקען און אַלגעמיינע עפענטליכע אַנשטאַלטען... אָרגאַניזיערט וועלען אויך ווערען רעדלעך (קרייזען) פאַר טעאַטר, כאָר און אָרקעסטער...

וואו איז **אונזער** פאָלק־הויז, **אונזער** טאָמביי־האַלע?

דאָרט וועקט זיך דאָס נייע פרייע לעבען, די גייסטליכקייט קען אויך שוין נישט שלאָפען ווי אַמאָל. עס איז די טעג אַ מיטינג פון גייסטליכע געווען. און ווייסט איהר, וועגען וואָס זיי האָבען געקלערט און וואָס זיי האָבען בעשלאָסען? נישט וועגען הימעל־זאַכען! נישט וועגען הכשרים אויף וואָס עס איז!

זיי האָבען געקלערט, ווי אַזוי מיטצוווירקען מיט'ן פאָלק...

דער גייסטליכער, האָבען זיי בעשטימט, איז נישט בעפרייט פון פפליכטען קעגיג לאַנד און פאָלק...

זיי האָבען פראָטעסטיערט קעגען זייער אָפיציעלען אָרגאַן אין וואַרשאָ, וואָס בעשעפטיגט זיך נאָר מיט דינים פון תענית און מנהגים פון קלויסטער און ווייסט גאָר נישט, וואָס צו זאָגען, וועגען דעם נייעם לעבען, וואָס וועקט זיך אַרום און אַרום!

זיי האָבען בעשלאָסען צו שטרייטען צוזאַמען מיט'ן פאָלק פאַר דער אויטאָנאָמיע פאַר פוילען... פאַר אַ ריין פוילישע אַדמיניסטראַציע, פאַר דער פוילישער שפראַך, פאַר אַ וואַרשעווער קאָנסטיטואַנטע! און געוועהלט זאָל זי ווערען **אַלגעמיין**, גלייך, אונמיטעלבאַר און געהיים...

און דעם אַרבייטער — זאָגט די גייסטליכקייט — טאָר מען

פון האַנד נישט אַרויסלאָזען; מען דאַרף דעם סאָציאַליזם אַריינ-נעמען אין קלויסטער, וואָרום — הערט, הערט! — וואָרום **אַלץ דאַרף זיין פאַר'ן פאָלק און דורך דעם פאָלק!**

און דעריבער — זאָגט די גייסטליכקייט, — מוז מען הויבען די מאָראַלישע און עקאָנאָמישע לאַגע פון פאָלק, זיין נאַציאָנאַל-געפיהל — פערטיפערען, ערוועקען אין איהם דאָס געפיהל און דאָס געבריוך פון זעלבסט-הילף — — —

און אונזער „ראַדאָמער רב" לאָזט אַפילו צו שלשים נאָך די פאָגראָמען נישט פאַסטען — —

פאַר וואָס געהען פערלוירען די יודישע פאָלקס-ליעדער?

פאַר וואָס מוזען יודישע טאַלענטען שפּיעלען „בר כוכבא" און „אשה רעה"? וואו זענען אונזערע יודישע אויסגאַבען?

אין צוזאַמענקומען קען מען זיך נישט; די „דייטשע שוהל" איז פערהאַמערט, די „גמינע" פערשלאָסען, און דער עולם שלאָפט . . .

עס פלאַצט.

דער שטורם רייסט דעם דאַך. אייזערנע טאַראַנען לעבערן די ווענד, דער לאַנג פוילער פונדאַמענט צורודערט זיך — —

„מפי עוללים ויונקים" — קינדער מאַרשירען מיט רויטע פעהנער אין די גאַסען; הייבט די מיצען אַלטע, קלוגע, פאַר-זיכטיגע לייט! עס האָט זיך שוין געפונען אַ ווייבער קאָזאַק, איין אֶמת'ער „קאָזאַק הנגול", וואָס האָט נישט געוואָלט שיעסען! „זאַציעם? — פוסקאַיי סאָביראַיוטסיא!"

דער פלאַט שטעהט אין פייער — מיליטערישע מוזיק ציהט דורך די גאַסען מיט מאַרסעליאַנקעס! סאָלדאַטען לעזען מאַרקס אין די קאַזאַרמעס — מיט פאָליטישע פאָדערונגען טרעט אַרויס די פאָליציי; באַ! אַפילו קנעכט ביי קנעכט, וואָס דיענען אַנדערע קנעכט — די „ציניאָווניקים" פון דער וואַרשאַווער גמינע, צוזאַמען אַפילו מיט די קברנים פון ד'הייליגען אָרט, אָרגאַניזירען זיך, דעלעגאַטען שוין געקליבען! — אַלץ פלאַמט. רעוואָלוציאָנערען ברענען,

אין העלען פייער שטעהען פראָווינצען! אין די פינסטערסטע ווינקעלעך פון מענשליכען לעבען בעווייזט זיך ליכט! ביים ליכט איז דער עולם בודק חמץ, ווארפט־ארויס דעם אַלטען שימעל, דאָס אַלטע, דאָס פוילע, דאָס שרעקענדיג־ציטעריגע, דאָס שוואַרצע, מיט די פערלעגטע הענד, פערוויינטע אויגען, דאָס אייביג האָפענדיגע און נישט טהוענדיגע — —

אַ נייעם לעבען שפּינט זיך, וועבט זיך אויף דער חורבה פון אַלטען — —

און מיר וואו זענען מיר?

— אַם ראַדיקאַלסטען — זאָגט מען — זענען יודען! אָהן אַ קלער צו טהון רייסען זיי דאָס אַלטע, אָדער העלפען עס איינצורייסען, אָהן רחמנות שטורמען זיי אַלע אַלטע לעבענס־פאָרמען. אַלע עקאָנאָמישע און מאָראַלישע אינסטיטוטען: ווייל אַלץ האָט זיי נור געדריקט, געשטיקט און געוואָרגען. זיי קענען דאָס פערגאַנגענע נישט ליעב האָבען, ווייל דאָס איז דורכגעזאַפּט מיט זייער קריוודע; דאָס געהענדיגע — נישט בעדויערען, ווייל עס איז מיט זייער בלוט בעשפּריצט!

אַזוי זאָגט מען, און דאָך — וואו זענען מיר?

מיר יודישע שרייבער, וואָס דאַרפען געהען פאָראויס? וואו איז אונזער אָרגאַניזאַציע? פאַר וואָס זענען מיר צעשפּרייט און צעזייט ווי די שעפּסען?

וואו איז די „אַגודת סופרים”? דער „שריפט־שטעלער־פערבאַנד”?

צי האָבען מיר קיין אינטערעסען, מאָראַלישע אָדער עקאָנאָמישע, אַרום וועלבע מיר דאַרפען זיך זאַמלען?

גלויבען מיר נאָך אין אַלטען, דריקענדיגען, פינסטערן, וואָס טיילט, אום צו הערשען, — אָדער מיר גלויבען נישט אין זיך אַליין, אין אונזער קראַפט, אין אונזערע צוועקען, און אונזער גאַנצע מאָראַל איז: „חאַפּ פאַר דער שורה און עס, חאַפּ פאַר דער שורה און טרינק”, „מאָרגען” איז קיין טאָג נישט?

אַ פינסטערע שרעק איז אָנגעפאַלען אויפ'ן ליטעראַרישען געסיל: די געלע פרעסע געהט! דער ערשטער שריט צום שאַנטאַזש איז געמאַכט געוואָרען! מיט איין אייזערנעם טאַראַן האָט מען אויסגעהאַקט אַ שפּאַריוודיג לאָך אין דער פעסטונג-וואַנד, אונטער וועלכער מען האָט זיך אַזוי רוהיג, אַזוי זיכער געפיהלט... „פּראָטעסטירען!"

די אַלטע, די גרויסע, די שטראַהלענדיגע מוזען אַרוים מיט אַ פּראָטעסט...

און איך בין איין אַלטער, אַ גרויסער, אַ שטראַהלענדיגער און דאַצו נאָך אַ שוואַכער מענש!

בנוגע צום יודישען טעאַטער איז אַש גערעכט, אַזאַ יאָהר אויף כל ישראל! און פון דעסטוועגען, אַז דער לייב אין גאָלדפאַדענס בר-כוכבא שטעלט זיך אין מיט'ן דרינען אויף די אונטערשטע פיס און געניצט, און דער פרייטיג-און שבת-צו-נאַכטס'דיגער עולם פאַטשט בראַוואָ, אָדער ווען די „יונגליך" אין „פאַמיליע צבי", וואָס פערליערען די העקליך און די דרענגליך פון די דאַרע הענדליך אַרוים רופען: מיר זיעגען! מיר זיעגען! און דער אויבען דערמאָנטער טעאַטער-עולם שרייט: „הוראַ!" — פאַטש איך מיט, אַז די הענד ווערען מיר געשוואָלען, און שריי „הוראַ", ביז איך בלייב אָהן אַ האַלז, חאָטש איך ווייס אויף קלאָר, אַז די „יונגליך" ציטערן אַפילו פאַר'ן אייגענעם פאַפירענעם כלי-זיין —, אַזוינע פּנים'ער האָבען זיי, די סטאַטיסטען אויף חמיעלנא 9 און חאָטש עס איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט, אַז דעם לייב פון בר כוכבא ווילט זיך, נעביך, נאָר עסען, נישט געניצען...

וואָס דאַרפט איהר מעהר: אין גאַס, אַז דער עולם הייבט אָן לויפען, מאַך איך פיס, צי איך זעה אַ ביקס צו ניין; איך האָב מיך אַפילו קיין צייט נישט אומצוקוקען! און קוק איך אַמאָל, פאַר'ן אַראָבגעהן, אין גאַס אַראָב, און זעה מענשען אין קאַלאָשען און ווינטער פאַראַסאָלען הייב איך שוין צום הימעל קיין אויג נישט אויף, און נעם אַ פאַראַסאָל מיט קאַלאָשען!

און דעריבער, אַז עס איז אַ געשריי געוואָרען „פּראָטעס-

טיערען״ — האָב איך געזאָגט: „פּראָטעסטירען!״, חאָטש די חתימה צום פּראָטעסט האָב איך געמאַכט מיט אַ פערציטערטער האַנד, און דאָס האַרץ האָט דערביי געקלאַפּט, ווי ביי אַ גזלן...

וואָרען „ביני ובינך״ — ליעבע לעזער! צווישען פיער אוי־גען און אויער אויף אויער בין איך דוקא צופרידען מיט די בימערע קרייטעכצער, וואָס הייבען אָן שפּראָצען אין אונזער גנ־עדן'דיל... סימן טוב ומזל טוב! — די נעלע פרעסע האָט זיך בעוויזען? — אַ מחיה! אַ קאַצען־שפּרונג צום שאַנטאַזש? — נאָך בעסער! דאָס איז דער בעסטער בעוויז, אַז מיר ענטוויקלען זיך, אַז אונזער ליטעראַטור ענטוויקעלט זיך, אַז —, להבעים די ציוניסטען און די ס״ס'אָווצעס — וואַקסט אין גלות אונזער קולטור ווי אויף הייבען!

און איך וויל עס אויך מסביר זיין מיט אַ משל; איהר ווייס דאָך, ד'בין אַ שטיקל גלגול פון דובנער מגיד! שטעלט אייך פאָר, ליעבע לעזער (אַלע לעזער זענען מיר ליעב) אַ משפּחה אין אַ מדבר — איינע אַליין אַ פאַמיליע אין אַ סטעפּ! מוז, נעביך, דער קאָפּ פון דער פאַמיליע זיין אַלץ צוזאַמען! אי טאַטע פון קינדער. אי זייער לעהרער, אי זייער שטראָפער און שמייסער... און ווערט, לא עליכם, אַ קינד קראַנק, מוז ער נאָך זיין זיין רופא; בחרפתנו. אַפילו אַ קליסטירל מאַכען... און מאַכט זיך עפּיס, גאָט בעהיט, אַ קינד אויפ'ן קעפּיל, מוז ער איהם איינגענהענדיג די העהרליך אויסרייסען... און שטאַרבט, נישט פאַר אייך געדאַכט, אַ קינד? נאָך זיין קברן ווערען! און אַז די קוה פאַלט אַוועק? מוז ער ווערען וועטערינאַר! און אַז דער הונד אויפ'ן הויף ווערט משוגע? — הונדשלעגער! און אַז עס זאַמעלט זיך אָן מיסט אויפ'ן הויף? מוז ער נעמען שירץ און בעזעם און אויסקערען! — און דער איינענער מוז זיין פון דעסטוועגען אי טאַטע, אי קדוש־און הבדלה מאַכער, און פערלאַנגט פאַר זיך דרך ארץ!

אָבער אַז די משפּחה צעוואַקסט זיך? אַז מיט דער צייט ווערט פון פלעק אַ דערפיל, פון דערפיל — אַ שטעדטיל, — אַ שטאָדט —

שטיקל מדינה, — — ווערט שוין די אַרבייט צוטהיילט! איז איינער טאַטע, דער צווייטער לעהרער; אַ בעלפער, צום שמייסען און פעקליך־מאַכען, פערהאַן בעזונדער; עס בעווייזען עקסטרא קליזעפּאָמפּע־מאַבער, האָהר־ציפער, דאָקטוירים; ספּעציעלע מתעסקים, קברנים און — הונד־שלעגער!

דאָס זעלבע איז און האָט געמוזט זיין, און געשעהען אין דער ליטעראַטור.

איך בין נישט קיין היינטיגער און געדענק נאָך גאַנץ גוט די צייט, ווען עס זענען געווען אין גאַנצען 2—3 כהנים אין בית־המקדש! אַלץ האָט געמוזט קומען אויף זייערע הענד. דאָס זענען געווען: אי שירים־אי פּראָזע־שרייבער; און זעלבע ליט־ארטיקל מאַכער, פעליעטאָן קלאַפּער, נייעס שיטער און אין מיט'ן דערינען ווערען אַ וועלט חכם און פערטייטשען וואָס אַ דונער, — וואָס אַ בליץ איז... מיט איין וואָרט: אָנטהון גלעקליך, אַריינלויפען אין קדשי קדשים מיט אַ פאַן ווייררויך, אַרויסלויפען און מאַכען „חיק“ מיט איין אָקס אויפ'ן מזבח און באַלד חאַפּען אַ בעזעם און אויסקעהרען!

אָח און וועה איז געווען צו די יאָהר!

היינט, אַז מען האָט זיך געמעהרט און געפּרוכפּערט, בפרט לעצטענס, אין דער צייט פון דער סטאָליפּין־פרייער פּרעסע, איז שוין, דאַנק זיין ליעבען נאָמען, די אַרבייט צוטהיילט!, יעדער האָט זיך זיין ווינקאַלע, זיין ספּעציאַלימעט. איינער זינגט, דער צווייטער פערציילט, דער דריטער שרייבט חכמות, דער פירטער ווייצעלט זיך, דער פינפטער און אפשר דער זעקסטער צו דער זיבענטער — פיהרט טאַקי מיסט!.. מען דאַרף דאָס אויך!

אמת, עס טרעפט אוג די מיסט־שלעפּער שרייבען שירים אַמאָל אויך...

אָבער, ערשטענס, איז יעדער אויסנאַהם נישט מעהר ווי אַ בעווייז אויף דער רעגעל! צווייטענס האָט יעדע קאַץ זיין מאַרט און יעדעס האָרץ, אַפילו פון אַ קוימען־קעהרער, זיין מאַי! ווען עס ווערט אַזוי ווייך, און עס זינגט זיך: טיו, טיו, ... טיו, טיו... און דריטענס — האָט קיין פחד נישט! דער מיסט־פיהרער

וועט צום שׂכל קומען! ער וועט דערקענען זיין פּאַך, דערגעהען זיין מיסיע, צוליעב וועלכער ער איז בעשאַפען געוואָרען! נישט אַזוי געשווינד דערקענט זיך אַ מענש אליין, און איידער מען קומט אויפ'ן רעכטען וועג אַרויס — זינגט זיך אַ מאָל אַ ביסל פאַלש! מיט דער צייט קומט די הילף!

די ליטעראַטור קען שוין נישט זיין קיין כל-בו, ווי אַ קליינשטעטיל'דיג געסעל! עס מוז זיין אַ גרויס-שטעטישע גאַס! דער רינשטאָק, וואָס פיהרט אָב דאָס אומריינע, געהט אין די זייטען, רעכטס און לינקס, ווער עס איז אַ דבר-אחר, מהיכא תיתא, לעג זיך אַריין! אַז ניט, געה אַריבער טרוקען, אין דער מיט! דאָס איז שוין דאָס צווייטע משל!

אמת, אַ משל איז נאָך קיין בעווייז נישט! אָבער מקרב אל הדעת איז עס!

און וואָס אַמבעלאַנגט דעם עצם-ענין, וואָס די געלעפּרעסע, די ערשטע ניי געבוירענע איז שוין בעפאַלען אַ ליטעראַט, איז קיין גרויס אונגליק נישט!.. די ליטעראַטען, פּונקט אַזוי ווי פּרויען, האָבען ביז אַהער פערנומען אַ געקינסטעלטען פּלאַץ, אַ פאַלשען אָרט אין געזעלשאַפטליכען לעבען! אָדער אַ גאָר נישט, אַ צרה, אַ משלחת, אָדער אַ מלאך; קיין מענש קיינמאָל נישט! שלאָגען זיך מיט אַ יודענע, בפרט אין גאַס, אָב'חשבון'ען זיך עפענטליך מיט אַ ליטעראַט, קומט אוים עפּים קראַטיש, אויסטערליש, ווילד! פאַר וואָס? שוין צייט אָבצורייסען מיט די אַלטע מנהגים, אַרויסשלאָגען זיך די אַלטע איינרעדענישען פון קאָפּ. איין אשה איז אויך אַ בשר ודם, נישט מעֶהר, נישט ווענינער, און אַ ליטעראַט איז אַ מענש, וועניגסטענס דאַרף ער זיין אַ מענש... און דאָס וואָס אַ קראָה רייסט אוים ביי דער צווייטער איין אויג, וואָס איז דאָס געוואָלט? דוקא ביי פּרעמדע?

און דער עקר — ברענגט עס אַ גרויסען נוצען דעם פּובליקום, אויב עס איז נור דאָ! אויב די קוה, וואָס מיר, לעבצענדיגע צו מילך, מעלקען איז פערהאַן, אויב זי איז נור קיין פּוסטע חלום נישט... קען זי ווערען אוים קוה!

דאָס פובליקום — אָהן משלים געזעגדט — מוז זיך צוגעוועהנען צום געדאַנק, אַז ליטעראַטען זענען מענשען, וואָס אַרבייטען און פערדיענען מיט דער פעדער, ווי יענער מיט דער האַק און דער מיט דער נאָדעל... און אַז עס טרעפט זיך און אַ ליטעראַט, — אויב אַ מענש! — גנבית בענדליך אין קראָם אָדער קישקע אין יאַסקע, קומט איהם תפיסה גליך מיט אַלע, אויב אַלע גנבים קומט תפיסה... און אַז ער גנבית נישט, און די נעלע פרעסע, וואָס קען זיך נישט דערוואַרטען, ביז עס וועט ווירקליך עפּיס געשעהען, און טראַכט צופּאָר אויס, און עס קומט צו לשון־הרע, רכילות, בלבולים און אַלערליי שקרים. — איז נאָך בעסער!

דאָס פובליקום, וואָס דאַרף ווערען אויס קוה, דאַרף זיך צו אַלעם ערשטען אָבגעוועהנען פון אַ מאָוסען פעהלער, און דער איז דאָס, וואָס דאָס היינטיגע פובליקום, אויב עס עקזעסטירט, אַזוי עס שעצט אָדער צו הויך אָדער צו נידריג דעם ליטעראַט, אַזוי צו הויך אָדער צו נידריג שאַצט זי יעדעס געדרוקטע וואָרט. אָדער עס איז „שמאַכטעס“, „מעשה־ביכליך“, בטלנות, אָדער פערקעהרט: הייליגע נביאות, נישט אָבצוּוועג־דען, נישט איבער צושפּאַרען! זיי ווייסען נישט, אַז אַ מענש שרייבט, ווי אַ מענש רעד... ווי ווער און ווי ווען...

אין געוועהנליכען לעבען, אַז עמיץ עפענט דאָס מויל און זאָגט עפּיס, שרייט מען נישט תוך כדי דבור: שקרן! אויך שפּרינגט מען נישט דריי מאָל קדוש, פאַר דער צייט. מען טראַכט נאָך, קלערט איבער, מען ווערט געוואָהר, מען זאַמעלט ידיעות, — מענשליך! וואָס הייסט, זיך „פערלאָזען“? אָבער דאָס געדרוקטע, האָט נאָך גאָר עפּיס אַנדערש...

און דאָס איז שלעכט!

דאָס געשריבענע וואָרט האָט געקאָנט קרעדיט האָבען פערציימענס, ווען אַ פעדער אין דער האַנד האָט געהאַלטען איינער אין אַ שטאָדט און דוקא אַ גרויסער! ווען מיניסטאָרען האָבען צוגעלעגט סטעמפּעל אָדער דעם אין טינט איינגערויסטען גראָבען פינגער אויף'ן פּאַפּיער במקום אַ חתימה... ווען דער פינגער האָט נאָך געשפּיעלט די גרויסע ראָלע, ווי אין

אַחשירושׂ'ס צייטען! דאָס גרויס, ערליך און כמעט הייליג האַלטען פון געדרוקטען וואָרט האָט געהאַט זיין ווערט אין גוטענבערגס־און קיים עטוואָס שפּעטערע צייטען, ווען אויף דער וועלט זענען צוויי דריי דרוקען געווען, און פון אונטער דער פּרעס פלעגען אַרויס סאַמע תנך'ליך, ש"ס גמרא'ס אָדער חכמת יון: אריסטו! היינט — ווען אַלע יונגליך שרייבען, ווען אין אַלע גאַסען ווערט געדרוקט, דאַרף זיך דאָס פּובליקום אויס־ערנען: שאַצען! יעדען געבען זיין אָרט, זעלטען שענקען צוטרויען, זעלטען גע־בען קרעדיט, און צו דעם הויכען שטאַפּעל וועט דאָס פּובליקום קומען נור אַ דאַנק דער געלער פּרעסע! דאָס קינד מוז פאַלען, עס זאָל זיך אויסלערנען געהען!

און דעריבער נאָך אַמאָל: לעבען זאָל די געלע פּרעסע!

זאָל זי זיך גראַבלען אין מיסט — אין פּריוואַט־לעבען מיין איך, עס שאַדט נישט! דאַגעגען קען זיין נור די אַלטע בעל־בתישע מאָראַל פון קלאַפּ־שלעסער און פערהאָנגענע פענסטער. די מאָראַל אין ויידענע אָבער און פער'דאָס'טע [זייט מיר מוחל] אונטערועק... די עטיק, וואָס איז געווען נור אַ שוץ־מאַרקע פאַר חנוכה, צביעית, שיינהייליגקייט און כל־דאָס־בייז... נור די אַלטע גבאית'ע מיט די יונגע חטאים האָט געמאַכט איין אונטער־שיעד פון „רשות הרבים", „בפהרסיא" און „אונטער פיער אוי־גען", „בחדרי חדרים"!

וואָס הייסט פּריוואַט־לעבען? פּריוואַט לעבט אַ מענש אין אַ מדבר, פּריוואַט לעבט אַ פרוש אין וואַלד, אפשר נאָך אַ פערצייטישער בטלן אונטערן בית־המדרש־אויבען. אַ מענש צווי־שען מענשען איז קיינמאָל נישט פּריוואַט. דער וואָס טהוט עפּיס, — בפרט דער, וואָס שרייבט! — לעבט געזעלשאַפטליך, עפענטליך; דער מוז זיין אָדער ניצליך אָדער שעדליך, און קען, דאַרף און מוז געשאַצט ווערען... אמת דאָס אָבשאַצען, געהער צום ריכטער, אָנקלאָגען צום פּראָקוראָר, מסר'ן צום שפּיצעל און דאָס אויפהענגען צום תלין... זענען טאַקי דערויף פערהאַנען ספּעציאַליסטען אין דער ליטעראַטור אויך... איינער האָט גלאַט ליעב וויווישעקציע... טהו איהם עפּיס!

און ווי געזאָגט, אָבער עפענטליך קריטיקירט דאַרפען ווערען אַלע און פריהער פאַר אַלע דער שרייבער! ווער עס רעדט צום פובליקום, געהער צום פובליקום! דאָס פובליקום האָט רעכט צו פערלאַנגען, מען זאָל פון צייט צו צייט אַראָבציהען דעם טלית פון די וואָס שטעהען ביים עמוד, ביים שלחן און ווייזען איהם, ווער עס בעט פאַר איהם, ווער עס בלאָזט איהם שופר!

אַמאָל פלעגט מען זאָגען: קריטיקירען דאַרף מען דאָס ווערק, נישט דעם אויטאָר. היינט: דעם אויטאָר, צוליעב דעם ווערק! ווייל דאָס פרצוף־פנים פון בעהאַלטענסטען אויטאָר קריכט אַרויס אין זיין ווערק פון צווישען די שורות, פון צווישען די אותיות! ווי ער זאָל זיך נישט פערשטעקען, ווען אין וואָס ער זאָל נישט הייסען רעדען, וואָס ער זאָל נישט ווען לעגען אין מויל אַריין, — ער רעדט עס, זיין האַרץ זאָגט עס! און אַ וואָרט— אַ מאַן! אַ מאַן — אַ וואָרט! און דער פאַשקוויל אויב ער איז איין אמת׳ער, איז נישט מעהר, ווי אַ שליסעל צו דער רעטעניש פון ווערק! מעהר און ניצליכער אָבער איז דער פאַלשער פאַשקוויל! דער, ווי געזאָגט, ווענט ברענגען דעם לעזער דאַצו ער זאָל זיך אויסלערנען שאַצען, אַ מבין ווערען, דערקענען דעם אונטערשיעד פון אַ לייב אין וואַלד און אַ לייב אויף גאָלדפאַדענס סצענע אין בר־כוכבא, פון איין אָדלער אונטער הימעל, איין אָדלער אויף דער מטבע, אַ געמאָלטען אויפ׳ן „מזרח" און אַ פאַפיערענעם אויפ׳ן טיש!...

ר׳ נחמן׳קע זאָגט: די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען נור צוליעב דעם ווילען און דער ווילען — צוליעב דער בחירה: אויסקלייבען, וועהלען דאַרף אַ מענש!

און צינד געהט ערשט דאָס געדיכטע:

אויב די שרייבער האָבען זיך דיפערענציערט, מוז זיך אויך דיפערענציערען דאָס „פובליקום", שוין צייט, עס זאָל אייפּ־הערען צו עקזעסטירען דער „הויפען" — לעזער! די „מאַסע": די מענגע צייטונג־און בראָשורען־שלינגער (ביכער זענען אויס דער מאָדע אַרויס), וואָס האָבען קיין פיזאָנאָמיע — קיין פרצוף־פנים

נישט —, עפּים אַ שטיק גאַלאַרעטע! יעדע אַרט שרייבען, יעדער שרייבער אַפילו מוז האָבען זיין פּובליקום. „ג. פּ.״ — אויך!

און אויף זיין איינען פּובליקום געשטיצט, וועט דער שרייבער בלייבען מענש!

ער דאַרף אַפילו נישט זיין פון קריסטאַל, עס זאָל איהם די געוואָרפענע בלאָטע אפילו פּייבט נישט מאַכען... גענוג, ער וועט האָבען אַ מענשליך פּנים, — מיט איין וואָרט: אַ פּנים! וועל׳ן, ווענינסטענס זיינע מענשען, וויסען, אַז אויפ׳ן פּנים וואַקסט קיין בלאָטע נישט, אַז דאָס איז דורכגעפאָהרען אַ גביר פון דער „געלע פּרעסע״ און האָט עס מיט בלאָטע בעשפּריצט! און דער עולם זיינער וועט לויפען, דער — מיט וואַסער, יענער — מיט אַ האַנדטוך — און שטיל, גאַר אָהן פּראַ־מעסטען...

דאַכט זיך, אַזוי איינפאַך!

און דאָך ווילט איהר געלע און גרינע מתים זעהען? פער־מאַכט די לאָדען ביי טאָג, לעשט אוים ליכט און לאָמפען ביי נאַכט, און שלאָגט מיט אַ ריטעל אין אַ טעלער מאַגנעזיע! — אָדער, וואָס אין וואַרשוי איז לייכטער צו בעקומען — רופט צו זאַמען עטליכע ליטעראַטען און לייענט זיי פאָר אַ שטיקל „געלע פּרעסע״ — —

צי האָבען מיר קיין פּובליקום, צי קיין מענשליך פּנים נישט?

אַ בריעף אוים ווארשא.

1.

קישינעוו האָט געווירקט אויף וואַרשוי ווי אַ דונער אין שענעם העלען טאָג פון שטילסטען, קלאָרסטען הימעל.

וואַרשוי איז פערציטערט געוואָרען. אויף דער בערזע, אין טעאַטער, אין צירק, אויף קאָנצערטען און אין גערטליך — פון שוהלען און גאַסען נישט צורעדען — האָט מען מעהר נישט געהערט, ווי „אמת״? „אמת״! און אין די אויגען פון דעם, וואָס האָט געפרעגט, איז פערלאָשען געוואָרען דער לעצטער פונק פון דער לעצטער האָפנונג, צו הערען: עס הויבט זיך נישט אָן!

דערנאָך האָבען אַלע בעקומען איין תאוה, איין קרענקליכע תאוה, צו וויסען אַלץ, אַלץ, מיט'ן פינטעלע, מיט'ן שפּרענקעלע; אויסצוטרינקען דעם סם ביז'ן לעצטען טראָפּען, און דער „קוריער וואַרשאַווסקי״ דער איינציגער ברונען, פון וועלכען וואַרשוי שעפּט אַלץ, וואָס זי ווייסט, האָט אָבער געשוויגען, געוואָלט צו געמוזט שווייגען און אָפּשרביידע צוזאַמען...

דערווייל האָט דאָס צורודערטע וואַרשוי איהרס געטהון: אַרויסגעשיקט קיין קישינעוו 20 טויזענד רובל געלד און־צוויי יודישע רעדאַקטאָרען... געלד האָט אָפּשר וואַרשוי געקאָנט שיקען מעהר; רעדאַקטאָרען מעהר האָט זי נישט; דערווייל נישט...

דאָס געלד איז אין קישינעוו, מן הסתם, צו נוץ געקומען, די רעדאַקטאָרען אָפּשר אויך. איינעם איז גאָר בעשערט געווען צו געפינען אַיין אַלטען כתב און אָבצודרוקען אויסער קאָרעס־פּאָנדענציעס. דער צווייטער האָט אָנגעפילט אַ גרויס בוך מיט זכרונות, איין אוצר אויף לאַנגע יאָהרען... נור פון דעם האָט וואַרשוי אויך אַ נוצען געהאַט: אויף דעם צווייטען, וואָס איז אייגענטליך דער ערשטער, האָט מען טאַקי געוואַרט, ווי מען וואַרט אויף משיח'ן...

עס איז שוין, נישט פאר אייך געדאכט, נעקימען צו חרפות ובושות.

דער לייטישער עולם, דער צילינדער־עולם, די מזרח־וואנד פון דער „דייטשער־שוהל", די נעהנטסטע קרובים פון אזוינע גרויסע און הויכע לייט, וואס דערזעהן שוין נישט קישינעוו, אפילו די כנסת ישראל נישט... אזוינע וואס רעכטען זיך היינט מארגען אפילו אויפצוהערען צו צאהלען טאאט און בעגגינגען זיך מיט אלע פאראטקעס — די אלע האבען פלוצלונג דערפיהלט, אז זיי האבען בעקומען זייערס איין אייגען עגמת־נפש, איין אייגענע שרעק, איין אייגענע לעבענס־פראגע, איבער וועלכע דער „קוריער ווארשאווסקי" וועט נישט ענטפערן... פון וועלכער ער וועט נישט רעדען, און אויב יא, וועט דאס הארץ וועה טהון הערענדיג...

נור וואו ווערט מען עס געוואהר?

א טהייל האבען זיך בסוד סודות געחאפט צו די „נאוואסטי"; אנדערע, וואס האבען א מאל אין א חדר געלערנט, האבען מיט א פערבלוטיגטע הארץ און פערביסענע ליפען בעזעגערט דעם יודישען צייטונגס־טרעגער אין גאס... מען חאפט די „הצפירה", א היימישעס בלאט, אנדערע, וואס ווילען ביליגער מיט א קאפיקע, שטרעקען אויס די האנד נאכען „הצופה", נאך אנדערע, וואס האבען וועניגער געלערנט אדער מעהר פערגעסען, פאלען, — לא־עליכם — מיט נאך א שטאפעל טיעפער און ציהען ארויס דעם „פריינד"...

און מען לויפט, און מען לויפט מיט א צאפעלדיג הארץ א היים, און מען פערשליעסט זיך בחדרי חדרים און מען לעזט. און ווער עס האט קיין חדרי חדרים נישט, און ציטערט פאר'ן ווייב, און שעמט זיך פאר דער באנע, צו פאר דער דיענסט, חאפט דאס בלאט מיט זיך אין גארטען אריין, פערשלאגט זיך אין איין אבגעלעגען ווינקעלע און טרינקט דעם סם... אדער שפרינגט אריין אין טראמוויי און לאזט זיך פיהרען קיין פראגע, אויפ'ן וועג טרעפען זיינע אויגען די היימישע ווייקסעל און ער דערקענט זי נישט, עפּיס איז זי איהם אנדערש, וועניגער היים'ש.

ווי עס איז, מען לעבט. די האנד, וואס האלט דאס

בלאַט, ציטערט; די אויגען, וואָס קוקען אַריין און האָבען מורא איין אות צו פערליערען פינטלען. און ווייסע ליפען ציטערן: באָזשיע, באָזשיע!

אין מיט'ן חאַפּט מען אַרויס דעם זייגער, מען וואַרפט איין אויג אויף די דאַטע פון אָנהויב בלאַט, צי האָט מען קיין טעות נישט אין דער צייט! איין אַנדערע בייסט זיך אַריין אין דער ליפּ — צי עס איז קיין בייזער חלום נישט...

נור זאָט דערפון איז מען נישט געוואָרען...

מען פיהלט, אַז עס מוז זיין מעהר! אַז עס איז פערהאַן אַ זיפ, וואָס לאָזט נור דורך דאָס שיטערע, דאָס געדיכטע פערהאַלט זי ביי זיך... זאָל דער רעדאַקטאָר קומען, דער אָמת'ער רעדאַקטאָר!..

און, איידער ער קומט, פערגיט מען איהם אַלע זינד געגען די אַסמילאַציע, געגען „איזראַעליט", געגען די דייטשע שוהל וכדומה, זאָל ער קומען, זאָל ער נאָר דערצעהלען...

ווי געזאָגט: געהאָפט ווי אויף משיח'ן...

און דער משיח האָט נישט געלאָזט לאַנג אויף זיך וואַרטען.

ער איז געקומען און האָט גערעדט.

אַ נייער ירמיהו, אַ נייער חורבן. אַ שפּאָגעל-נייע איכה...

אַ נייער שבט-מוסר, מיט אַ נייעם ברענענדיגען גיהינם!

פערטריקענטע הערצער הויבען אָן בלוטיגען... נאָט ווייסט, אין וועלכען אַש ווינקעלע עס האָט זיך געוואַלגערט אַ פונק יודישקייט, און עס האָט אויפגעפלאַקערט און צו פלאַקערט זיך דורך די אויגען אַרויס... האָהר אויפ'ן קאָפּ שטעלען זיך קאַפּייער, שטייף-געוואַקסענע, הויך-געהויבענע וואָנסען צער-דרעהען זיך און פאַלען אַראָב אין פאַרשטעלען די פערציטערטע ליפּען... איבער בלאַנשיערטע דאַמענפּנימער ציהען זיך נאַנצע שנירליך שוואַרצליכע פּערל פון די אַרומגערענדערטע אויגען אַרויס...

און דער אָטהעם שטאָקט. הערצער שטאָקען און בלייבען שטיל! — —

די קינה האָט זיך געענדיגט און זי קלינגט נאָך אין דער לופט... און טרויריג, ווי מיט שטילע פליגעל קלאַפּט זי און שלאָגט זיך נאָך אַרום ביי די ווענד, בעריהרט דערשראָקען די פּאָרטרעטען פון פּוילישע מלכים, שווייצאַרישע בערג, רהיין־געגענדען און אַנדערע קונסטווערק — —

און פּלוצלונג האָט די וואַרשויער פּערזאַמעלטע כנסת־ישראל אויפגעהויבען דעם קאָפּ, און פון אַלע געעפענטע מיילער איז אַרויס איין געבריל:

— אוועק מיט'ן „קוריער־וואַרשאַווסקי״!

און דער „קוריער וואַרשאַווסקי״ האָט זיך דערשראָקען...

און דאָס איז געוועזן שוין דער דריטער באָיקאָט.

דער ערשטער איז געוועזן אויף אַ געוויסען סאָרט טהיי, דער צווייטער געגען אַ געוויסע פאַבריק פון פּאַפּיראָסען, דער דריטער ערשט אויפ'ן „קוריער וואַרשאַווסקי״...

און אַלע דריי באָיקאָטען האָבען אַזוי לאַנג געדויערט און אַזוי פיעל געווירקט, וויפיעל אַלע פּוילישע באָיקאָטען געגען יידישע סחורות...

דער „קוריער־וואַרשאַווסקי״ האָט זיך אַליין געהאָלפען...

פּלוצלונג, אין אַ שענעם העלען זומער טאָג, האָט ער אָבגעדרוקט דעם קראַנקשטאַטער כהן־גדול'ס ווערטער... אַ ביסעל האָט ער זיך פערשפּעטיגט דאָך „בעסער שפּעט איידער קיינמאָל נישט״... דערנאָך, אַז עס איז פאָרגעקומען אין דער וואַרשויער סודעבנאַיאַ פּאַלאַטאַ דער פּראָצעס פון טשענסטעחאָווער פּאָגראָם, און אַ טהייל אַדוואָקאַטען האָט פערטיידיגט די פערמשפּטע דערמיט, אַז אין פּוילען איז קיין אַנטיסעמיטיזם נישט פאַרהאַן, נור, אַז מען האָט געהערט, ווי מען האָט געשלאָגען אַ פּויערישע דאַמע, האָט דער ריצאַרסקי האַנער פערלאַנגט, מען זאָל אויס־האַקען עטליכע יודישע שויבען פון די פענסטער און צייהן פון די מיילער, בשעת ווען דער צווייטער טהייל אַדוואָקאַטען האָט געזאָגט: לא כי! געוועזן אַנטיסעמיטיזם און עס וועט זיין, און עס

מוז זיין ווייל די יודען שווינדלען, ראַבעווען, נאָגען אויס דאָס פאָלק, ביז עס ווערט פערבּיטערט און שלאָגט — האָט דער „קוריער וואַרשאַווסקי" אָבגעדרוקט נור די ערשטע ריידען. געגאָסען ניר דאָס זיס־וויינינגע שלאָף־געטראַנק און פון דער רעשט אַ קלוגען שוויינ געמאַכט.

ווי איהר זעהט, האָט זיך דער „קוריער־וואַרשאַווסקי" אליין אָנגענומען ביי די אויערען און אַרויסגעצויגען פון דער בּלאָטע... בנוגע צו טהיי און פאַפּיראָסען האָט שוין געמוזט ארויסטרעטען דאָס וואַרשויער ראַבּינאַט!

אַלץ רוקט זיך, די רבנים אויך!

אַמאָל איז אַ רב געווען כמעט סאַמע רוחניות... איך זאָג „כמעט", ווייל די רביצין האָט פון רח"ש צי פון די הייוען דאָך אַמאָל אָבגעקאָכט אַ וויעצערע און דעם רב'ס גוף האָט אויך געמוזט אַ ביסעל וואַקסען... און נאָר אין גאַנצען אין הימעל אַריין האָט גלאַט אַ רב נישט געקענט, ווייל באַ"ד איז געקומען אַ בעהעלפער און אַראָבגעצויגען דעם רב ביי דער פאָלע, צי דער פּיפּיק איז כשר... אָבער אין גאַס אַריין איז אַ רב נישט געקומען. ערשטענס, איז אין גאַס אַ בלאָטע און פוילישע רבנים האָבען געהאַט אַ מאָנאָפּאָל, אַ חוץ אויף די כשר'ע הייוען, נאָך אויף באָרווים־געהען אויך... און גלאַט, ווי קומט מען עס גאָר אַריין, נישט קענענדיג קיין צורת מטבע?..

מיט דער צייט איז אַלץ אַנדערש געוואָרען... היינטיגע רבנים זענען וועלט־מענשען... לויפען אַרום אין די „סאָנדיס" אָבנעהמען שבועות און האַקען אין רוסישען אַריין ווי אין אַ קרויט... קאָרעספּאָנדירען מיט אויסלענדישע רבנים. צי מען קען נישט אַמאָל אַסר'ן טהייל סערדינקעס ווענען אַ חשש פון חזיר־שמאַלץ, און מתיר זיין אַנדערע וואָס ווילען האָבען אַ הכשר מיט איין השגחה פרטית... וועגען פוטער פון גראָז מוז מען שואל בעצה זיין ביי אַ חעמיקער... און אַז עס ווערט אַ ספק וועגען פסח'דיגען טהיי און — אַ מחלוקת פון אַ ספק, קומט מען מיט די שאלות ותשובות אַפילו אין די צייטונגען אַריין אויך... שווימט מען אַרום אין בלעטער. און נישט מיט "ש"י כתב, וואו

און אזוי ווי די רבנים פלעגען שרייבען וועגען עגונות און עבור־יאָהרען, נור טאַקי אויף דער פירטער זייט צווישען די מודעות און מיט גרויסע, געוואַלט שרייענדיגע מרובע־אותיות, גלייך מיט „מאָנאַ־וואַנאַ"־פּאַפּיראָסען, שמעקענדיגע שטורקאַצען, קאָליערטע ראַקעטען, אָדער מודעות וועגען באָנים און דיענסטען וכדומה...

היינט מוזען זיי זיך נאָך אַריינמישען אין באָיקאָטען...

און זיי האָבען זיך אַריינגעמישט, און אויך אַרויסגעלאָזט אַ מודעה וועגען מחילה און גוטסקייט, און ליעבשאַפט, און זיי, דאָס בין איך אַייך ערב, וועלען קיין חרטה נ י ש ט האָבען...

2.

פייל פון בויגען איז אַריבער אַל־דאָס־גוטס...

עס איז אַריבער דער זומער מיט זומער־וואָהנונגען, מיט טיעפע, שטילע און קלאָרע אָוועגדען, מיט גרינע וועלדער, גאָלדענע פעלדער... חאָטש פרעמדע!

פערקלונגען זענען אויך די ווייכע האַרציגע סיני־נגונים, די שטאָהל־און־אַייזערנע פיוטים, דאָס הייליגע שופר־בלאָזען, צוזאַמען מיט'ן האָניג און מיט די זיסע מעהרען אין סוכה...

און הושענא־רבה איז אויך פערביי... מען וועט ווייטער שמייסען, ניר שוין ניט מ י ר, און נישט מיט ה ו ש ע נ א 'ס און נישט אויפ'ן ה י ל צ ע ר נ ע ם ש ט ע נ ד ע ר.. אויב מען וועט שמייסען, וועט ווירקליך בלוט רינען!

און דאָס הושענא־רבה־קוויטעל האָט מען אין קעשענע, נור לעזען קען מען עס נ י ש ט. אויף הימעל־פּאַפּיער מלאכים־כתב! מי ינוח ומי ינוע? ווער וועט זיין אַ געשלאָגענער, ווער אַיין אַנטלאָפענער? ווער אַ פערברענטער, ווער נור אַיין אָבגע־ברענטער? און ווער וועט זאַמלען נדבות: איך פאַר יענעם, יענער פאַר מיר?... און מיט אַ פערקלעמט האַרץ וואַרפט מען אַ זייטיגען בליק אויף ווייב און טאָכטער...

און ווייט, ווייט איז צו אַלעם גוטען!

ווייט איז דער הימעל, ווייט — פאַלעסטינאַ, ווייט איז

אַפילו אוגאַנדאַ, וואָס שרעקט שוין פון ווייטען מיט'ן וועקסעל=פיעבער: אַ מענש געהט אין גאַס און פאַלט פלוצים אַנידער און שלאָפט איין... ערגער, דאַכט זיך, ווי הײשעריק... ווייט איז אַפילו צו חנוכה, צום האַלבען יום=טוב מיט דער טייערע גרויסער אָקע און שפּאָט=ביליגער, קליינער איליומינאַציע און נאָך ביליגערע, חאָטש פלאַם=פייערדיגע, רעדען איבער פאַלעסטינאַ, אוגאַנדאַ, אָדער איבער סדום, וואָס דאַרף זיך איבערקעהרען, ועמורה, וואָס זאָל איינגעזונקען ווערען...

און די טעג ווערען וואָס אַמאָל קירצער, טרויעריגער, פייכטער און וואָס אַמאָל אומגיצליכער.

און איין אונטערגאַנג געהט אַרום אויף קינדער, אויף די אָרעמע שפּעלעך... וועניגסטענס, קריינקט מען אָהן איין אינטער=שיעד פון גלויבען, אָהן פּראָצענט...

קאַלט, טרויעריג, נאַס און איין אונטערגאַנג אויף אומ=שולדיגע קינדער, נור אַ טהייל פון דער פוילישער פרעסע, דער פרומער טהייל מיין איך, איז גאַנץ לוסטיג און לעבעדיג!

אויף דער לאָנקע, וואו עס גראָזט דאָס אמת'ע פיה, דאָס אמת ריינע, פרומע און כשר'ע, איז די פאַשע פעט און נאָך בעשפּריצט פון נחת בלימלעך — אַ פערשמעקעניש צו דער נאָז, אַ פרייד צו די אויגען!

נאָך לאַנג, לאַנג וועט מען ברויכען די אַנטיסעמיטישע פרעסע! עס ווייזט זיך אויס, „אַז די וועלט פערמאָגט 10 מיליאָן יודען און די העלפט דערפון וואַלגערט זיך אַרום אין טשערטאַ“! 5 מיליאָן יודען וועלען געווים זיך אַזוי גיך נישט אויסטויפען, נישט אַזוי גיך אַסימילירען... מען וועט זיי אַזוי לייכט נישט פערדויען... הכלל — געשעפט בלייבט געשעפט! ווי עס איז, פעראומערן דאָס לעבען וועט מען זיי שוין!

„און די אינטענדאַנטסטוואָ, לעבען זאָל זי, האָט אָנגעהויבען קויפען פוראַזש דירעקט ביי די פריצים; יודישע פּאָדריאַדטשיקעס און פאַקטוירים וועט מען שוין, גאָט זיי דאַנק, פטור ווערען“! כדי אָבער די יודעלעך זאָלען נים שווינדלען, און אונטערשטעלען פריצים אַלס פערקויפער פאַר זייער תבואה, „פערלאַנגט די קלוגע

אינטענדאנטסטווא פון יעדען , וואס שטעלט צו א פארטיע פוראזש , א בעוויין, אז די תבואה איז אויף זיין איינען פעלד געוואקסען" ! מען דארף נישט די תבואה זאל זיין מיט אייגענע הענד געזייט און געשניטען ; גענוג דאס פעלד זאל זיין אייגען. און אויף רעליגיאן פרעגט אייגענטליך די אינטענדאנטסטווא נישט , דאס ברויך זי נישט... גוטבעזיצער יודישע איז פארהאן וועניג (אז מען דארף, שרייט מען, אז צו פיעל), ארענדאטארס אפשר מעהר, זיי הויבען אבער אויך שוין אן צו פאלען אין דער צאהל : דער גרעסטער גוטבעזיצער , דער גראף זאמאיסקי , וואס האט ביז אהער, לויט מען פלעגט שרייבען, ליעב געהאט , אויסער פערד און שאנסאנעטקעס, נאך יודישע ארענדאטארס אין זיינע פאל-ווארקען , און פאר דאס פיינט געהאט גלחים און קלויסטער, איז היינט , גאט זיי דאנק, א בעל תשובה געווארען. די קלויסטער, וואס ליגען אין די גרעניצען פון זיינע שטעדט און פאלווארקען, ווערען פעריכט און פיין-געשטעלט אויף זיין אייגענעם חשבון. גלחים ווערען צו יעדער צייט פיין אויפגענומען, מיט אלערליי כבודים... דערפאר אבער, וואו עס ענדיגט זיך א יודישער קאנטראקט, היידא, געהט שוין אויף זיין ארט אריין א קריסט! נאך 10 פאלווארקען און 22 מיהלען זענען אין יודישע הענד, נישט אויף לאנג: אויסגעלעזט מוז ווערען די ערד! איהר זעהט? אומעטום די זעלבע אידעאלען — גאולת הארץ!

און נישט די ערד אליין דארף אויסגעלעזט ווערען, דער האנדעל אויך! דער אמאליגער, נארישער פריץ האט זיך גע-שעמט מיט'ן האנדעל (אויסער'ן האנדעל מיט אונטערגעפעלשטע פערד), היינט קומט דאס דארף אין שטאדט אריין און צושפרייט מיט די הענד, און שטופט ארויס דעם איבריגען, דעם פרעמדען... אויף די נאלעווקעס, פאר'ן אייזערנעם טויער, אויפ'ן גרזיבאוו אפילו, מעהרט זיך די צאהל פון ריין-קריסטליכע גע-שעפטען און אפילו דאס געלד-געשעפט האט אויך אויפגעהערט צו זיין א מאנאפאל אין יודישע הענד. מיר פערמאגען שוין עטליכע קריסטליכע באנק-הייזער. אצונד האט זיך נאך איינס

געעפענט: בריזאָסקאָ עט קאָמפּ... אַ פיין חנוכת הבית געוועזן, עכט עהרליך און פרום...

און דאָך איז דאָס אַרויסצושטופען, איבער דער גרעניץ אַריבערצוואַרפען נישט אַזוי לייכט. די יודישע עמיגראַציע וואַקסט אַפילו פון טאָג צו טאָג, אָבער דאָך נישט אַזוי געשווינד, ווי דאָס דאַרפישע פרומע האַרץ פערלאַנגט עס! און די דאַרפישע עלענבויגען בויגען זיך אַמאָל איין, נישט אויס... בעסער וואָלט געווען עס זאָל בטל ווערען די „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי", יודען זאָלען זיך צושיטען אויף גאַנץ רוסלאַנד, צוזייט און צושפרייט זאָלען זיי ווערען... אומעטום זאָלען זיי זיין, נור אין ערגעץ נישט די מעהרהייט, אין ערגעץ נישט קיין קראַפט... וואָס ווייניגער יודען אויף איין אָרט, איז געזינטער!...

עס איז דאָך נישט אַזוי לייכט — קרעכצט מען — פון יודען פטור צו ווערען. פאַרהאַן אַ קאַפּעלע אין פילהאַרמאָניע, מוזען זיין, אויסער דייטשע אין פראַנצויזישע, אויך יודישע כלי־זמר! געמאַכט איין אויסשטעלונג אויף צעלניק — יודעלע מוז אַריין מיט זיין סחורה! און אין פּאָביאַניצע, אין אַ שטאָדט, וואו דער אַנטיסעמיטיזם וואַקסט ווי אויף הייוועז און ציהט זיך ווי אַ שטריק אויפ׳ן יודישען האַלז, וואו מען האָט שוין אַ ריין־קריסט... כע קרעדיט־געזעלשאַפט, און מען עפענט נאָך אַ צעלניק־קראָם: „יעדנאָשטש", פערשטעהט זיך, אַ ריין־קריסטליכע קראָם, — געהט זיך פון דעסטוועגען אַ יודעל און בויט זיך אַ דריי־שטאָקיג הויז, גלייך ער וואָלט גאָר אויף משיח׳ן נישט גע־וואַרט. גלייך ער רעכענט, אַז זיינע אייניקלעך נאָך וועלען דאָ פערפעסטען די לופט מיט ציבעלעס און קנאָבעל!

און נישט אַזוי ווייט שולדיג איז די האַק, וואָס האַקט אויס די ביימער, ווי דער וואַלד אַליין, וואָס גיט די שטיל צו דער האַק! אין וואַרשוי איז פאַרהאַן אַ יודישע געווערב־שול, לער־נען קריסטליכע מייסטערס די יודישע קינדער אַרבייטען! אין אין פּאָביאַניצע, ווער בויט דאָס יודישע הויז? פערשטעהט זיך, די קריסטליכע מולאַריעס! און וואָס קומט אַרויס דערפון? מען

לאָזט דעם יוד וואַקסען, און מען פערליערט דערביי די וועלט און יענע וועלט! ווייל אַזוי דער קריסטליכער מייסטער אין דער יודישער געווערב־שול אין וואַרשוי, ווי דער מוליאַר, וואָס בויט אין פאַביאַניצע דאָס יודישע הויז, מוזען האַלטען שבת! און ווייטער דאָס אייגענע: די זעלבע אידעאַלען — „גוי ששבת" איז ביי זיי אויך סכנת נפשות...

צווישען די קליינע, נאַרישע העצרייען געפינט זיך אָבער אויך עפּעס וויכטיגעס: ווי, למשל, די פראַגע פון שחיטה...

פאַרהאַן אין וואַרשוי, ווי אומעטום, אַ חברה „צער בעלי־חיים", וואָס ווייסט שוין נישט, וואָס מיט זיך צו טהון... אַרומלויפען אין גאַס און חאַפּען דראָשקאַרעס, וואָס שמייסען צו שטאַרק די פערד, אָדער שפּאַנען איין קראַנקע פערד, אָדער איבערלאַסטען די פערד, ווילט זיך נישט... דאָס טהוט יעדער סטראַזשניק! אין דאָרף, מיט'ן פויער אָנצוהויבען, איז נאָך גע־פעהרליך, מען קען לייזען אַ גוט וואָרט אונטערגעשפּאַרט מיט אַ זעץ אין פלייצע... וואַרפט זיך, נעבעך, די חברה ווי אַ שלאַנג, מען מוז דאָך האָבען עפּיס צו טהון, מען מוז שאַפען מאַטעריאַל, צום פער־שרייבען אין די יעהרליכע חשבונות וואָס געהען אין די הויבע פענסטער און וואָס דאַרף איבערגעהן צו דער געשיכטע!... געהט זי, נעבעך, די חברה און נעמט, למשל, אויף זיך די הונדשלעגערייז אין די גאַסען, דאָס אָבריינגען די גאַסען און אַרויספיהרען די נבלות פון געפּגרטע הינד און קעץ... איז נאָך וועניג, נעמט זי זיך אַצונד נאָך צו שחיטה. שחיטה, זאָגט די חברה, איז איין עולה! קיילען מוז מען, נישט שחטען! אין שחט — בעסער געזאָגט: אין קייל־הויז פאַלען נישט דערשלאָגענע אָקסען, נאָך פאַר יציאת נשמה ציהט מען פון זיי אַראָב די הויט.

נור מיט די העקער־יונגען וויל די חברה נישט אָנהויבען; מיט יודען איז לייכטער. אויך האָט מען דאָ אַ גרייטע ליטעראַ־טור. וועניג האָט מען געגען שחיטה געשריבען? מען דאַרף נור איבערזעצען און פאַרשטעלען וואו מען דאַרף...

וואָס מען האָט פּאַר שחיטה געשריבען, האָט אַפילו דער הויך־געלעהרטער „פּשעגלאָנד־טיגאָדניאָווי" נישט געלעזען! און

דעריבער פרעהט ער זיך אזוי, וואָס די חברה צער בעלי חיים נעמט זיך צו אזא ניצליכע זאך, ווי מבטל זיין שחיטה.

„ערשטענס, איז א י ד ו ע ל כ ל — שרייבט ער — אַז שחיטה איז נישט מענשליך". די מענשליכקייט פערלאַנגט: קיילען! אַ האַק אין קאָפּ אַריין, איז איינער צו ווייניג — נאָך אַ זעץ... ביז צום דריטען און פיערטען מאָל... די הויט דערוויל מעג מען שינדען...

צווייטענס, האַלט דער „פשעגלאָנד" זעהר פון די אויס־לענדישע פרייע לענדער און אַז מען האָט אין דער שווייץ גע־אַסרט שחיטה, קען ער איהר קיין גוטער פריינד נישט זיין!

און יודען — זאָגט ער — וועט מען אויך דערמיט קיין רעה נישט טהון. צו טרפות איז זיך זעהר לייכט צו צוגעוועהנען, אַ והא ראיה: אין דער שווייץ האָט מען זיך שוין צוגעוועהנט! אויסער, נאַטירליך, די זעהר פרומע נאַראָנים, וואָס ברענגען זיך פלייש פון עסטרייך...

„דערפאַר — שרייבט ווייטער דער „פשעגלאָנד" — וואָלט רעגולירט געוואָרען דער האַנדעל מיט'ן פיה". וואָס פעהלט דעם האַנדעל מיט פיה און ווי אזוי מען קען איהם העלפען? שרייבט ער נישט. נור — אַז ער זאָגט, זאָגט ער... טרויעריג איז אָבער, וואָס די היינטיגע רעגיערונג וועט נישט אָנרידהרען קיין רעליגיעזען געברויך.

צי איז ווירקליך די גאַנצע געזעלשאַפט דורך און דורך פערסמט מיט'ן נאַרישסטען האָס צו יודען? ווער ווייסט? אפשר ש ו ו י י ג ע ן נור די גוטע?

3.

קיין סך נגונים האָט קיין שאַרמאַנקע נישט. און נעהמט יעצט דאָס ליעדעל „גוי ששבת", וועט עס געהן און געהן צום דול ווערען.

שציעפאַנאָוו איז אַ דאָרף. אַז שציעפּאַנאָוו איז אַ דאָרף, האָט עס אַ פריץ, האָט דער פריץ — אַ ווינד־מיהל, דינגט די־

ווינר־מיהל א יוד, שטעהט די ווינד־מיהל שבת, דרעהט זי זיך זונטאָג!

און שציעפאַנאָוו איז נישט אין אֶרץ ישראל, נישט אין אוגאַנדאַ; אַפילו נישט אין ענגלאַנד, וואו מען חלש׳ט אַ יוד צו פערזאָרגען, אַפילו ניט אין פראַנקרייך, וואו מען יאָגט די הייליגע שווארצע מענשעליך און עס האַלט כמעט ביי פערמאַכען די קלויסטער. שציעפאַנאָוו איז אַ דאָרף אונטער לאָמזשאַ, לאָמזשאַ איז אַ שטאָדט אין פוילין, וואו עס הערשען די „ראָלאַ״, און די „קראָניקאַ ראָדזינאַ״ און דער „פשעגלאָנד קאַטאָליצקי״, און די „ניווא פּאָלסקאַ״, וכדומה...

פאַר וואָס דרעהען זיך די פליגעל פון דער קאַטוילישער ווינד־מיהל אויף דער קאַטוילישער ערד אום זונטאָג און שטעהען שבת? ווייל די קאַטוילישע ווינד־מיהל אויף דער קאַטוילישער ערד האַלט אַ יוד. פאַר וואָס האַלט זי אַ יוד? ווייל ער האָט געגעבען אַ רובל שכירות מעהר. פאַר וואָס האָט ער געגעבען אַ רובל מעהר? צי ווייל ער האָט דעם פריץ ליעבער? אַ קלאָג איז דער ליעבשאַפט! ווען זיי זאָלען ליעב האָבען דעם פריץ, וואָלטען זיי נישט געדעדט פון פאַלעסטינאַ. אפשר ווייל אַ יוד דאַרף וועניגער און וויל וועניגער פערדינען? חס ושלום. אַ יוד דאַרף מעהר! רעכענט: געפילטע פיש אויף שבת, ווייסע חלה אויף יום־טוב, אויף פורים — מיט זאַפרען, חדרים פאַר קינדער, מקואות פאַר ווייבער, היינט — קהילה־געלד פאַר שוחטים און רבנים אין דער נאָהענטער שטאָדט אַריין, שקל־געלד פאַר׳ן ד״ר הערצל קיין וויען, אונטערצושטיצען די האַקאַטע אין בערלין... אלא מאי? טאַקי להכעים! נישט מעהר ווי להכעים דעם קלויסטער! דאָס גרעסטע נחת האָט אַ יוד, אַז ער זעהט, ווי אַ קאַטוילישע ווינד־מיהל דרעהט זיך אום זונטאָג און שטעהט אין זיין הייליגען שבת...

דאָס זעלבע איז מיט דער שמידעריי פון זעלבען פריץ, אין זעלבען דאָרף. ווי קומט אַ יוד צו אַ שמידעריי? זינט דער רבונו של עולם האָט פערשאָלטען אָדם הראשון און זיינע קינדער מיט דער אַרבייט, בעמיהט זיך דער יוד אַלץ אינאיינעם

די גאַנצע קללה זאָל פאַלען אויף נוי׳שע קעפּ און ער זאָל אַוועק־קייפען דאָס גאַנצע ביסעל נאַפט אין באַקו אָדער האַנדלען מיט אַלטע הויזען. עשו האָט געאַרבייט אויף דער בכורה, יעקב האָט זי אויסגענאַרט פאַר אַ ביסעל אַרבעס. פון מצרים, וואו מען האָט געמוזט אַרבייטען, איז מען אַנטלאָפען אין מדבר אַריין, וואו מען קריגט, אָהן אַ שפּור פון אַרבייט, מן און שלו פון הימעל און וואַסער פון שטיין. אין ארץ ישראל האָבען געאַרבייט די פלשתים מיט גבעונים און יודעלעך האָבען זיך געשפּאַצירט „עולי־רגל"... דערנאָך איז זיי דאָס אויך נמאס געוואָרען, און איבערגעקייפט טיטוס׳ן, ער זאָל זיי פערטרייבען, ער זאָל הרב מאַכען דאָס בית המקדש, וואָס האָט פערלאַנגט קרבנות, מיט׳ן לאַנד, וואָס האָט פערלאַנגט אַרבייט, און פער־שפּרייטען די יודעלעך צווישען די אומות העולם, זיי זאָלען האָבען לייכטע פרנסות — נאַפט אין באַקו, אַלטע הויזען, פאַלשע לאָזען וכדומה... נור אַז דאָס „בית־המדרש" וויל להכעים טהון דעם קלויסטער, געהט אַ יוד און שטעלט זיך אַפילו פאַר אַ קאָוואַל! פערשוואַרצט ער זיך די אָרבעל און קאָוועט דעם פריץ׳ס פערד, פערשטעהט זיך אום זונטאָג, וואָרום אַ גאַנצע וואָך האָבען דאָס פערד ווי דער פאָרנאַל קיין צייט ניט!...

און זונטאָג, די גלאָק קלינגט און דער יודישער האַמער קלינגט אינ׳ם גלאָק אַריין! אָבער שבת — חס־ושלום! שבת שטעהט די קוזניע אין שציעפּאַנאָוו, פונקט ווי אין באָגושיצע, אין וורזשעשטש, און גאָט ווייסט וואו נאָך עס אַרבייטען יודישע קאָוואַליעם — פערהאַמערט, חאָטש האַק און בראָק, חאָטש ברען און בראָט, שבת אַרבייט ער נישט!

און פערקעהרט, וואו מען קען שאָדען אַ קריסט מיט חלול־שבת, איז מען מחלל שבת. דער רב כלומר׳שט בייזערט זיך, קהל שרייט דאָס איז אָבער נור לפנים; מען מיינט עס נישט ערנסט. פערקעהרט, מען ווייסט, אַז אַנדערש וועט דער יודישער מסחר, געגען דעם קריסטליכען, קיין קיום נישט האָבען!

אַז מען האָט פאַלשע מאָס און וואָג, שלעכטע סחורה און

הויכע פרייזען, מוז מען שפעקוליערען אויף דער צייט, אויף די טעג, ווען די קריסטליכע געוועלבער און קראמען זענען גע־שלאסען. און ערשט ניט לאנג, — ווייסט די „נייווא פאלסקא״ — האט זיך אבגעשפיעלט אויף דער מארשאלקאווסקא גאס אזא מין קאמעדיע:

צו א כלומר׳שט גאנץ ארענטליך יודעל, וואס האלט אפען דאס געוועלב אום שבת, זענען אריינגעקומען דריי כלומר׳שט גאנץ ארענטליכע יודען פון גאס און האבען זיך איהם געבויגען און געגריסט מיט א שענעם „גוט מארגען!״, און אזוי געזאגט: „ר׳ יוד, נאך וואס פערזינדיגט איהר אייער נשמה און האנדעלט אין הייליגען שבת? צי איז אייער נשמה א ווישקראביק פון א פרעמדער מולטער און איז נישט געשטאנען ביי׳ם בארג סיני און נישט געהערט, אז זעקס טאג האט גאט געארבייט און בעשאפען די וועלט, און דעם זיבענטען טאג האט ער גערוהט?״

דערויף האט זיך דער כלומר׳שט שענער יוד, וואס האלט אפען דאס געוועלב אום שבת, צוריק געגריסט און מיט א שענעם „גוט יאהר״ צוריק געבויגען, און געענטפערט און אזוי געזאגט: „רבותים, נעמט די פיס אויף די פלייצעס און געהט צו אל׳די שווארצע יאהר״... און אזוי זאגענדיג האט ער גאר פריינדליך געשמייכעלט.

און די דריי כלומר׳שט ארענטליכע יודען זענען ארויס־געגאנגען פון קראם און האבען אויך געשמייכעלט, און איינער צום צווייטען האט געוואונקען מיט נחת: יוצא געווען געגען גאט און געגען קהל — ער וויל נישט, און אז ער וויל נישט, קענען מיר אויך ניט וועלען...

און פיעל, פיעל יודישע געוועלבער לייזען אום שבת און דעריבער מוזען די קריסטליכע סוחרים האלטען אפען די קראם אום זונטאג!...

נעביך!

און פון דעסטוועגען הויבט זיך דער קריסטליכער מסחר. אט דער זייפען־זיידער פון וואלסקא גאס נומער 13. די „ראלא״ ווייסט, וואס יודען קאנקורענטען האבען אויסגעארבייט אונטער־

צובריינגען דעם קאַטוילישען זייף. עס איז זיי אָבער נישט געראָטען... דער זייפען־זיעדער וואַקסט און וואַקסט און שטעלט שוין צו זייף אין די שפּיטעלער אַריין...

דערפאַר אָבער וואַקסען ביי אונז אַנדערע פרנסות. אַ מאָל פלעגט מען זיך דרעהען אַרום דער באַנק און — לעבען דערפון, האָט מען עס פערוועהרט. מען פלעגט האָבען שענקען, אויף יעדען ווינקעלע אַ שענק — מאַכט זיך אַ מאָנאָפּאָל! מען פלעגט האַנדלען מיט פּראָצענט, היינט, אויכער בסיד סודות — חס ושלום, מען זעצט אַיין! יודישע זייפען־זידעריי וועט אויך פאַלען, וואָלסקאַ נומר 13 וועט זי אַודאי אַיינשלינגען... זיין ליבער נאָמען שיקט אָבער די רפואָה פאַר דער מכה: אויפ'ן אָרט פון דעם אַלעם וואַקסט די ליטעראַטור!

אַ גאַסט איז ביי מיר געווען, אַ ווייטער קרוב, לא עליכם, אַיין אָרימאַן.

— איך בין אַיך געקומען בעטען אויף אַ חתונה...

ער מאַכט חתונה די זיבענטע טאָכטער. נדן האָט ער שוין בעלעגט, חתונה־קליידער — געמאַכט, די „פּאַפּירען" זענען פאַרטיג, די סאַליע און כלי־זמר געדונגען, נור אויף אַ סעודה פעהלט איהם. חאָטש עטליכע פינט פיש...

— נעהמט איהר האָטש, פרעג איך, אַיין אײדעם אַ פרנסה־געבער?

— נאָך ווי הייסט, זאָגט ער, אַ פרנסה־געבער!

ער אַליין איז נאָך פון דער אַלטער וועלט, ער וואָלט געהאַט אמונה און בטחון, ער ווייסט אַז גאָט פערלאָזט נישט.

— אָט, זאָגט ער, ווי איהר קוקט מיך אָן, לעב איך שוין אַ יאָהר 40 אָהן אַ קאָפּיקע! און קיין פאַך אין דער האַנד האָב איך אויך נישט, איהר ווייסט דאָך! און, זעהט איהר דאָך — איך לעב!

ווי אַזוי ער לעבט דאָס איז שוין אַיין אַנדערע שאלה...

די טאָכטער אָבער איז שוין אַ היינט־וועלטיגע, זי וויל דוקא אַ פאַרטיגען פאַרשוין, אַ פרנסה־געבער... און ער האָט איהר געפונען... עס האָט אַפילו לאַנג געדויערט, זי האָט זיך

אַ ביסעל געעלטערט, די טאָכטער; נור געפונען, וואָס איהר האַרץ האָט געגלוסט, האָט ער.

— וואָס איז ער, אַייער קינפטיגער איידעם? פרעג איך.

— אַ שרייבער! ענטפערט ער שטאָלץ.

— אין אַ וואַלד?

— חס ושלום... פאַר וואָס אין וואַלד? אַ קראַנקער איז ער, חס ושלום, וואָס?

— אין שטאָדט, אין אַ געשעפט?

— אין שטאָדט, אָבער ניט אין אַ געשעפט, אַ גראָבע זאַך וואָלט מיין טאָכטער נישט געוואָלט. זי איז אַפילו נור אַ נייטאָרין, נור אַ איידעלעם געשמאַק האָט זי, היינטיגע צייטען — אַ שרייבער אין אַ צייטונג איז ער!

— ווי הייסט ער?

ער זאָגט מיר אַ ווילד פרעמדען נאָמען.

— אַ פרישער טאַלאַנט?

— אָבער גאָר אַ נייער. צאַפּעלדיג פריש פון דער נאָדעל... ער לערנט זיך נאָך צו אַ ביסעל גראַמאַטיקע מיט אויסלעגען. נור מען שלאָגט זיך שוין איבער איהם. סאָקאָלאָוו רייסט איהם ביי דער פאָלע צו דער ענציקלאָפּעדיע. „אַחיאָסף" שרייט, זי קאָן אָהן איהם ניט ענדיגען דעם „לוח", „האור" וויל איהם פאַר אַ סעקרעטאַר; זאָל זיך נור לייזען, — שרייבט מען איהם — וועט זי איהם צאָהלען אַ רובל 40 אַ חודש, לכל הפחות! היינט גיט רייזען אַרויס אַ זאַמעל־בוך, וויל ער חאָטש אַ נאָוועלע. ווי הייסט, זאָגט ער, דו ביזט אַ יונגער, מוזט דו אַרבייטען מיט יונגע. אַ ניט, וויל ער חאָטש אַ שיר'ל, אַ פיצעל באָדיי, אַבי צום בעשמעלצען!... היינט דער „העולם" — 2500 רובל האָבען זיי שוין, קוים וועלען זיי האָבען 30 טויזענד, מאַכען זיי איהם פאַר אַ רעדאַקטאָר! גאָר פשוט!

— און דערווייל? האַק איך איבער די גליקען.

— איך האָב דאָך אַיך געזאָגט: דערווייל לערנט ער צו גראַמאַטיקע מיט אויסלעגען...

— באַ, גיט ער צו מיט אַ זיפץ, ער זאָל שוין קענען

גראַמאַטיקע מיט אויסלעגען אויך, וואָלט ער זיך געלאָזט אָב-גילטען... וואָלט איך צו איהם נישט געקומען; ער וואָלט איינגענומען די וועלט!

— און ווי אַלט איז ער? פרעג איך.

— אַ יאָהר 19.

— מען וועט איהם נאָך צונעמען צום מיליטער?

— חס ושלום, — זאָגט ער — אַ קאַליקע!

4.

דעם טאָג, ווי שען ער זאָל זיך נישט אָנהויבען, דאַרף מען ניט גלויבען. ער הויבט זיך אַמאָל אויף מיט אַ פּנים פון אַ רחמנות'דיגען מליץ-יושר, און געהט אונטער — אַל'דאָס-בייז זאָל אַזוי אונטערגעהן.

דער גרויסער דיכטער אָסיאַן האָט עס אַמאָל געזאָגט בדרך משל:

אַ יעגער — האָט ער בעשריבען — האָט זיך אַמאָל אין אַ שענעם העלען פריהמאָרגען געלעגט אָברוהען אויפ'ן שמעקענ-דיגען גראָז, אין פרישען, גרינעם, זינגענדיגען וואַלד, אונטער אַ בוים — אַ קדמון, וואָס האָט איהם איינגעשלעפערט מיט'ן זיסען גערויש פון זיינע פרישע בלעטער, און איינגעפליסט די בעסטע חלומות מיט'ן געזאַנג פון צווישען זיינע צווייגען, — ווי נור אַ מוטער קען איינוויגען און איינשלעפערען איהר איין-איינציג קינד מיט איהר זיס-האַניגדיג וויגען-ליעד...

נישט לאַנג האָט עס געדויערט!

דעם יעגער האָט אויפגעוועקט אַ דונער! און, אַז ער האָט די אויגען געעפענט, איז ער שוין כמעט געשוואומען אין אַ טייך פון רעגען-וואַסער פון די אַרומיגע בערג...

און איז אייך אָסיאַן וועניג, נעמט אַ מעשה פון האָמעל: די, וואָס דאַרפען אַלץ זעהען פאַראויס, האָבען נישט די טבע הויך אַרויפצוקוקען, און האָבען נישט געזעהן דעם פאַגראַם, חאָטש ער האָט שוין געשוועבט איבער'ן שטערטיל אין דער

לופטען, ווי א נייער, וואס קרייזעלט ארום, אויסקוקענדיג זיין רויב פון דער הויך! נור די יודישע הערצער האבען שוין גע־צאפעלט. זיי האבען געפיהלט, אז עס קומט א צייט, ווען א „גשם אלהים" וועט זיין, נישט קוקענדיג אויף זיין שענקייט, א געפעהרליכע זאך, און אויפוועקען קנאה־שנאה!

און וואס דארף איך א סך ראיות? איין אלטער פיליסטער האט אמאל געזאגט: גלויב נישט דעם שענסטען טאג! און פון דעמאלט אן געהט קיין עבטער בעל־הבית אהן א רעגען־שירם נישט פון שטוב ארויס...

איך בין אייך נור געקומען זאגען, אז איך אליין האב אויך איבערגעלעבט אזא טאג, א טאג וואס האט זיך געעפענט ווי א שמאלץ־גרוב פון נחת, און פערשלאסען טאקע — ווי איין אמת קבר.

און דאס נחת האב איך באלד אין דער פריה נאך אין בעט אפילו געהאט, דען איך בין געוועהנט דורכצוווארפען די פאסט: בריעף און צייטונגען אין בעט, און טאקע די לעצטע האבען מיר געבראכט די ישועות ונחמות.

ערשטענס, האב איך פון קיינעם קיין מאהן־בריעף בעקו־מען, חאטש שולדיג בין איך איבער'ן קאפ, ווי עס פאסט פאר א קליינעם סוחר... אדער מיינע נושים זענען צו רייך גע־ווארען, און עס פאסט זיי נישט צו מאהנען; אדער — צו ארים און האבען אויף קיין פאסט־געלד נישט געהאט, אדער זיי האבען מיך שוין לאנג ארויפגעשטעלט אויף דער קאנטא פון היזק און אוועקגעמאכט מיט דער האנד — — —

צווייטענס — איין אנגענעהמע דעפעשע אין „קוריער־ווארשאווסקי", ווי אויך אין אנדערע, זיינע קאנקורענטען. און נישט די דעפעשע איז אזוי אנגענעהם, ווי דאס, וואס עס פעהלט אין דער דעפעשע.

ביי די לעצטע וויבארעס אין פויזען, האט א יוד א אויס־קלויבען בשום אופן נישט דערלאזט, עס זאל אויסגעקליבען ווערען א פוילישער פרעזידענט; ער האט זיך איינגעשפארט און וויל דוקא א דייטש... און אצונד שטעלט אייך פאר, אז, א חוץ

עטליכע אָפען־אַנטיסעמיטישע בלעטער, האָט קיין איינציגער נישט פערגעסען אויסצושטרייכען דאָס יודישקייט פון די אויסקלויבער!...

עס פאַלט מיר אויף קיין סעקונדע נישט איין, אַז די בלעטער האָבען אַזוי געטראַכט: „אויב מען פערלאַנגט, על פּי דין פון אַסימילאַטאָרישען שלחן ערוך, פון יודען, זיי זאָלען נישט האָבען קיין אייגענעם פּאַטריאָטיזם נור דוקא אַ פרעמדען, מוז, געבען דעם יודיש־פּולישען, אויך אַ יודיש־דייטשער פּאַטריאָטיזם עקזיסטירען, ווי אויך אַ ענגלישער פראַנצויזישער, אַמעריקאַנישער א. ד. גלייכען, הייסט שוין אַ יודיש־פּאַנאַמישער פּאַטריאָטיזם אויך! און עסטרייך מוז גאָר זיין אַ פערמישעניש פון אַלערליי יודישע פּאַטריאָטיזמען. נאָך וואָס־זשע זאָלען מיר אַרויסשטעלען דעם יוד?" ווי געזאָגט, איז מיר דאָס גאָר נישט איינגעפאַלען! דאָס וואָלט שוין געווען צו עהרליך און צו קלוג פאַר טעגליכע גאַסען־בלעטער פון געוויסען סאָרט. זייער עהרליכקייט טרעט אַרויס נור געגען שטאַרקערע. וואָס לאָזען זיך נישט בייסען נור בעטען, און זייער חכמה איז אַ בלימעל, וואָס וואַקסט קיין מאָל נישט העכער פון זוים פון באַרג, וואו די בהמות פּאַשען... אלא מאי? מען רעכענט זיך מיט'ן יודישען אַבאָנענט! דאָס איז אויך שוין אַ גוטע זאַך, אַ סימן, אַז מיר שטאַרקען זיך אין, לעבעדיג אַ בלבול, זאָגט מען שוין נישט: „דאָס מיינט מען יענעם, דעם מאוסען יוד, און נישט מיך, ווייל, איך בין אַ שענער"! מען ווייסט שוין. אַז אַלע זענען שען פאַר זיך און מאוס פאַר פרעמדע! אפילו אין דער דייטשער שוהל, דערצעהלט מען, ווערט ביים „לייענען" שטיל אָבגערעדט, וועלכע בלעטער מען זאָל שטיצען, און וועלכע עוקר מן השורש זיין... נישט וואָהר — אַ נחת?

דריטענס איז מיר אין דער האַנד אַריינגעפאַלען איין אַנאָנימער צירקולאַר. וואָס ראָטה: מיר, יודען, זאָלען מאַכען יד אַחת. און אָבזאָגען דעם „קוריער וואַרשאַווסקי"! חאָטש איך וויים פּאָזיטיוו, אַז דער „קוריער וואַרשאַווסקי" איז נישט ערגער און נישט בעסער פאַר זיינע חברים; חאָטש איך וויים גאַנץ

זיכער, אַז דער צירקולאַר קומט נישט אַרויס פון אונזער צד, נור פון „קוריער וואַרשאַווסקי'ס" קאָנקורענטען, וואָס ווילען דאָס יודיש וואַסעריל זאָל געהען אויף זייער מילכעל, פרעה איך מיר דאָך! פרעמדע האַלטען אינז פאַר אַ קראַפט! מחוץ למחנה גלויבט מען אין אונזער סאָלידאַריטעט! און, ווייסען ווייס איך, אַז נישט איין גוטע זאַך האָט מען ביי אונז אַרויסגעריסען פון ד'רויסען! דער ערשטער ציוניסט, למשל, איז געווען אַ פראָקוראָר, וואָס האָט דערצעהלט פון אָפענע גרעניצען!

איך נעהם מיך צוריק צו די בלעטער און ו'ער געוואָהר, אַז די אָפענע אַנטיסעמיטען האָבען, נישט פאַר אייך געדאַכט, אַ גרויסען מכשול געהאַט. איין אַנדערער וואָלט שוין דעם האַ"ז געבראָכען, זיי, וואָס שטיצען זיך אויפ'ן פאָלק מיט'ן קלויסטער, ווילען עס אויך נישט אַזוי לייכט איבערקרענקען. און די מעשה איז אַ שענע: זאַלץ אין די אויגען איז זיי פון אייביג אויף די „גאַזעטאַ האַנדלאָוואַ", וואָס שטעקט ווי עס איז אין יודישע הענד, און האָטש זי טרעט אַרויס געגנוג שאַרף געגען ציוניזם און (יודישען, נאַטירליך!) נאַציאָנאַליזם, רעדט זי פאָרט אַמאָל אַ גוט וואָרט פאַר די „בירגער פון מאָזאַאישער קאָנפעסיאָן" און האָט נאָך גאַנץ אָפט אַ מאוס'ן ריח פון יודישער חוצפה. יודישע חוצפה האָט זי, למשל, בעוויזען ערשט נישט לאַנג, ווען עס איז געגאַנגען וועגען אַ פאַטריאָטישען ביין צום אָבלעקען, דער וואַרשויער מאַגיסטראַט האָט בעקומען איין אויסלענדישע הלואה פון 33 מיליאָן אויף שטאָדט-זאַכען, האָט די פרעסע פערלאַנגט, זי זאָל זיין פאָרגעשטעלט אויף די אַסיפות וועגען די חשבונות פון דער הוצאה והכנסה. ערשטענס, איז עס כבוד, צווייטענס אַ מין שטיקל פרייהייט, דריטענס, ווי געזאָגט — אַ ביין צום אָבלעקען: נאָך אַזוינע אַסיפות דערלאַנגט מען צו פערבייסען! און פיערטענס — וואו חשבונות, קען אַריינפאַלען טעותים, טעותים דאַרף מען פערגלעטען און פון פערגלעטען און העלפען פערגלעטען לעבט נישט איין פובליציסט... וואָס טהוט די „גאַזעטאַ האַנדלאָוואַ"? אין סאַמע-ראָדנער היץ פון זיך מקריב זיין לטיבת הכלל, טרעט זי אַרויס מיט אַ קאַלטער עצה טובה פאַר'ן

פאַניסטראַט, ער זאָל זיך לאָזען חאַפּען אין דער גראָבער נעץ פון פאַטריאָטישער חנופה, און נישט רופען די עם־הארצים צו אסיפות וועגען זאַכען, פון וועלכע זיי האָבען קיין בעגריף נישט! פערשטעהט זיך, אַז אַלע „פּעודער־בייסער", „בראָטען דרעהער", פּאַטריאָטיזם־הענדלער און אַנטיסעמיטען, אַזוי אָפּענע, ווי בע־האַלטענע, וואָס פערקויפען די סחורה, ווי אויסלענדישע ציגאַרען בסוד סודות פון אַ בעהעלטעניש אַרויס, און גלאַטע „הויט־שינדער", וואָס לעבען האַלב דערפון, ווייל די אַנדערע העלפט נעהמט צו דער סטיליסט, אַז די אַלע זענען אַרויס פון די כלים! הונדערט נמרוד'ס האָבען זיך געלאָזט געגען איינציגען יודישען פוקס, און די „גאַזעטאַ האַנדלאָוואַ" האָט זיך, — אַ וואונדערליכע זאַך! — נישט דערשראָקען. פאַרקעהרט, זי האָט נאָך די העזה געהאַט אַרויסצוטרעטען מיט אַ בייז אַרטיקעל געגען די הנהגה אין שפּיטעלער...

דער שרייבער פון אַרטיקעל איז, מיט דער הנהגה אין די קראַנקען־הייזער, זעהר נישט צופריעדען. מען בעהאַנדעלט דעם קראַנקען לויט דער אַלטער מאָדע, לויט דער אַלטער פילאָזאָפיע פון איוב'ס חברים נאָך, וואָס האָט געגלויבט, אַז יעדע קרענק איז איין אָנשיקעניש, אַ שטראָף פון גאָט, וועגענס־טענס איין אָבקומעניש פאַר שווערע זינד.

וואָס בלייבט, ביי אַזאַ אַבערגלויבען דעם קראַנקען צו טהון? תשובה טהון, אין האַרץ אַריין זיך קלאַפּען, מוסר הערען פון גוטע און פרומע לייטס מויל, און אין איין וועגס וידוי זאָגען, קלאַפען זיך על־חטא און אויסשטרעקען די האַלז געגען מלאך המות'ס חלף...

היינט — מיינט דער שרייבער — זענען אַנדערע צייטען. מיט'ן קראַנקען האָבען מיר מיטלייד, מיר ווילען איהם היילען, שטאַרקען, אָבשוואַכען וועניגסטענס דעם וועהטאָג, הויבען דעם הומאָר, צ׳יאָגען די מרה שחורה, פרייער און לעבעדיגער מאַכען. אין שפּיטאָל איז אָבער אַלץ פערקעהרט. אַלץ וואַרפט אויפ'ן קראַנקען פחד און מרה שחורה. ערשטענס, איז דאָס שפּיטאָל אַ מין תפיסה, מיט „סווידאַניעס" איינמאָל אין וואָך פאַר

די נאָהענסטע קרובים. צווייטענס, איז אַלץ וואָס רינגעלט אַרום דעם קראַנקען, פער'מרה־שחורה'ט, גרוי אָדער שוואַרץ, פון דאָקטאָר ביז צום פעלדשער, פון די ווענד, ביז דער הייליגער שוועסטער אַפילו ביז'ן שוואַרצען קרייץ אין זאַל...

דאָס האָט שוין איבערגעוואויגען אַלעס! סטייטש, אַ יוד האָט די העזה אונז מוסר צו זאָגען, אפיקורסות צו לערנען און נאָך אַ דעה זאָגען וועגען דעם קאָליער פון קרייץ?

וואָס לאָזט זיך אָבער אויס? די אָפענע אַנטיסעמיטען האָבען אַ מכשול געהאַט. עס איז גאָר קיין יודיש אַרטיקעל נישט געווען, עס זענען געווען, ווי עס האָט זיך אויסגעוויזען, איניציאַלען — ראשי תיבות — פון איין אמת קריסטליך־פוילישען שרייבער פון אבות־אַבותיו, אָהן אַ טראָפּען יודיש בלוט אין די אָדערן...

און פון דעם מכשול שעפּ איך אויך נחת. מען האָט גע־געוואָלט אונזער איינציג יודיש־אַסימילאַטאָרישע צייטונג ווייטער אָבקרעלען ווי אַ ד ב ר א ח ר, נאַ דיר — עס איז גאָר אַ קריסט!...

נחת האָב איך געהאַט אפילו פון „פשעגלאָנד טיגאָדניאָווי”, חאָטש ער האָט פון אַ קורצער צייט אָנגעהויבען ציטערן, מען זאָל איהם נישט האַלטען פאַר אַ פילאָסעמיטיש בלאַט, און דאָך געפין איך דאָרט אַ ידיעה, אין וועלכער איך שמעלץ מיך, ווי אין סמעטאַנקאָוועז פוטער. „די בעסטע פוילישע דעקלאַמאַטאָרקע — שרייבט דער פשעגלאָנד — האָבען מיר שוין פאַר עטליכע יאָהר געזאָגט, (און דער „איזראַעליט” האָט אַודאי מיט גרוים נחת איבערגעשריבען) איז העלענאַ אַרקאַווין, און אויב עמיץ קען מיט איהר קאָנקורירען, איז עס נור מאַריע גלאָס”. און ווייסען ווייס איך, אַזביידע, אי העלענאַ אַרקאַווין, אי מאַריע גלאָס זענען יודישע טעכטער. אמת, קיין איינציגע פון זיי וועט אפשר נישט קענען און נישט וועלען דעקלאַמירען עפּיס פון ביאַליקען אָדער ראָזענפעלדען, אָבער — אַ כבוד איז דאָס! איין אַסימילאַ־טאָר דאַרף פון דער הויט אַרויסשפּרינגען!

היינט עטליכע קלייניגקייטען: ערגעץ אין דער פּראָווינץ

זענען צוויי פּריצות געווען אויף אַ יודישער חתונה, ביי אַ גביר'ס אַ זוהן צו אַ טאָכטער. און זענען, דער „ראָלאַ" צו צערזעצעניש, געשטאַנען ביי דער חופּה מיט הבדלות אין דער האַנד! איך גלויב. אַז ווי דאָס פאָר־פאָלק וועט נישט לעבען, די פלעמלעך פון די חופּה־הבדלות, און קריסטאַליכע הענד וועלען זיי בעשיינען און בעלייכטען דעם וועג פון מענשליכען לעבען — פון „ויסער" ביז „ויחנו"...

היינט האָבען דריי פּריצים זיך צוזאַמענגעלענט און מנדב געווען 150 רובל אויף די קרושנעוויצער שוהל. די דייטשע שוהל אין וואַרשוי האָט נור די זכיה צו נדבות און מתנות פון פריש געטובל'טע, דאָרט — פון אמת'ע און געווים עהרליכע קריסטען, און ווייטער דאָס זעלבע: די „ראָלאַ" פּלאַצט!

נאָך מעהר: אין קאָמיטעט פון מלאַווער פילהאַרמאָניע איז אויסגעקליבען געוואָרען אַ יוד אויך, און די „ראָלאַ" ציטערט, ער זאָל נישט בעהערשען די גאַנצע פילהאַרמאָניע און נישט הייסען זינגען און שפּיעלען מה־יפית.

און די וואַרשויער פילהאַרמאָניע? צווישען די וועלט־אַרטיסטען, וואָס זי ברייננט היי־יאָהר אַראָב, צו בעלעבען דעם מוזיקאַלישען סעזאָן, וועט זיין אַ גרעסערער פּראָצענט יודען ווי צווישען די מעסער־לייט פון דזיקאַ גאַס!

וואָס נאָך זאָל איך אייך דערצעהלען?

דער „בעל כרחו יענה אָמן" איז אויך מקוים געוואָרען. דער אַנטיסעמיטישער „וויעק", וויל פאַר ניי־יאָהר זיך אינטערע־סאַנט און לעבעדיג מאַכען און גיט אַ גאַנצע רייהע אַרטיקלען וועגען דער יודישער פראַגע.

און ווען געטרויט דער אַנטיסעמיטישער „וויעק" זיך לעצט מיטעל פאַר'ן ניי־יאָהר? אונזער איינעם אין די הענד אַריין! „אָהר" האָט עס איבערגענומען און גיסט, און גיסט כמעט יעדען טאָג „לויט בעפעהל" — אַ יוד טהוט אַזוי זיינס, אַזוי וואָס מען הייסט איהם, בשלמות, מיט'ן גאַנצען הארץ!

און נאָך: פאַרהאַן אַ האָפנונג, אַז פון ניי־יאָהר וועט די צאָהל פון וואַרשויער נאָבען־פערד פערמינדערט ווער'ען.

ערשטענס, פערגרעסערט זיך די צאָהל פון אויטאָמאָבילען און צווייטען, זאָל מען אויסשפּאַנען די פערד פון די טראַמוויים און בעוועגען זיי מיט עלעקטריטעט אָדער אפשר **געדיכטער** לופט, וואָס ווארשוי פערמאָגט אויפ'ן העכסטען גראַד...

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבען דער טאָג, נור ווי אַזוי ער האָט זיך געענדיגט, וויל איך אייך אויך דערצעהלען. אַרויסגעגאַנגען פון שטוב בין איך אַ געהויבענער, צוריק געקומען — אויף אלע שונאים געזאָגט!

נישט ווייט פון דער היים, באַלד אויף דער „וואַרימער" גאַס, בין איך שיער ניט אַרויס פון די כלים.

אַ סצענע אין מיט'ן גאַס:

אַ רעדעל פאַר דער פאַבריק פון אייזערנע בעטען.

אין מיט'ן רעדעל שטעהט אַ פרוי מיט אַ **שוואַרץ פערשמיערט**, — איין אַרבייטער מיט אַ **דערשראָקען**, — און אַ גאָראָדאָוואָי מיט אַ „שאַלת-חכם" אויפ'ן **ברייטען** פנים. דאָס רעדעל אַרום זענען קריסטען. יודען געהען פאַרביי איילענדיג; וואו עס מאַכט זיך אַ גערעדעל, איז אַ יודיש פנים געפעהרליך. איך האָב, גאָט זיי דאַנק, אַ טאַטאַריש פנים, שטעל איך מיך אָב און הער וועגען וואָס עס געהט!

און געהן געהט דאָס וועגען אַ שמיער מיט שוואַרצע הענד פון אייזען איבער אַ ווייס דאַמען-געזיכט.

די דאַמע שרייט: וו אוציאַסטאָק!

דער אַרבייטער מיט דער פאָליע אין גאָראָדוואָיס האַנד בעט זיך אָב. ער איז נישט שולדיג. ער האָט געמיינט, עס איז אַ יודיש קינד.

די דאַמע שרייט נאָך העכער: „וו אוציאַסטאָק"; אַ צונד האָט ער זי נאָך מעהר בעליידיגט. צי איז זי דען ע‏הנליך צו אַ יודישער טאָכטער? פאַר וואָס זאָגט ער, אַז ער האָט געמיינט?

דער גאָרדאָוואָי איז נוטה צו גלויבען, אַז עס איז „אַ טעות גוי מותר" —

דער עולם קוקט אַראָב אויף די דאַמע, פרובענדיג

צי האָט זי באמת נישט קיין עהנליכקייט צו א יודישער מאַבטער — — —

פלוצלונג ג־ט דער נאַראַדאָוואַי א געשריי: וואָס פאַר א רעדעל מאַכט זיך עס? אַלע רוקען זיך קוים, קוים און פאַמעליך אָב, און איך האָב מיך פלוצלונג דערשראָקען און אַנטלאָפען און וויים עד היום נישט, מיט וואָס די מעשׂה האָט זיך געענדיגט. רחמנא לצלן, א מאָל קומט די נשמה אין די פּים אַריין!

אַנטלאָפען בין איך אויף דער טוואַרדע גאַס און האָב מיך אָבגעשטעלט מיט דער נשמה אין די ציטערדיגע פּים, ביי דער סטאַנציע פון געלען טראַמוויי. בעמערק איך א שכן, דאַכט זיך, נישט משלנו, און זידעלט זיך „פשא קרעוו״, און גערעכט איז ער. אויפ׳ן גע־ען איז זיך זעלטען צו דערוואַרטען. פאַלט מיר איין א געשעפט: צוזאַמען צו נעהמען א דראָשקע. מיין שכן בעשטעהט, נור מעהר ווי 7 קאָפּ. וויל ער נישט צו שטייער געבען, אויך צאָהלען וויל ער! פאַר וואָס? ווייל ער פאָהרט נישט אויף די נאַלעווקעס, וואו איך, פערשטעהט זיך, דאַרף, נור ווייטער. מיין כפרה, נאַ דיר 13 קאָפּ. א דראָשקע פאָהרט אונטער, ער שפּרינגט אַריין, איך געה איבער אויף יענער זייט און זיץ.

— איך בין, — זאָגט מיר מיין שכן, — קיין אַנטיסעמיט נישט, דערוויל נישט, מען דאַרף אייך נאָך אויף לאַנגע יאָהרען מיט אייער שפּריט, נור אויף אייערע נאַלעוועקעס, זייט מיר מוחל, קריג איך דעם קאַטער!

איך בענוץ מיך דערמיט, וואָס דער דראָשקאַר פעריכט עפּיס ביי׳ם געשפּאַן, און שפּרינג צוריק אַראָב צום טראַמוויי, מיט 13 קאָפּ. ווערט מען נישט געבוירען...

קוים איך האָב מיך דערוואַרט און פאָהר... פלוצלונג — סטאָפּ! וואָס איז? דער טראַמוויי קען נישט געהן, — א לויה. איך הויב מיך אויף — א שוואַרצע, אָנגעפּראָפּטע גאַס, פון פאַרנט אַיין אָרון...

מיינם א שכן זאָגט: א יודישע שוואַרצע לויה!

א צווייטער בעמערקט: געווים איין עושר, א בעל-צדקה!

— דאָס איז די מעשה, שרייט עמיץ מיט כעס, וואָס מען האַלט מלחמה מיט זייערע אָרימע לייט. דער עושר בלייבט און העלפט! מען דאַרף זיך צו די עשירים נעהמען...

— אָבער ווי הייסט נעהמען!

— געווים!

דער יודישער ¾ טראַמוויי שווייגט און דער פוהרמאַן בעמערקט פון זיין זייט:

— וואו בעקומט מען דאָ אַ חלק ירושה?

— אַז מען נעהמט נישט, האָט מען נישט!

אויך ניט שלעכט, וואָס?

אָבער דעם לעצטען און פעטסטען ביסען האָב איך ערשט פאַרנאַכט איינגעשלונגען.

עס איז געווען אויף מיין צוריק-רייזע, אויך אויף אַ טראַמוויי, פון דאַרף וואָלאַ, וואו איך האָב מיינע טעגליכע געשעפטען יאָ פערזאָרגט און נישט פערזאָרגט, מיילער האָבען צוגעזאָגט און אויגען — געלייקענט...

פאָהרען פאָהר איך שוין אין צווייטער קלאַס, צווישען יודען, נור פאַר מיר זיצט אַ קריסטליכע געזעלשאַפט: אַ קאַנאָניק מיט אַ פרוי. פון קאַנאָניק זעה איך נור אַ פעטען רויטען קאַרק, וואָס וואָלט אויף קיין שום חולה (אויסער אויף אַ יודישען) קיין שלעכטען איינדרוק ניט געהאַט; די דאַמע האָט געמוזט זיין פון אויסלאַנד אָדער פון דער פראָווינץ, ווייל דער קאַנאָניק האָט איהר אויף שריט און טריט געגעבען בעשייט: דאָס איז דאָס, דאָס איז יענץ...

— און דאָס — וועקט ער מיך פון מיינע פרנסה-געדאַנקען אויף — איז דער וואָלער קלויסטער.

— פריש געבויט? — הויבט זיך די דאַמע אַ ביסעל אונטער.

— און וואָס פאַר צרות — קרעכצט דער קאַנאָניק, און דער קאַרק לעגט זיך איהם אין פאַלדען, — איך האָב ביי'ם געלד זאַמלען געהאַט... עס איז איהם גאַנץ שווער צוגעגאַנגען.

באַ, אין טהייל הייזער האָט מען איהר די טהיר פאַר דער נאָז פערמאַכט. וואָס טויג — זאָגען זיי — קלויסטערס? דאָס זענען אַלטע זאַכען! מען דאַרף שפּיטעלער, נאַכט־אַזיל־הייזער, איבער־הויפּט שולען...

— אַ זאַראַזע — קרעכצט די דאַמע — אין פראַנקרייך ווערט דער קלויסטער געיאָגט און נעפּלאָגט,

— אויך פראַנקרייך איז נישט שולדיג. פראַנקרייך איז דעם קלויסטערס ערשטע און ליעבסטע טאָכטער... שולדיג זענען די יודעלעך, וואָס פערשפּרייטען זייער אַפּיקורסות אַזוי דאָ, אַזוי דאָרט! און מיינסט, מיין טאָכטער, זיי ווייסען נישט דעם אֶמת? אַ פערקרעקט פאָלק, אַלץ להכעיס! נור נישט איביג וועט זיין זייער יום־טוב...

— וואו אַזוי?

— אין פראַנקרייך וועט זיין אַ רעוואָלוציע! יודעלעך — חיק! ער מאַכט אַ צייכען ביי'ם האַלז.

— און דאָ?...

די תשובה האָב איך נ י ש ט דערהערט, נור פיהלען פיהל איך זי.

אויף אַ מיטינג.

נ י י ן אַ זייגער פאַרנאַכט האָב איך ערהאַלטען איין איינ־לאַדונג אויף איין „ערלויבטען" מיטינג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען זייגער ז י ע ב ע ן, דאָס הייסט מיט צוויי שטונדען פריהער. איך בעטראַכט דעם פּאָסט־סטעמפּעל: ער איז נאָך פון אייערנעכטען. איך פרעג ביי'ם בריעפטרעגער בעשייד, שמייכעלט ער: „פער־דעכטיגע" בריעף הייסט מען אָבגעבען וואָס שפּעטער, וועניגסטענס מיט אַ טאָג שפּעטער.

— יאָ געהען, נישט געהען?

איך קוק אַרויס דורכ'ן פענסטער: די גאַס איז שטיל. איך בייג אַרויס דעם קאָפּ דורכ'ן לופטשיק: מען הערט נישט מעהר, ווי דאָס זעלטענע קלינגען פון שליטען־גלעקלעך — מען שיעסט נישט אין די גאַסען. אין דערהיים זיצען ווערט שוין איבערדריסיג, מען פיהלט זיך אָבגעריסען פון לעבען, פערשיקט, פון אַלעם פערגעסען, פון גאַט און וועלט צוזאַמען.

איך געה.

. . . .

דער שנייַ סקריפּעט עפּעס נישט היימליך אונטער די פיס. איבער'ן קאָפּ אַ קאַלטער, אָנגעזעצטער טונקעל־שטאָהלערנער הימעל מיט אַ האַלבע, מאַט־זילבערנע לבנה, — אָבגעביסען אָדער אָבגעשאָסען די צווייטע העלפט! און זי וואַנדערט ווייטער — אַ קאַליקע. ערגעץ וואו, ווי פאַר שרעק צוזאַמענגעשטויסענע הויפענדלעך שטערן. די גאַסען — לעער, די לעדען — צו.

ביי אַ ווינקעל שטעהען צוויי גראָה איינגעהיעלטע סאָלדאַטען. עס איז זיי קאַלט און לאַנגווייליג. זיי טופּען מיט די פיס, גענעצען און איינער, הער איך, צוקומענדיג, זאָגט דעם צווייטען:

— אַיי, ווי מיר ווילט זיך צונד אויסשיעסען!

— לאַנגווייליג! איז מודה דער צווייטער.

. . . .

גאָט זײַ דאַנק, איך בין שױן אויפ׳ן מיטינג. קאָפּ אויף קאָפּ. עמיץ — דער צווייטער צי דער דריטער רעדנער — שטעהט ביים בעלעמער און האַלט אין מיט׳ן דרשה. קלאָגענדיג — שעלטענדיג געהט דער טאָן:

„הייזער האָט איהר געבויט און זייט אין זיי נישט געזעסען... בוימער האָט איהר געפלאַנצט, און זייער פרוכט נישט פערזוכט; קליידער האָט איהר געוועבט, און פרעמדע האָבען זיי געטראָגען, און אייך האָט דורכגענומען די נעץ און די קעלט; קאָרן און ווייץ האָט איהר געמאָהלען, און קיינמאָל נישט געגעסען צו דער זעט! און אײַערע זיהן, און אײַערע טעכטער האָט מען אײַך פון די אָרים אויסגעריסען און צו פרעמדער, שווערער אַרבייט געטריבען״...

איך דערקען די „תוכחה״, מיין תוכחה, מיט וועלכער מען האָט מיך פערשאָלטען, און דאָך מיינט דער רעדנער נישט מיך... און אויך נישט מיך מיינט ער, ווען זיין טאָן ענדערט זיך, ווען עס שלאָגט זיך אונטער׳ן באַלקען דער שטאָהלערנער קלאַנג:

— נאָר צונד איז אײַער טאָג געקומען! איהר וועט די ריכטער זיין... און איהר וועט משפט׳ען... מאָס פאַר מאָס!

ווי די טראָמפּעטען איבער יריחו׳ס מויערן קלינגט עס!

אָבער נישט מיך מיינט ער. און איך פערזינק אין מיינע געדאַנקען, און איך טראַכט:

— צי איז ווירקליך אַזוי נאָהנט שוין דער טאָג?

מאָסקווא איז שטיל געוואָרען... די באַריקאַדען צערשמעטערט... דאָס „שולדיגע״ און „אונשולדיגע״ בלוט איז פערשיט מיט ריינעס, אונשולדיגען שניי. דער באַהן־שטרייק איז נישט געראָטען, דער אַלגעמיינער — נאָך ווייניגער. די רעגנטע איז געשטיגען. די אויסלענדישע פרעסע ווינשט דעם גראַף וויטע גליק; זיינע פּאַפּיערען זענען אויך געשטיגען! דורנאָוואָ וואַקסט נאָך איבער וויטען! די געפענגענישען זענען איבערגעפולט, און די שפּיטעלער איז נישט אַריינצוואַרפען קיין שפּילקע. פון די צערקלען געהען די קולות עד לב השמים...

אײן אֶמת'ער סדום'ער „הכצעקתה“, נאָר גאָט מיט זײנע מלאָכים קוקען נאָך נישט אַראָב...

צי גלױבט דער עולם דעם רעדנער?

איך קוק מיך אום און קום אויך צום גלויבען.

די צאָהל פון די אָבטריניגע, פון די איבערלײפער פון יענעם צד בעװײזט עס מיר: אײדער אַ שיף געהט אונטער, ענטלויפען די מײז. און דער מיטינג־זאַל איז פול מיט אַזוינע מײז...

. . . .

אָט די לײט פון דער פרעסע, װאָס שטעהען אַרום „בעלעמער“ און װאַרטען אונגעדולדיג אויף זײער צײט צו'ם רעדען, די הײנט־מאָדישע געלעהרטע...

דאָס זענען נישט די, װאָס װעבען אין דער שטיל די אידעען פאַר שפּעטערע צײטען; דאָס זענען די, װאָס אַרבײטען אויפ'ן טאָג און פאַר'ן טאָג! אײנצעל־פערקױפער... די צװײטע צי די דריטע הענד. פאַר דאָס אָבער מענשען מיט נעז פון חאַרטען אָדער פון האָזען, װאָס דערשנאַפּען אויגענבליקליך, פון װעלכער זײט עס הײבט אָן צו בלאָזען דער װינד!

דאָס זענען גלגולים פון די, װאָס דיענען שטענדיג דער געגענװאַרט, דעם ערשט־געבוירענעם צונד. גלגולים פון די, װאָס האָבען אַ מאָל די קנעכטשאַפט פערטײדיגט, װאָס האָבען אַמאָל שװאַרץ אויף װײס בעװיזען, אַז גאָט האָט עס אײגענהענדיג בעשאַפען די סטאַדע, און דעם הונד, צו היטען די סטאַדע, און דעם פאַסטוך, צו שערען די סטאַדע; אָדער: הערן, קנעכט און די פּאָליציי אין־דער־מיט.

דאָס זענען גלגולים פון די, װאָס האָבען שפּעטער אַ ביסעל דעם בעל־בתישען ליבעראַליזם געטראָגען, די הײליגע מאַכט פון „פּריװילעגען“ קאָנטראַקט געפּרעדיגט, די גערעכטעסיגקײט פון קײטען, װאָס מען זעהט נישט מיט בלויזע אויגען — פון שװינדעל און שטילען רויב בעװיזען; מיט אײן װאָרט: װאָס האָבען אַלץ־אין־אײנעם די בעל־בתישע ברודיגע װעש אין געלעהרטען זײפען־שוים געװאַשען און גערײניגט. און הײנט זענען זײ דאָ! הײנט װאַרפען זײ די בריק פון געלעהרטען

שפּינ־יועבס איבער'ן אָבגרונד צווישען זעט און הונגער, צווישען פינסטערניש און ליכט... און — זיי ווייסען געוויס, וואָס זיי טהוען!

. . . .

רעדנער רעדען; פעך און שוועבל גיסט זיך זיי פון מויל. מיט ברענענדיגע אויגען און טאָפּעלט־שאַרפע ווערטען טראָגען זיי, ווי אַמאָליגע כרובים, די בעלי־בתים פון גן־עדן אַרויס! אָבגעשאַפט מוז ווערען זייער פּריוויליגיע: די געדונגענע אַרבייט... וואָרום „דריי־פאַכיג איז דער פלוך פון דער געדונגענער אַרבייט!" „מיט פערדרוס אַרבייט דער, וואָס בעקומט נישט דעם גאַנצען ווערט פון דער אַרבייט", „מיט עקעל און גרימצאָרן ווערט איבערגעפּילט דער לעבענדיגער מענש, וואָס מוז אַרבייטען, ווי אַ טויטע מאַשין; וואָס איז נאָר אַ צולאָג, אַ צוזאַץ צו דער טויטער מאַשין! וואָס מוז זיין אונטערטעניג דעם ראָד, דעם טויטען ווערק, אָהן איניציאַטיווע, אָהן ווילען און דעריבער אָהן לוסט צו דער אַרבייט!"

און „פערפלוכט איז די אַרבייט דורך איהר פערטיילונג, דורך איהר צוברעקעלטקייט; ווען דער מענש מאַכט אַלץ אין־איינעם די זעלבע אויסגעמאָסטענע, פאָרגעשריבענע קליינע בעוועגונג, אָפט נישט וויסענדיג אַפילו, צו וואָס זי ניצט"...

„נידריגער פאַר'ן פיה איז דעריבער געפאַלען דער מענש... מיר ווילען איהם העבען!"

„הויך דעם מענש!" — „נידער מיט'ן בעל־הבית!"

„הויך דער מענש!" — „נידער מיט'ן בעל־הבית!" ברילט דער גאַנצער סאַלאָן, נאָר אין־מיט'ן־ברילען פון דער שטורמיגער מאַסע קוויקעלט זיך דורך אַ דונער פון גאַס...

אַ פראָוואָצירטע באָמבע, צי אַ שאָס פער טעות פון אַ האַרמאַט?

אָבער דאָס אַלץ שרייט איבער דער רעדנער!

„נאָר דער טאָג פון דער וועלט־גערעכטיגקייט קומט! מיר ווילען די ריכטער זיין" — —

און צווישען אַרבייטער־עולם זיצען בעלי־בתים, מיט

נאַרישע פּנים'ער, נאַריש־אויסגעגלאָצטע אויגען, און הערען זייער שאַנד, און פּאַטשענ־מיט: „בראַוואָ!“ —

און עס טרעסלען זיך זיי די בייכלעך, ווי פּאַר נחת! זיי זענען נאָך קיינמאָל נישט אַזוי העסליך געוועזען!

„די שקלאַפעריי, די נייַ־מאָדישע שקלאַפעריי מוז אָבּ־געשאַפט ווערען!“

„בראַוואָ, בראַוואָ!“ און הענד מיט גאָלדענע רינגען הויבען זיך אין דער הויך און פּאַטשען בראַוואָ! און די גאָלדענע קייטען טאַנצען איבער די פלושענע וועסטען פּאַר גרויס נחת!

און דאָס זענען דאָך די זעלבע שטאָלצע בעלי־בתים, וואָס האָבען ערשט נעכטען אינדיווידואַליזם און, על פּי ניטשע די „הערן־מאָראַל“ געפּרעדיגט, וואָס האָבען דעם שוויים פון אַרבייטער־פאָלק נישט געקאָנט פערטראָגען, וואָס האָבען זיך געהויבען, ווי די געטער אין וואָלקען, הייך איבער'ן „פּעבעל“, וואָס האָבען געהאַלטען יעדען פערלאַנג פון אַ העכערן לוין פאַר אַ דרייסקייט, דאָס פערקירצען פון אַרבייסט־טאָג — פאַר אַ פער־ברעכעריש אונפערשעמטקייט, וואָס האָבען אַלע אַרבייטער פאַר איינפאַכע גנבים געהאַלטען און געלאָזט רעווידירען ביי יעדען אַריין־און אַרויסגעהען פון פאַבריק...

און צונד? צונד לויפען זיי איבער! פּאַטשען זיי בראַוואָ. און ווילט איהר, שלאָגען זיי זיך אין האַרץ אַריין „על־חטא“. עס געהט, אַ פּנים, דער יום הדין, עס געהט!

אָט שטעלט מען ווי ערב יום כפור, קערות! פאַר גע־פאַנגענע, פאַר פערוואונדעטע, פאַר פאַמיליען פון געפאַלענע, פאַר פערשיקטע און — אויף געוועהר!

און דער בעל־הבית וואַרפט מטבעות; אויף זיין אייגענעם „פאָהיבעל“ וואַרפט ער.

ער איז מיר קיינמאָל נישט אַזוי נמאָס געוועזען.

. . . .

און די שוואַרצע לייט קומען אויך.

לאַנגזאַם און שטיל קומען זיי. פאַמעליך, ווי עס פּאַסט פאַר הייליגע לייט; שלייכענדיג, ווי אמת'ע טעמפּעל־דיענער.

אַט געהט איינער צום בלעמער צו פרעדיגען. קריסטליך־סאַציאַל פרעדיגט ער.

געכטען האָט ער די בעצווינגער געהייליגט. קלוגע שווינדעל־קעפּ געזאַלבט, חאַפּער־הענד געבענשט; איבער בעכער פון בלוט און שווים ברכה געמאַכט. און היינט?

„מיר האָבען עס שוין לאַנג געזאָגט! לייכטער איז אַ מויל־טהיר צו פּאַסירען דורך איין אויער פון אַ נאָדעל, אַלס דעם רייכען דורכצוגעהען דעם טויער פון גן עדן״...

. . . .

מיט דער צייט וועלען נאָך וועלט־בעצווינגער קומען און זאָגען: „יענע זענען שוין צו שוואַך; זייער נאַקען שוין צופיעל דורכגעפּוילט, און קענען שוין אונזערע שטולען נישט דער־טראָגען; איהר זייט פריש און געזונד, בויגט אייך און לאָזט זיי אונז שטעלען אויף אייך...״

. . . .

אַלץ וועט קומען מיט דער צייט!

דערווייל, אַ היים־געהענדיג, פּאַסיר איך דורך טויטע גאַסען.

קאַלט און שטיל איז דער שטאָהלערנער הימעל, מיט אייז־פינקעלדיגע שטערנדלעך און אַ האַלב־אָבגעשאָסענער לבנה...

אונהיימליך סקריפּעט דער שניי אונטער די פיס און אַקעגען קומט מיר אַ וואַקלדיגער קאָזאַק:

— טי קודאַ שליאַעשסיאַ?!

איך חאַפּ פּאַר שרעק אַרויס אַ פּאַפּיראָס און דערלאַנג איהם.

— ספּאַסיבאַ, באַרין! ענטפערט ער מיר און וואַקעלט זיך ווייטער.

פון דער שווערער צייט.

דאָס קריסטליכע וואַרשוי איז פון דער העלער הויט פרום געוואָרען: איבער טהיר און טהויער, אין פענסטער און וויטרינעס, איבעראַל — הייליגע בילדער. דאָס פרומע קריסטליכע וואַרשוי קריגט פחד פאַר׳ן הונגריגען, אַפעליערט צום קריסטליכען רחמנות, יושר און ברידערשאַפט און וויזט אָן מיט׳ן מינדסטען פינגעריל צום יודישען שכן: יענער איז געוואָהנט דערצו און די שטראָף וועט זיין לייכטער...

דערווייל פערשטעהט מען זיך נישט אויפ׳ן ווינק.

אַ דרייצעהניעהריגער יאַשקאַ מיט איין אָבגעריסענעם דאַשעק און אַ צושפאָלטען אויער און „זיינס גלייכען״ יוסקע מיט לויפענדיגע אייגעליך און אַ צוקראַצט געזיל, קוקען נישט אויפ׳ן „להבדיל״ פון צווישען שתי־וערב און ארבע כנפות, און האַפען ביידע צוזאַמען איין פלאַש מאַנאָפאָל, און וואַרפען אויף דער געפרווירע־נער גאַס. דאָס „לעבענדיגע וואַסער״, וואָס האָט געקאָנט דער־קוויקען אַזוי פיעל פרומע נשמות, שפּריצט לחלוטין אומזיסט אַרויס פון דער צערשמעטערטער פלאַש, איין אמת׳ער „בל־תשחית״, און די פלאַשען־שטיקער גליטשען זיך קלינגענדיג און פינקעלדיג, גלייך עפּיס רעבטס, ווייטער איבער׳ן אייז...

אַ פרומע ווייבערישע נשמה, אַריינגעזעצט פון בעל־הרחמים־גאָט אין אַ גוף מיט אַ געשטיפעלט און האַלב אָנגעשוואָלען פנים, טאַפּט אַ פלאַש אונטער אַ שאַל און לויפט צו׳ן אַ ווינקעל און וויל שון אַ ברכה מאַכען, — יאַשקאַ און יוסקע האָבען עס דערזעהען: שטעה, אַלטע מכשפה! מיר זענען קיין גנבים נישט! און מען רייסט איהר אויס פון אונטער דער שאַל די פלאַש, טראַסק! עס שפּריצט, עס קנאַקט — —

און פאַר גרויס שמחה איבער׳ן נצחון האַפען זיך יאַשקאַ און יוסקע אַרום און זינגען, און טאַנצען מיט האַלב־באָרוויסע פיס איבער אייז און גלאָז...

א גרויסער הויפען געהט. ערנסט, גלייך, „פּריוועסאָווקים" מיט מיצען און קאַפּעליושען אויסגעמישט, איבער דער גאַס, די אויגען פאַר זיך, גלייך!... ווי געהען אפשר אַ קענען משיח'ן?

צווישען עולם דערהערט זיך אַ קול: „עה, גוטע ברידער! וואו אַהין נעהט איהר? וואָס טהוט איהר אויף דער פראַנציס־קאַנער גאַס האָבען יודען אַ גלח געטויט! קומט!" דער עולם פערציטערט אַ ווײַלע, נור עמיץ נעמט די שלאַנג אָן ביי אַ לאַץ: „אין וועלכער פאַבריק אַרבייטסט דו, ברודער?" ער שווייגט, און פויסטען האָגלען אויף זיין קלוגען קאָפּ...

וואָס איז געשעהען?

צי איז ווירקליך געגוג געווען, אַז איין אַלטער, אַסטמאַטי־שער גענעראַל זאָל, אופ'ן וועג פון ווילנא קיין פּאַריז, אָבשטע־לען זיך ביי דער נעווא, און, אפשר אָהן שום כונה, אַרויסזאָגען דאָס וואָרט: „צוטרויען" — עס זאָלען ווירקליכע וואונדער געשעהן?

צי האָט ער, נישט ווילענדיג, אָבגעשפּראָכען איין עין־הרע, פערזאָגט אַ שווערען כשוף, אָבגערוקט איין אלף פון שווע־רען האר ץ? און דער גרויסער עולם איז אַרויס פון דער היהנער־פּלעט?

אַלץ קאַפּויער: בלינדע זעהען, לאָמע לויפען, טויבע שרייען...

און אין מיט'ן ווינטער אונטרן גרעבסטען אייז רודערט זיך, וועקט זיך: אַקסעל צו אַקסעל, ברודער! הייבט אייך, צו וויעגט אייך, צו־שמעטערט! דער הימעל רופט!

דערווייל איז נישט היימליך, איבערהויפּט אָבענד־צייט...

די לערע אָבגעשטאָרבענע גאַס קוקט דיר אין פענצטער אַריין מיט בלינד־אונטערגעשלאָגענע אויגען, מיט איין איינאייג־ציגען לאַמטערן, אַ שׂריד ופליט פון אַלע חברים... און דאָס

אָרימע פלעמיל דערינען ציטערט, פלאַ־זערט, וואַרפט זיך ווי'ן אַ פיבער; פיקט, ביקט, ניקט און טיקט זיך, אָט פערשלינגט עס די חיה רעה — די נאַכט; און עס שרעקט זיך פאַר'ן טויט, און אין מיטען דער גסיסה גיט זיך עס מיט'ן לעצטען כח אַ וואָרף, ווי אַ שלייען פון אונטערן מעסער, און אַ הייב, אַ טאַנץ — ווי לאַנג וועט דויערן די גסיסה?

ערגיץ ווייט, ווייט פלאַצט אַ שויב פון אַ וויסטאַווע, — אפשר אַ שאָס? אַ „צופעליגער״... אין עק הימעל שפּריצט אַרויס אַ פייערדיגע צונג און פערשווינד און זינקט איין... און ווייטע פערשטיקטע קולות הערען זיך —

נור טסס!

עס הערען זיך פעסטע, זיכערע טריט איבער דער גאַס...

די שטאַטס־לאָגיק אויפ'ן דרך הישר געהט, מיט „אותות ומופתים״ אין דער האַנד... אותות ומופתים זיכערע, שניידענדיגע, פייערדיגע...

וואָס נאָך?

עס צושפּריצען זיך די געדאַנקען אין מח, ווי די פונקען, ווי די פייגעל אונטערן פרייען הימעל...

עמיץ קלאַפּט אין טהיר?

דאָס לעבען? אָדער נור דער „אורח חיים״?

ביידע נישט.

חברים...

אָבער וואָס פאַר אַ פנים'ער דאָס האָט!

— חוזק. — פרעג איך דעם עלטערן, — וויפיעל קוואָרט עסיג האָסט דו היינט אויסגעטרונקען?

חוזק, אין שוואַרצען העמדיל מיט'ן גרויסען ביינערנעם קנאָפּ, מיט די וואַסערינע אויגען אין פאַרמיטען פנים, זעצט זיך, פיהרט מיט אַ ציטערינע האַנד איבער'ן שוואַך־און אַש־גראָה בעוואַקסענעם קאָפּ, און זיפצט אָב:

— אַ וויסטער, פינסטערער חלום!

— וואָס איז?

— איך בין, ענפערט ער, קיין גבור נישט, פערפאַלען...

„פערהאַן גרויסע שטאַרקע מענשען מיט אייזערנע הענד און שטאָהלערנע נעגעל, וואָס געהען צו צו פעלזען ביי'ם ים, רייסען פונ'עם שטיקער און וואַרפען אין הימעל אַריין, און ווילען זיך אַזויערנאָך אַראָפוואַרפען דאָס טעלעריל פון הימעל"...

„פערהאַן קלענערע גבורים, שפּילען זיי מיט אייזערנע רעשליך, ווי אין באַל"...

„פערהאַן נאָך קינצענמאַכער, וואָס שרעקען אומזיסט דאָס „געעהרטע פובליקום" און וואַרפען מיט פּאַפּיערענע קוילען, דעקעל-קוילען, נור אונטער דער סצענע שלאָגט עמיץ אין אַ בלעך אַריין, מיינט מען: דאָס דונערן די קוילען"...

„פערהאַן נאַכטוואַנדלער, וואָס קריכען מיט בלויזע הענד אויף גלייכע מויערן"...

„איך בין עס נישט... נישט קיין גבור, נישט קיין סורראָגאַט פון אַ גבור"...

„איך בין חוזק"...

„איך בין אַ מענש. קאַטאָרי"...

„אַ מענש, וואָס האָט אויף אַ הארץ און אַ לינג און לעבער"...

„נור אַז דאָס הארץ טהוט מיר וועה, האָב איך קיין נביא'ישע טבע נישט, אַרויסצולויפען מיט אַ קול אין מארק אַריין: אַ רוח אין אייער טאַטינס-טאַטען-אַריין! און, אַז די לינג הייבט אָן פוילען און די גאַל גיעסט זיך איבער, האָב איך קיין טבע נישט, אַרויף צו שפּרינגען אויפ'ן טהורם פון פייער-וועהר און אַראָפּ שרייען: ס'ברענט!... עס ברענט נישט אין ערגיץ, נור ביי מיר"...

„דעמאָלט האָב איך דוקא ליעב התבודדות"...

„ליעג איך מיר, ווי אַ בער אויף דער בערלאָגע, און ביים מיר פאַר הארץ-הונגער די לאַפּעס; גאַנצע בערג אָבגע-ביסען"...

„ערשט אַז עס ווערט מיר גרינגער. געה איך אַרויס".

„נאָך וואָס? פייפען אויף קהל״...

„פיהרען, ווי ישיבה־בחורים־גבורים מיט שטענדער פאַר־כלי־זיין אין די הענד קעגען אָרון־קודש, קען איך נישט... גיט מיר אַ חברה חדר־יונגליך, מיט געמאַכטע פייקאַליך, וועל איך מיט זיי געהען צום ראש־הקהל אויף אַ קאַץ־מוזיק... דאָס קען איך״...

„איך געהער נישט צו דעם, וואָס איהר רופט „לעבען״ און דאָס „לעבען״ געהער נישט צו מיר. איך שפיי אויפ׳ן „לעבען״, און אויך נור פון דערוויטענס״...

„צווישען מיר און דעם „לעבען״ פליעסט און אפשר שטעהט אַ וואַסער׳ל״...

„איבער׳ן וואַסער׳ל שפיי איך, איבער׳ן וואַסער׳ל שטעל איך פייגען אַרויס, פיער מיט אַ מאָל, דאָס קען איך! אַ מאָל — אַ ווייסע צונג, איהר ווייסט, איך לייד אויפ׳ן מאָגען...

„אַז מען זעהט מיך און הערט מיך נישט גוט, שטעל איך מיך אויף שטאָלצען און פייף... עס איז נישט אַזוי נאַטירליך, נור עס טראָגט זיך וויט, וויט... עס הערט זיך!״

„און דער עולם שרייט: בראַוואָ! ביס!״

„נישט דער געטראָפענער — אַנדערע... דער געטראָפענער שילט״...

„חאָטש ניט איך בין שולדיג; איך שפיי אין דער וועלט אַריין שולדיג איז דער ווינד, די השגחה פרטית... ער אָבער שילט מיך און דער עולם קייכט, פלאַצט פאַר געלעכטער״...

„אַ מאָל פלאַצט אַ גבאי״...

„ער האָט פון צדקה־פושקע אַרויסגעשניפּט אַ גאָלדענע מטבע; ער האָט געזעהען, ווי אַ באַנקיער האָט אַריינגעוואָרפען, נישט בעמערקט, אַז עס איז אַ פאַלשע מטבע... האָט ער גע׳לקח׳נט... האָט ער מורא געהאַט פאַר בעזוכען און געפינען, האָט ער די מטבע אויף דערווייל אַיינגעשלונגען... קום איך אַרויס אויף שטאָלצען, מיט אַ יראת־שמים־פנים און איין אַרויס־געשטעקטע צונג און פיער פייגען אין די הענד, — לאַכט ער, קנאַקט ער, פלאַצט ער; איין העלפט־רעכטס, די צווייטע —

לינקס, די מטבע — אין דער מיט... דערזעהט דער עולם, ז' איז פאַלש, פלאַצט דער עולם פאַר געלעכטער"...

— נו, אויך מיין עסק! וויל, מיר איהם טרייסטען.

— „באַ — זיפצט חוזק אָב — דאָס אַלץ איז גוט געווען איבער'ן רוהיגען, שטיל־פליסענדיגען אָדער גרינליך־שטעהענדיגען וואַסער'ל. מען האָט מיך געזעהען, געהערט, און: בראַוואָ, בים!"

„צינד — אַ ים!"

„שטעל דיך אויף שטאָלצען, פאַליעס דעקען דיך איבער!"

„פייף — ווען אַ ים קאָכט און זיעדט"...

„שפיי — ווען ער שפייט, און גלייך אַרויף צום הימעל; טהוט עפּיס, ווען די וואַסער־ריעזען צו שפּיעלען זיך, צו זינגען זיך, און שפּאַרען אין דער וועלט אַריין, טראָגענדיג מיהל־רעדער און שטיקער גרעבלע אויף די אַקסעל"...

„טהו עפּיס!"...

חוזק פערשטומט, און נישט בעסער, ווייזט זיך אוים איז דעם פּאָעט...

— גם אני בחלומי, זאָגט ער...

„אַ פוילע זאַך"...

„וואָרען וואָס בין איך? אַ מענש מיט אַ פייפער'ל"...

„מיט אַ פערכשופ'ט פייפעריל"...

„פון אַ פערכשופטער קאַלינע אַ פייפעריל... פון עק וועלדיל, געבויגען איבער'ן וואַסער שטעהט זי, און זאַפּט אין זיך איין דאָס געוויש פון קליינעם שטילען וואַסער'ל, פון קליינעם פערחלומ'טען וועלדיל, פון מחנות פייגעל, וואָס פליהען אונטערן בלאָהען הימעל, שלינגען ווערמליך און זאָגען שירה, און די ווייסע בייכליך ציטערן פאַר נחת, פאַר דאַנק... פון דער קאַלינע אַ פייפעריל"...

און אַ מיידעל האָב איך געהאַט מיט אַ פויגעל־האַרץ...

זיצען מיר אין שאָטען פון דער קאַלינע, אין עק וואַלד,

ביי'ם קלאָרען טייכעל; איך שפּיעל און איהר פויגעל-האַרץ צו נעהט, צו נעהט...

שפּאַרט זיך אָן דאָס זיסע קעפּיל אויף מיין קניע, קוקט זי צו מיר אַרויף מיט שטיל-זיסע-ברידער-אויגען, וואָס פינקלען מיט שטילען נחת, ווי אַ פויגעל, וואָס האָט אַ ווערמיל געחאַפּט, און איך זאַפּ איין דאָס נחת און שפּיעל פאַר גרויס פרייד, פאַר דאַנק, וואָס גאָט האָט מיר די פינקעלדיגע אייגעליך מיט'ן זינ-גענדיגען פייגעל-האַרץ בעשערט, עס איז מיין...

עס ציטערט איהר ברוסט פאַר נחת, טרערען קומען מיר אין די אויגען אַריין פאַר גרויס דאַנק און איך שפּיעל אויפ'ן פייפעריל...

און עס מאַכט אַ רושם, שטאַרק! — אויף איהר... זי שטרעקט צו מיר הונגעריג אוים די ווייסע הענד... דורשטיג שווילען מיר אַקעגען די קרעלענע ליפּלעך!

און נישט נור אויף זי הר...

אַ ווייסע גאַנז שווימט איבער'ן טייכעל און שטעלט זיך אָב, מיט אַ דין גרעזיל אין מויל... און זי שלינגט עס נישט איין, פערגעסט עס און בויגט אוים צו מיר דעם ווייסען האַלז און קוקט, און שווייגט...

אַ יאַלאָווקע קומט אַרוים פון שטילען וועלדעל, מיט'ן עכט פרום-קעלבערנע אויגען, מיט אַ חן'עווריג, צערטליך-רינענדיג מיילעביל און בלייבט שטעהען ווי דערכשופּט, און זעגעלט שטיל מיט'ן זיידען-העהריגען עק אין דער שטיל-שמעקענדיגער לופט...

און פייגעל מיט ווייסע און געלע בייכליך שטעלען זיך אָב אונטער'ן הימעל און צוויצערן:

— ווער איז דער פויגעל דאָרט?!

„איך געפּעל"...

„איך געפּעל און ווער גרויס; עס איז צייט צו געהען אין דער וועלט אַריין, שפּיעלען פאַר דער וועלט... פערכשופּען אַ וועלט, דאָס לעבען בעצייבערן, ווי דען!"

„און אַז מיין מיידעל דרימעלט איין, קיש איך זי שטיל צום

„אַדיע“ און ווייסע; שמאָלען שטערן אַריין — און לעג לאַנגזאַם איהר קאָפּ פון מיין קניע אויף אַ בינטעל גראָז אַראָב, — זי זיפצט אָב. אין דרימעל, עס ריהרט מיך נישט, העכערע צוועקען פיהרען מיך . . . איך פערשווינד, צו דער וועלט לויף איך מיט מיין פייפעריל, מיט מיין פערכשופט פייפעריל, פון דער פער־כשופטער קאַלינע, פון עק וואַלד, ביי׳ם שטילען טייכעל“...

— נו, שפּיעל פאַר דער וועלט?

— שפּיעל! די וועלט שפּיעלט, און נישט אויף אַ פייפעריל!

„דאָס לעבען אַליין גיט קאָנצערט!“

„נישט אויף פייפערליך, נישט אויף פלייטען, נישט אויף הילצערנע און געבלאָזענע אינסטרומענטען“...

„אַרמאַטען שפּיעלען, קאַרטעטשען זינגען, טענער־שאַרפּאַנעלען!“

„די לעבענס־אָפּערע געהט, אַ וועלט־פּאָעמא!“

„ווי קום איך מיט מיין פייפערל“...

ער האַקט אָב און מאַכט אַ וועק מיט דער דורכזיכטיגער האַנד...

— אַ רחמנות נור אויפ׳ן מיידעל, נעביך...

— מיר איז נישט בעסער! זיפצט דער פילאָזאָף...

יאָהרען האָט ער אין דער הייך אין זיין דאַכשטיבעל פער־בראַכט... ביי׳ן אַ קאַרגע שטראַהלען דורך פערגרינטע שייבליך ביי טאָג, ביי׳ן אַ ציטעריג חלב׳ן ליכטיל ביינאַכט, איז ער אַ גאַנץ לעבען אָבגעזעסען, קלערענדיג און גריבעלדיג, וואָס „גלייך“ איז...

און אַז ער איז שוין גראָה און אַלט געוואָרען, אַז די צייט האָט איהם אויסגעצויגען דעם מאַרך פון די ביינער און אויסגעזויגען די פאַנטאַזיע פון קאָפּ איז ער ערשט געפאַלען אויף דער המצאָה, אַז „גלייך“ איז דאָס, וואָס עס איז נישט קרום...

און ער האָט געוואָלט אויפשפּרונגען פאַר פרייד, נור די קניען האָבען אָנגעהויבען קנאַקען!

אַלץ איינס! אַבי נישט אומזיסט אַזוי פיעל יאָהרען, אַזוי פיעל לעבען געוואָרגען און געשטיקט! ער האָט אַרויסגעפּישט אַ פּערל פון תהו ובוהו־דיגען ים... און ער איז אַ גוטער, נישט פאַר זיך אַליין האָט ער זי געפינען, ער וועט זי שענקען דער וועלט... ווי קראַנק און עלענד ער איז, וועט ער בעשענקען אַ וועלט...

און ער געהט קוים אַראָפּ פון די טרעפּ, אָפּט קריכענדיג אויף אַלע פיער; די ביינער קנאַקען... נור, געלויבט איז זיין ליעבער נאָמען, אָט איז די גאַס...

— רבותי, הייבט ער אָן — —

זיין קויל אָבער ווערט ז'ערשטיקט...

פאַליעס מענשען שלאָגען איבער דער גאַס, טויזענדער צונגען רופען:

— מיר ווילען! מיר ווילען!

„ווער פרעגט וואָס גלייך איז?"

מיר אַלע פערשוויינען... יעדער פון אונז פיהלט די לאַסט, זיי — פון שווערע געדאַנקען איך — פון די יאָהרען...

עמיץ קלאַפּט!

אַהאַ? דאָס לעבען?...

ניין... עס האָט זיך נור געדאַכט!

שווערע, נור זיכערע טריט אין גאַס, די שטאַטסלאָגיק געהט, מיט אותות ומופתים געהט זי... פעסט, שטייף, אייזערן...

האפנונג און שרעק.

... מיין האַרץ איז מיט אײַך.

מיין אויג ווערט נישט זאַט פון אײַער פלאַכזענדיגער פאָהן; מיין אויער ווערט נישט מיעד, הערענדיג אײַער מעכטיג געזאַנג.

מיין האַרץ איז מיט אײַך; זאַט דאַרף זיין דער מענש, און ליכטיג דאַרף איהם זיין... און פריי מוז ער זיין, און האָבען איבער זיך צו שאַפען, איבער זיך און זיין ארבייט.

און אַז איהר בייסט די פויסט, וואָס וויל אײַך אײַער פריי וואָרט, אײַער ברענענדיגען פּראָטעסט צוריק אַריינזועצען אין דער קעהל, מען זאָל עס נישט הערען — פרייט מיך; בעט איך גאָט, ער זאָל אײַך שאַרפען די צייהן. און ווען איהר מאַרשיערט אויפ'ן אַלטען סדום און ווילט עס אײַנרייסען, געהט מיין נשמה מיט מיט אײַך; און די זיכערקייט, אַז איהר מוזט זיעגען, מאַכט מיך פול און וואַרימט און בערוישט מיך, ווי אַלטער וויין...

און דאָך...

און דאָך האָב איך פחד פאַר אײַך.

איך שרעק מיך פאַר בעצוואונגענע, וואָס זיעגען, עס קענען פון זיי בעצווינגער ווערען, און יעדער בעצווינגער זינדיגט קעגען מענשליכען גייסט...

צי רעדט מען נישט צווישען אײַך, אַז די מענשהייט דאַרף מאַרשיערען, ווי איין אַרמעע אין פראָנט און איהר וועט איהר פאָרשפּיעלען דעם מאַרש אויפ'ן וועג?

און דאָך איז די מענשהייט קיין אַרמעע נישט.

שטאַרקערע געהען פאָראויס, האַרציגערע פיהלען טיעפער, שטאָלצע וואַכסען העכער — צי וועט איהר נישט אונטערהאַקען די צעדער, זיי זאָלען נישט איבערוואַכסען דאָס גראָז?

צי וועט איהר נישט פערשפּרייטען אײַערע פליגעל איבער דער מיטעלמעסיגקייט? צי וועט איהר נישט פערפאַנצערן

די גלייכגילטיגקייט און בעשיצען נור די גרויע, גלייך גע־שווירענע סטאַדע?

איך פאָרכט מיך פאַר אייך.

אַלס זיגנער קענט איהר די ביוראָקראַטיע ווערען: אויסצוטיילען יעדען זיין ביסען, ווי פאַר אָרימע לייט אין הקדש; אָבצומעסטען יעדען זיין אַרבייט, ווי לעקציעס אויף דער קאַטאָרגע. און איהר וועט פערטיליגען דעם בעשעפער פון נייע וועלטען — דעם פרייען מענשליכען ווילען, און פער־שיטען דעם ריינסטען קוואַל'ן פון מענשליכען גליק — די מענש־ליכע איניציאַטיווע —, די קראַפט וואָס שטעלט איינעם קעגען טויזענדער, קעגען פעלקער און געשלעכטער... און איהר וועט מעכאַניזירען דאָס לעבען און הייסען עס פערברענגען אין קאָשאַרען.

און איהר וועט זיין פערנומען מיט רעגלאַמענטירען: מיט שרייבען, פערצייכענען און שאַצען... מיט פאָרשרייבען: ווי הויך און ווי אָפט עס מעג שלאָגען אַ מענשליכער פולס, ווי וויט עס מעג זעהען אַ מענשליך אויג, ווי פיעל עס קען פער־נעהמען זיין אויער. און וואָס פאַר אַ חלומות עס מעג האָבען דאָס פערבענקטע הארץ?

מיט האַרציגער פרייד קוק איך, ווי איהר רייסט איין די מויערן פון אַלטען סדום; מיין הארץ אָבער ציטערט דערביי, איהר זאָלט אויף זיינע חורבות קיין נייעס, קיין ערגערן נישט בויען — אַ קעלטערן, אַ פינסטערערען!

עס ווילען קיין שטיבער אָהן פענסטער נישט זיין; נור אין נעבעל ווילען איינגעהילט זיין נשמות...

עס וועט קיין לעערער מאָגען נישט זיין, נור זעעלען ווע'לען הונגערן... קיין וועה־געשריי וועט קיין אויער נישט פער־נעמען, נור דער אָדלער — דער מענשליכער גייסט, וועט מיט

אָבגעשניטענע פליגעל שטעלן בײַ דער קאַריטאָ גלייך מיט דער קוה און מיט'ן אָקס...

און די גערעכטיגקייט, וואָס האָט אייך בעגלייט אויפ'ן דאָרניגען און בלוטיגען וועג צום זיעג, וועט אייך פערלאָזען, און איהר וועט עס נישט מערקען: דאָצו זענען זיעגער און הערשער בלינד, און איהר וועט זיעגער און הערשער זיין. און איהר וועט זינקען און אונגערעכטיגקייט, און איהר וועט נישט פיהלען דעם זומפף אונטער אייערע פיס... פעסט פיהלט זיך יעדער הערשער, כל זמן ער איז נישט געפאלען...

און געפענגעניששען וועט איהר בויען פאַר די, וואָס וועלען אויסשטרעקען די האַנד, צו ווייזען אייך דעם אָבגרונד, צו וועלכען איהר זינקט... און אויסרייסען פון די מיילער וועט איהר די צונגען, וואָס וועלען אייך וואָרענען פאַר די, וואָס וועלען נאָך אייך קומען, אום אייך און אייער אונגערעכטיגקייט צו פערניכטען...

גרוויזאַם וועט איהר פערטיידיגען די גלייכבערעכטיגונג פון דער סטאַדע צום גראָז אונטער איהרע פיס און צום זאַלץ איבער איהר קאָפּ, און אייערע פיינד וועלען זיין: פרייע אינדיווידועןן, איבער־מענשען, געניאַלע ערפינדער, פראָפעטען, ערלעזער, דיכטער און קינסטלער...

אַלץ, וואָס עס געשיהט, געשיהט אין רוים און צייט...

אויפ'ן פלאַץ איז דאָס שוין געשעהענע, דאָס שטאַנדהאַפטע, פעסטע, און דעריבער: דאָס פערגליווערטע און געפרווירענע, דער היינט, וואָס דאַרף און מוז אונטערגעהען...

די צייט איז פערענדערונג, זי בייט, ענטוויקעלט; זי איז דאָס אייביגע אויפשפּראָצען, אויפבליהען, — דער אייביגער מאָרגען...

און אַז פון אייער „מאָרגען" צו וועלכען איהר שטרעבט וועט ווערען „היינט". וועט איהר זיין די פערטיידיגער פון „נעכטיגען־טאָג", פון אָבגעשטאָרבענעם, פון טויטען... וועט

א י ה ר טרעטען די שפּראָצען פון מאָרגענדיגען טאָג און פערטיליגען זיינע בליטהען און גיעסען שטראָמען קאַלט וואַסער אויף די גייסטען־קעפּ פון נביאות, חלומות און נייע האָפנונגען...

שטאַרבען וויל נישט דער היינטיגער טאָג, בלוט גיעהט אונטער יעדע זון...

איך וויל, איך האָף צו אַייער זיעג, נור איך שרעק מיך און ציטער פאַר אַייער זיעג.

איהר זייט מיין האָפנונג, איהר זייט מיין שרעק.

יעקב דינעסאָן.

יעקב דינעסאָן איז מעהר מאָראַליסט — זיטען־לעהרער, אַלס קינסטלער. וועניגסטענס האָט זיך דער קינסטלער אין איהם אַנידער געלאָזט אויף די קניען פאַר'ן ליבעראַלען זיטען־לעהרער, און האָט זיך איהם אונטער געוואָרפען, אונטער געגעבען, דאַכט זיך — אויף לעבענס־לאַנג!

פריהער — הייסט עס — זיי ליבעראַל, גוט און עהרליך, דער נאָך ערשט — שעהן!

דאָס בילד, די סצענע, דאָס שטיק אָבגעמאָלט־לעבען איז נישט קיין צוועק פאַר זיך אַליין. — דאָס לעבען האָט אפשר פאַר זיך אַליין קיין תכלית נישט! — דער קינסטלער מוז דעריבער לכל הפחות בעווייזען — אַז איין מענש דעם צווייטען דאַרף ליעב האָבען; אַז איין געשלעכט דאַרף דאָס צווייטע נישט אונטערדריקען; אַז פאַלשקייט, אינטריגען, פאַנאַטיזם א. ד. ג. שלעכטע מדות פיהרען נישט צו קיין גוטס; אַז „יודישקייט" איז נישט דער אַבערגלויבען אין צדיקים און זייערע נסים... וכדומה.

צי פערקלענערט דאָס דינעסאָן'ס ווערט?

געווים נישט. מען דאַרף נאָר קענען וואַרפען אַ ריק־בליק אויפ'ן יודישען לעבען פון פאַר גאָר דער לעצטער צייט... מען דאַרף זיך נאָר דערמאַנען און זיך גוט פאָרשטעלען: דלפנ'קע, קבצנ'סק, זיבען־בלאָטיווקע, ציאַכנאָווקע, און דעם גאַנצען תהו ובהו פון אַלטע יודישע „שטעדט און שטעדטלעך".

איידער עס האָט פון דעם „תהו ובהו" זיך געקענט אַרויס־אַרבייטען אַ וועלט, אַ מעהר אָדער וועניגער אָרגאַניזירטע, ניר מיט אַלערליי פערשיעדענע נאַציאָנאַלע, קלאַסען־און מענשליכע אינטערעסען, אָדער פאָרשטעלונגען פון אַזעלכע; איידער עס האָבען זיך געקאָנט אָבטיילען די וואַסערן אויף אויבען און אונטען; ווי עס איז — אויסגעשטערנט ווערען אַ הימעל אין דער הייך, און פרוכטבאַר ווערען איין ערד אין דער נידער... וויל דאָס „יונגוואַרג" — דער נאָמען פון דער ניי־אויפשטעהענדיגער

וועלט — האָט נאָך אָבהענדיג און פערמאַטערט געפוילט און איז איינפאַך פערגאַנגען אין פאַנאַטיש־אונטערדריקענדער פינסטערניש, — האָט געמוזט פריהער עמיץ קומען און זאָגען: „יהי אור“! — וואַרפען אַ ליכטיג־וואַרימע שטראַהל איבער'ן „חושך על פני תהום“. פריהער — ליכט, דער נאָך ערשט וועט מען זעהן, וואָס צו טהון...

און אפשר שטעקט דער פעהלער נאָר אין דער שפּראַכע. אויב די שפּראַכע — און אין דעם האָט אין אָנהייב פון דינעסאָן'ס אַרויסטרעטען קיינער נישט געצווייפעלט, — אויב די שפּראַכע איז פאַר זיך אַליין קיין צוועק נישט, ווייל זי האָט קיין צוקונפט נישט — מוז אויך איהר ליטעראַטור עקסיסטירען נישט פאַר זיך אַליין, נאָר עמיצען אָדער עפּיס צו דיענען... עמיצען אָדער עפּיס צוליעב.

ווי עס איז, דעם „יהי אור“ האָט דינעסאָן געזאָגט.

אויב איהר ווילט, איז דינעסאָן קיין זון נישט, קיין לבנה און קיין שטערן נישט. די דאַרפען פיליכט ערשט קומען. ער איז אָבער אויך נישט קיין פאַלש־פלעמעל, וואָס הייבט זיך און ציטערט איבער די בלאָטע, אַראָבצופיהרען דעם וואַנדערער פון וועג... אויך נישט קיין נידריג־פליהענדער גליה־וואורם! ווי איך קיין פונק, צווישען די לויזע פונקען, וואָס הייבען זיך, און פליהען מכלומר'שט, איבער אַ שמידעריי, און גיבען אַ מאָל אַ ליעבע סעקונדע דעם אויג, אָבער קיין מאָל גאָר נישט דעם האַרץ. און אויך נישט איינער פון די פונקען, וואָס די וויטער־לויפענדיגע לעבענסלאָקאָמאָטיוו וואַרפט אונטער זיך... און קומערט זיך נישט, נישט אום זיי, נישט אום זייער בעגרעבעניש...

אויב איהר ווילט, איז דינעסאָן קיין אָדלער נישט. ער פליהט נישט אַזוי הויך, ער האָט נישט אַזוינע שטאַרקע פליגעל און אויך קיין שאַרף אָדלער־אויג, אַרומצונעמען וויטערע האָריזאָנטען... ער איז אָבער אויך קיין נאַכט־פויגעל נישט, וואָס ענטלויפט פאַר'ן ערשטען שטראַהל פון טאָג, און אויך נישט קיין פאַפּאַגע פון פרעמדע, נישט איבער־געלעבטע ווערטער...

אײן עהרליכע, געטרייע שוואַלב איז ער. אײן עהרליך־געטרייע שוואַלב, וואָס איז גרייט יעדע סעקונדע זיך אויסצורייסען ביז דער לעצטער פעדער אויף דער ברוסט, אונטערצובעטען דעם יונגען געשלעכט, עס זאָל איהם וואַרם זיין אין נעסט... וואָס איז געפּאַסט יעדער רגע, אויפצורייסען זיך די ברוסט, און אָנקאָרמען דאָס יונגוואַרג מיט'ן אייגענעם וואַרימען בלוט...

נישט קיין זון, נישט קיין לבנה, נישט קיין שטערן, נאָר איין אמת־כשר נשמה־לעמפעל, וואָס האָט זיך אַריינגעשטעלט אין פערפינסטערטען אָרון קודש. פון וועלכען מען האָט שוין די ספרים אַרויסגענומען, און עס איז נישט מעהר געבליבען דערינען, ווי דאָס קדוש־און הבדלה־פלעשעל... איין אמת־כשר נשמה־ליכט, מיט וועלכען ער איז אַראָבגעגאַנגען אין טיעפסטען תהום אַריין, וואו דער זאמען פון נייעם לעבען האָט געפוילט, און האָט עס געוועקט צום אויפלעבען, צום בליהען און אַרויס־בליהען איבער'ן תהו ובהו...

איבער דער צייט פון פינף־און־צוואַנציגער ליטעראַרישער אַרבייט, האָט דינעסאָן דעם יודישען לעזער נישט פיעל נעמען געגעבען: „דער שוואַרצער יונגערמאַנציג", „אַ שטיין אויפ'ן וועג", „הירשעלע" און „יוסילע" און אַ פּאָר קלייניגקייטען. אָבער דאָס, וואָס ער האָט געגעבען, האָט דאָס פאָלק גענומען און געלעזען, און איבער און איבערגעלעזען. עס אהט געפיהלט, אַז דאָס איז זיין, „אַ פליישׁ פון זיין פליישׁ, אַ ביין פון זיינע ביינער". און עס איז אין פאָלק, ווי זאַלץ אין וואַסער, צוגאַנגען. עס איז אין זיין בלוט אַריין. קרעפטיגערס וואָלט נאָך זיין מאָגען נישט פערדויט, גרעסער'ס — זיין מויל נישט פערנומען. און קיין טראַגעדיע האָט נאָך אַזוי פיעל טרעהרען נישט אויסגעפרעסט, אַזוי פיעל הערצער נישט צוריסען און פערציטערט געמאַכט, ווי דאָס אָרימע, דערשלאָגענע „יוסילע", וואָס רופט זיך אַליין „גנב"; און עס האָט נאָך קיינמאָל נישט אויפגעפלאַמט אַזאַ געלעכטער האָט קענען אַל־דאָס־בייז און שלעכטס, ווי קענען „שוואַרצען יונגערמאַנציק", וואָס האָט מיט זיינע אינטריגען אומגעברענגט אַ פאַמיליע פון אונשולדיגע נפשות. און ביז'ן היינטיגען טאָג, קען זיך דער „לעזער" נישט

בערוהיגען, נישט וויסענדיג דעם אמת'ן סוף פון שיין־זינגענדיגען, ליעבען און געטרייען „הירשעלע", וואָס מען האָט נור מיט'ן עטאַפּ פון שטאָט אַרויסגעפיהרט, און מען ווייסט נישט עד־היום: וואו אַהין, און — צי לעבט ער נאָך, און ווי אַזוי?

דינעסאָן איז אַ מאָראַליסט. ער וויל דעם לעזער גוט און עהרליך מאַכען. ריין־וואַשען זיין נשמה, קלוג און קלאָר מאַכען זיין קאָפּ. דער קינסטלער האָט זיך דעם זיטענלעהרער אונטער־געוואָרפען, און ער נויט זיינע העלדען, זיי זאָלען ערקלערען זייערע געליעבטע — כדי דער יודישער לעזער זאָל הערען — וואָס עכט־יודישקייט איז; וואָס גוט און פרום הייסט. און אויך: פון וואַנען עס פאַלט רעגען און שניי, וואָס וואָלקען זענען; פאַר וואָס איז טהייל מאָל דער הימעל רויט... נור ער קומט נישט אויף כל־ישראל מיט דער בייטש, ווי דער אַלטער משכיל, און שווישציעט איהם נישט איבער די פלייצעס... ער איז קיין „בייזער מלמד" נישט, און אויך קיין „אַלטער אַפּקורס" מיט'ן אויסגעלאַסענעם געלעכטער נישט! און אויך נישט קיין פראָקוראָר, וואָס רעכענט אוים דעם בעקלאָגטען דעם „על־חטא" מיט אַ שטאָלצען נצחון אָדער פערביטערטער ענג־הערציגקייט. ער רעדט ווי אַ ברודער צום ברודער, גאַנץ אָפט ווי אַ מוטער צום געליעבטען קינד — פון האַרץ צו האַרץ, מיט אַ ליעב־האַרציגער טרויער און טרויעריגער ליעב־האַרציגקייט... אַזוי ווי מען האָט גערעדט רעדען צו די קראַנקע געטהאָ־קינדער... דער קינסטלער אין איהם קניעט פאַר'ן מאָראַליסט, אונטערגעגעבען, אונטערגעוואָרפען. אָבער נישט געבונדען און ווי אַ קרבן אויף זיין מזבח פערברענט. ער לעבט און עטעמט. מיר פיהלען זיין אָטהעם, מיר הערען זיין פולס איבעראַל... שוואַכער ביי די הויפּט־פערזאָנען, ביי די העלדען, וואָס דער מאָראַליסט הייסט טהון זיין ווילען און אַרומשוועבען אין דער לופט, אָהן פלייש און ביינער, און רעדען וועגען השכלה, חכמה, יודישקייט, יהדות און עהרליכקייט... פאַר דאָס אָבער שטאַרקער אין די נעבען־פערזאָנען, אין די ביי־מענשען, פון וועלכע דער מאָראַליסט לאָזט גאַנץ אָפט אַראָב זיין אויג, פערגעסט אָן זיי, און לאָזט

זיי בליהען און וואַקסען ביז צום פיינסטען אַרטיזם. — זאָגאַר אין „שוואַרצען יונגערמאַנציג" טרעפט איהר די קהלישע מוהטע, אַ קאַבאַליסט, שמעיה דעם בטלן, פיסקאַלניק דעם מלמד... די אַלטע דיענסט אין „אבן נגף". סצענען פון חסידישען לעבען, בילדער פון בית־המדרש. דאָס פיהרען איבער'ן מאַרק אַ פער־זינדיגט מיידעל, און דערגלייכען זאַכען, וואָס רייסען זיך דינעסאָנען פון דער האַנד אַרויס, און לעבען זייער בעזונדער, איינענאַרטיג לעבען, דעם מאַראַליסט ווי להכעיס...

נאָך 25־יעהריגער אַרבייט האָט דינעסאָן'ס נשמה אַ נייעם פריהלינג בעקומען. דער „פריינד" האָט זיך נאָך אַ מאָל בליהען געמאַכט. אַ נייער ראָמאַן „אַלטעריל", מאַסען בילדער און נאָוועלען, יום־טוב'דיגע ערצעהלונגען... איבערגעבען דינעסאָן'ס נייע, ווי זיינע אַלטע זאַכען, איז בעשיינפערליך איבריג: ער איז דער געלעזענסטער פון צווישען אַ"ע, דער בעקאַנטסטער צווישען אַלע. עס איז זיך שווער פאָרצושטעלען אַ יודישען לעזער, וואָס זאָל דינעסאָן'ס זאַכען נישט קענען.

עס קען אונז מאַטער'ן איין אַנדערע פראַגע:

זיינע לעצטע זאַכען שרייבט דינעסאָן היינט! היינט ווען פון „תהו ובהו" איז שוין אַ יודישע וועלט אַרויס, ווען עס האָט אויפגעבליהט אַ ניי לעבען מיט ניי ברענענדיגע לעבענס־פראַגען.

צי איז דינעסאָן מיטגעגאַנגען?

ניין! ער האָט זיך נור טיעפער אַראָבגעלאָזט... טיעפער, פון וואו דער אַלטער „תהו ובהו" איז נאָך נישט פערשווינדען געוואָרען; טיעפער, צו די נידריגסטע ספערען און שיכטען פון פאָלק, וואָס קענען אָהן איהם נישט בעפרייט, נישט אויסגעלעזט ווערען פון דער פויל־פייכטער פינסטערניש! און דאָרט אונטען זענען נאָך די מאַסען, דאָס רוב פון פאָלק... די טויזענדער, און צעהן־טויזענדער נשמות, וואָס בעטען זיך תקון...

אַ גוטער יוד האָט אַ מאָל פערצעהלט, ווי ער האָט גע־בלאָנדזעט צווישען די הרי־חושך, וואו די מענשען האָבען אין דער אייביגער פינסטערניש כמעט די אויגען פערלוירען, ווייל מען האָט נישט מיט זיי וואָס צו טהון געהאַט; ווייל מען האָט

נישט געוואוסט, ווי אזוי זיי צו בענוצען. און וואָס עס ברענגט קיין נוצען נישט, דאָס ווערט נישט געשפּייזט, דאָס פערגעהט מיט דער צייט... און דער עולם, וואָס האָט שוין לאַנג נישט געקאָנט די אויגען בענוצען, האָט געלעבט מיט די אויערן, ווי די האָזען; מיט'ן חוש־הריח, ווי די הונד, און האָט געקלעטערט אין דער פינסטער פון איין לעבענס־צווייג צו דער צווייטער, ווי אַ פויל־טיער. און אַז עמיצער האָט פערצעהלט, אַז ער האָט פון עלטער־עלטער זיידען, פון דער צייט פון פאַר'ן גלות, צו די הרי־חושך אַ קבלה, אַ מסורה וועגען ליכטיגע טעג, אָדער אַ חלום וועגען ליכטיגען גן עדן, האָט מען געלאַכט, אָדער געזאָגט: עס האָט אַ מאָל געמוזט זיין אַזאַ קרענק, אַזאַ אונטערגאַנג, אַזאַ שגעון אפשר! און די יחידי סגולה, וואָס האָבען נאָך געהאַט אַ זכר פון אַלטע גוטע צייטען, זענען פערשוויגען געוואָרען, און זייער גלויבען אָן ליכט, און אָן חלומות פון ליכטיגען גן עדן. נאָך טיעפער אין די הערצער בעהאַלטען. און אַז ער, דער גוטער יוד האָט אַהין פערבלאָנדזעט, האָט ער די יחידי סגולה אויפגעזוכט, צוזאַמענגערופען. און געזאָגט: קומט, וועלען מיר זיך צוזאַמען אַרויסאַרבייטען פון דער פינכטערניש, און געהען צום ליכטיגען טאָג, צום ליכטיגען גן עדן. און מאַנכע, וואָס דער גלויבען האָט אין זיי נאָך פעסט געלעבט, האָבען געפאָלגט און מיט'ן רבי'ן געגאַנגען. געגאַנגען און געגאַנגען. איבער טהאָל און איבער בערג, איבער וואַלד און איבער פעלד. אָהן ליכט, אָהן אַ וועג. איבער שטיינער און איבער דערנער... און צווישען חיות רעות. —

און אויפ'ן וועג זענען מאַנכע פון די עטליכע מנינים יחידי־סגולה אָבגעפאַלען, מיעד און אָבגעשוואַכט, מיט געראַניעטע פיס. האָבען זיי זיך אַראָבגעלאָזט אויף דער ערד, און געזאָגט: ווייטער געהען מיר נישט! מיר וועלען עס נישט אויסהאַלטען, דאָ וועלען מיר שטאַרבען. ווייל די גרענעץ פון מענשליכען לעבען איז נעהנטער פאַר דער גרענעץ פון דער פינסטערניש: אַנדערע האָבען געשאָלטען פאַר צאָרן, און פאַר צאָרן אין ליכט פון גן עדן געלייקענט. נאָך אַנדערע האָבען זיך געבעטען: ווער

זועט זיין אונזער ראש, וואָס וועט אונז פיהרען צוריק?..

און גאַנץ וועניגע זענען ווייטער געגאַנגען; קרעכצענדיג, פול מ י ט ספקות, פול טרויער... נור איינער צווישען זיי, דער עלטסטער, האָט איבער דער גאַנצער צייט כמעט געהאַלטען זיך ביים רבי'נס גאַרטעל. טריט ביי טריט נאָכגעגאַנגען. און האָט קיין איינציגע סעקונדע נישט געצווייפעלט, קיין רגע אין כעס אַריין נישט געפאַלען, איבער'ן גאַנצען וועג קיין בייז וואָרט גישט גערעדט.

מיט געראַניעטע פיס איז ער געגאַנגען און אין דער פינסטער צום ווייטען ליכט געשמייכעלט...

אָבער שפּעטער, אַז דאָס ליכט האָט זיך בעוויזען...

אַז מען האָט פון ווייטען אַ זילבערשוירינגען נעפּעל דער־זעהען; און אין מיטען דעם נעפּעל — אַ גרויסע, העלע לויטער־קייט; און אין מיטען דער לויטערקייט, — אַ שניי־ווייס געדעקטען טיש, מיט גאָלדענע שטוהלען אַרום טיש; מיט צדיקים, וואָס האָבען געשיינט ווי די זונען, אַרום טיש; מיט די קרוינען אויף די צדיקים'ס קעפּ...

דעמאָלט האָבען די, וואָס האָבען פריהער געשאָלטען, געצווייפעלט, געוואַקעלט זיך, געוואָלט זיך אַראָבלאָזען און שטאַרבען אין דער פינסטער — אָנגעהויבען טאַנצען, זינגען, און מיט טאַנץ און געזאַנג לויפען צום ליכט, צו דער העלקייט, צום בעוויזענעם גן עדן...

— געדאַרפט האָט מען — האָט דער גוטער יוד געזיפצט — אָנהייבען פליהען, זיי האָבען אָבער קיין פליגעל נישט געהאַט, זענען זיי געלאָפען...

אָבער דער אַלטער, דער שטענדיג־צופריעדענער, גלייב־הערציגער; דער, וואָס האָט איבער דער גאַנצער צייט, אין דער פינסטערניש, צום ווייטען, געהאָפטען ליכט געשמייכעלט, — דער האָט פּלוצלונג אָבגעלאָזט דעם רבי'נס גאַרטעל און האָט זיך אָבגעשטעלט.

— וואָס איז מיט דיר? — פרעגט דער גוטער יוד, — האָסט דאָך שוין דאָס גן עדן בעשיינפערליך פאַר ד'אויגען?

— אמת, — האָט דער אַלטער געזאָגט — אָבער וואָס וועט זיין מיט יענע?

און ער האָט זיך איבערגעדרעהט און געוויזען צו די הרי-חשך... ער וויל אָהן זיי ווייטער נישט געהן. ער קען אָהן זיי נישט געהן, ער מוז צוריק, און זאָגען זיי, וואָס ער האָט געזעהען... זיי וועלען איהם גלייבען... מיט זיי צוזאַמען וועט ער קומען!... ער וועט מיט'ן לעצטען קומען...

און ער איז צוריק געגאַנגען צו די הרי-חשך...

— און דער — האָט דער גוטער יוד געזאָגט — איז געוועזען, אויב נישט דער גרעסטער, על כל פנים — דער בעסטער פון אַלע... יענע האָבען נאָך געקאָנט פערבלאָנדושען...

אין איראפּא
און בײַ אונז אונטער'ן אײבע.

אַז מען רייסט אָב דאָס אויג פונ׳ם זיעדענדיגען לעבען אין איראָפּאַ, און מען וואַרפט אַ בליק צו אונז אונטערן אויבען, האָט מען דאָס געפיהל פון אַ רייזענדען, וואָס קומט נאָך שטורם און וועטער אַהיים אין אַ וואַרימע, שטילע, אַלטפרענקישע שטוב. —

אין דרויסען האָט זיך דער הייליגער הימעל צוקריגט מיט דער זינדיגער ערד. דער הימעל האָט איינגערונצעלט זיין שטערן ווי אַ פאַרמיט, און עס ציהט זיך איבער איהם אַ וואָלקען נאָך אַ וואָלקען; אַלע מאָל שווערער, בלייערנער, שוואַרצער און גיעסענדיגער! פון דער השגחה׳ס אויג פליהט אַ בליץ נאָך אַ בליץ און פון גאָטס האַנד שלאָגט אַ דונער נאָך אַ דונער...

אָט טרעפט ער אין איין אַלטע שאָפּע אַריין; דאָס האָלץ איז אַזוי דאַר, אַזוי אויסגעטריקענט געוועזען, אַז מען האָט געמיינט, אַז זי וועט די וועלט איבערלעבען, און אָט פלאַקערט זי אויף ווי אַ קיהן, און פאַלט און ברעכט צוזאַמען; אָט שלענגלען זיך פייערדיגע צונגען צווישען זיילען רויך אַרום אַ ניימאָדישען פאַלאַץ; פון איהם וועט אַוודאי באַלד קיין זכר נישט בלייבען. און דאָ יאָגט זיך באַרג אָב דאָס שוימענדיג־זידענדיגע וואַסער, יאָגט און שלאָגט מיט אַ כעס און רייסט מיט זיך מיט אַלע שטיינער, פלאָטען און גרעניצען, וואָס שטעהען איהם אין וועג.

נור, געלויבט איז גאָט, מיר זענען שוין אין דער היים. דאָ איז לאַנגווייליג נור שטיל, דושנע נור וואַרים — דאָ איז מען זיכער מיט׳ן לעבען...

דאָרט האָט דער דונער געקנאַקט, דאָ קנאַקט אַ מאָל אַ ברענענדיג שייטעל האָלץ אין אויבען... דאָרט האָט זיך געדאַכט, אַז גאָט וויל כשר׳ען די ערד מיט פייער און איבערשווענקען מיט וואַסער, דאָ זיצט קוים די אַלטע באָבע און פליקט פעדערן... דאָרט פיהרען הימעל און ערד מלחמה, און דאָ

שפּאַרען זיך צוויי אַלטע מוהמעס וואָס עס איז בעסער: געריבענער אָדער געשאָבענער רעטיך...

און זיי זעהען גאָר נישט אַזוי שרעקליך אויס! וואָלענע זאָקען אין די הענד, שפּיזלעך אונטער די אויערען, די ברילען פּערוקט אויפ'ן שטערן... וואָס? עס וועט גאָר נישט זיין דערפון.

לעוויאַטאַנען לעבען אין אַ ים; מיקראָבען — אין אַ טראָפּען וואַסער... אינ'ם טראָפּען שלאָגט זיך אָב דאָס גאַנצע לעבען נור — מיקראָסקאָפּיש קליין און... אַ מאָל מיט'ן קאָפּף אַראָב.

גאָט אייך פּאַקטען:

אייראָפּאַ האָט אַריסטאָקראַטען און מיר האָבען אַריסטאָקראַטען. ביידערליי מיוחסים האָבען פּיינט די פאָלקס־בילדונג. ביידע זאָגען, אַז דאָס פאָלק דאַרף אַ סך גלויבען און וועניג וויסען. ביידע זאָגען, אַז שולען און בפרט אוניווערזיטעטען, אַז וויסענשאַפט און בפרט אין איינפאַך אמת וואָרט אָהן איין איינ־היל זענען אַזוינע שווערע מאכלים, אַז דאָס פאָלק קען זיי נישט פערדייען... אַז דערפון פערדאַרבט עס זיך דעם מאָגען, שלאָפט אונרוהיג און האָט בייזע חלומות... און דאָך איז וויט פון יענע אַריסטאָקראַטען ביז אונזערע! די אַריסטאָקראַטען, למשל, אין פּרייסען, די „יונקערס", ווי מען רופט זיי דאָרט, זענען רייכע גוטסבעזיצער פון אייביגע יאָהרען, אַריסטאָקראַטען מיט סאַמע רייז בלאָהליך בלוט; מיט אַ יחוס, וואָס גרייכט אַמאָל ביז די חיות ובהמות אין נח'ס תיבה! זיי געדענקען נאָך די אַלטע גוטע צייטען, ווען לעזען און שרייבען האָט געהערט צו זיי, בפרט רעגיערען! אין לאַנד זענען נור געוועזען צוויי קלאַסען: אַ קליין ביסל פּריצים וואָס האָבען געהאַט אַלעס און איבער אַלעס צו שאַפען, און אַ גרויסע מאַסע פּויערען, וואָס האָבען אַ סך געאַרבייט און גאָר נישט געהאַט. דעמאָלט האָבען אונזערע יונקערס געלעבט אַ גוטען טאָג. און אַז דאָס פּויערן־פאָלק האָט

עפּיס פערלאַנגט, נישט אויף די קניען, נישט אין קלויסטער און נישט פון גאָט — האָט מען איהם געענפערט מיט קאַרטאַטשען.
נאַטירליך געהט די יונקערס היינט אויך נישט אַזוי שלעכט; זיי זענען נאָך עד היום די זיילען, וואָס האַלטען אונטער דעם פּרייסישען הימעל...
די גרעסטע שטעלען אין לאַנד, אין דער אַדמיניסטראַציע, אין מיליטער און בפרט אין קייזערס הויף געהערען צו זיי, און אויסער דעם האָבען זיי נאָך מאַסען גיטער, וואָס זיי האָבען גע־קריגען בירושה פון די אַלע גוטע צייטען, און, ליידער, נאָך נישט פערטרונקען און פערהולטאַיעט...
פאַר וואָס האָט דער פּרייסישער יונקער פיינט די פאָלקס־בילדונג? פאַר וואָס קריגט ער האַרץ־קלאַפּען פאַר דעם, וואָס ער רופט: „דעמאַגאָגיאַ"? ווייל ער ווייסט, אַז וואָס קלינגער עס וועט זיין דאָס פאָלק, קלענער וועט ווערען זיין פעטער ביסען...
נור וואָס פאַר אַ אַריסטאָקראַטען האָבען מיר? ווער שרייט אויף אונז, אַז מיר זאָגען צופיעל אויס דעם פּראָסטען פאָלק, דעם „המון עם"? ווער איז ביי אונז די זויער־מילך און ווער די סמעטענע? ווער האָט רויט און ווער בלאָהליך בלוט? דאַכט זיך אַז אין יעדער קלענסטער רייהע פון יודישע דורות, וועט איהר געפינען אַלע שטאַפּלען פון דער לייטער, אויף וועלכע אַ יודי־שער פּוס מעג נור טרעטען! איהר וועט געפינען אַ פאַקטאָר און אַ רב, אַ רופא און אַ דאָקטאָר, און אַ פּראַצענטניק און נאָך עפּיס ערגערס, און אַ גביר, און אַ טרעגער... ווער'זשע זענען אונזע־רע אַריסטאָקראַטען?
אונזערע אַריסטאָקראַטען זענען: מלמדים, וואָס האָבען זיך אויסגעלערנט אַ ביסל העברעאישע גראַמאַטיק, אַ בעדער־יונג, וואָס האָט זיך צו געהאַפּט צו לעטריסעם ראָמאַנטישע געדיכטע, איין אויסגעקאָרמעטע פאַקטאָריש בעל־בתיש־עקסיל, וואָס האָט איינגענומען אַ צוואַנציג לעקציעס אַלענדאָרף... אָט די לייט און זייער גלייכען זענען אונזערע יונקערס! אָט די לייט ווייסען שוין אַזוינע סודות, וואָס מען טאָר דעם פאָלק נישט אויס־זאָגען... אָט, די לייט זאָגען, אַז די זויערמילך, דער המון

עס דאַרף האָבען אַ פּרוכת איבער די אויגען און לאָזען זיך פּיה־רען פון זיי!..

אָט דאָס זענען אונזערע יונקערס אין די פּערדען... וואָס די אַלטע באָבע פּליקט!

צי האָט איהר געהערט פון לעצטען אייזענבאַהן־שטרייק אין אַמעריקאַ? די אַרבייטער און דיענער פון דער באַהן האָבען געוואָלט אַ גרעסערן לוין, די בעלי בתים פון דער באַהן האָבען נישט געוואָלט געבען, האָבען זיך די אַרבייטער מישב געוועזען און אויפגעהערט צו אַרבייטען... דאָס הייסט אויף זייער לשון — אַ „שטרייק"... דאָס מחלוקת האָט לאַנג געדויערט, די אַרבייטער האָבען פאַר הונגער געמאַכט באַוועריעס, צובראָכען וואַגאָנען, פערברענט סטאַציעס... די בעלי בתים האָבען געבעטען הילף ביים פּרעזידענט, מען האָט געשיקט סאָלדאַטען מיט ביקסען... מען האָט געשאָסען, עס איז בלוט פערגאָסען געוואָרען... נור דאָס איז נאָך אַ קליינינקייט... אין אונזערע צייטען הענגט דער ווערטה פון אַ זאַך נישט אָב פון׳ם בלוט, וואָס זי האָט געקאָסט...

ביי אונז געהען אַלע רעכענונגען, אַלע חשבונות אויף געלד! אויף געלד ווערט געשאַצט די אַרבייט; אויף געלד ווערט געשאַצט הענד און פיס, וואָס מען פערליערט ביי דער מאַשין אין אפילו אַ גאַנצער לעבעדיגער מענש, אויב ער ווערט אַ מאָל צוקוועטשט צווישען איהרע צייהן... בפרט אין אַמעריקאַ, וואו מען שאַצט אויף געלד אַפילו אַ קוש, וואָס אַ מיידעל קריגט אָהן איהר גוטען ווילען...

אַלץ ווערט בערעכענט אויף געלד; און אויף געלד איז דער שטרייק ווערט געוועזען נאָר אַ קליינינקייט: די בעלי בתים פון דער אָבגעשטעלטער באַהן האָבען געהאַט אַ היזק פון דריי מיליאָן דאָלאַר, די אויבס־סוחרים אין קאַליפאָרניען, וואָס האָבען די סחורה נישט געקענט פערשיקען — 5 מיליאָן דאָלאַר; צוזאַמען האָבען די קאַפּיטאַליסטען געליטען אויף 8 מיליאָן און דאַנעגען האָבען די אַרבייטער געהאַט אַ היזק פון גאַנצע 10 מיליאָן דאָלאַר!

בכלל איז ווערט געוועזען דער שטרייק איין ערך פון 35,000,000 רובל אונזער געלד!

ביי אונז איז אויך געוועזען אַשטרייק... אין קישיניאָוו... און אַ דאָפּעלטער שטרייק... דער בעל טקסא האָט אויפגעהערט צו צאָהלען שכירות די דיינים, און די דיינים האָבען אויפגעהערט שאלות צו פסקינען...

דער שטרייק האָט אַודאי געקאָסט, ווי מען זאָגט „ח״י גדולים מיט אַ קניזש״ און דאָך האָט אַ דיין געחלשט אין מיטען נאָס פאַר הונגער...

„שאלת הפועלים!״ — די אַרבייטער־פראַגע! אין אייראָפּאַ. אַז אַ בעל־בתּישער מענש דערמאָנט זיך אין דער פראַגע, ציטערט אונטער׳ם הענד און פיס... קיין פרומער יוד שרעקט זיך נישט אַזוי אלול פאַר׳ן שופר, און אויף דער עלטער פאַר׳ן קבר מיט׳ן מלאך דומה, ווי דאָרט אַ פאַבריקאַנט פאַר׳ן הונגעריגען אַרבייטער! דער בעל הבית ווייסט, אַז דער אַרבייטער איז קיין פויער נישט און האָט גאָר קיין חשק נישט אויסצופאַסטען זיך דאָס ליבטינע גן עדן... אַז ער איז הונגעריג, וויל ער שוין נישט מודה זיין, אַז דאָס האָט איהם גאָט היינט קיין ברויט נישט בעשערט, נור ער מיינט, אַז דער פאַבריקאַנט האָט אַ קישקע אָהן אַ דנאָ... אַז דאָס ווייב ווערט איהם קראַנק, אַז די קינדער הייבען אָן הוסטען, זאָגט ער שוין נישט, ווי אַ מאָל אין די גוטע, גאָלדענע יאָהרען, אַז עס איז איין אָבקומע־ניש פאַר די זינד, שלאָגט זיך שוין נישט אין האַרץ אַריין און לויפט שוין נישט צום שטריימעל עס זאָל איהם אַרויס געבען אַ תשובה... איהם דאַכט זיך גאָר, אַז זיין דירה איז שולדיג, אַז ער וואהנט אין נאַסען קבר! און עס דאַכט איהם, אַז דער פאַבריקאַנט איז איהם מחויב אויפצושטעלען אַ הויז!... אַז זיין זוהן מוז צו 10 יאָהר געהן אין פאַבריק אַריין אַרבייטען, גלויבט ער שוין נישט ווי אַ מאָל, אַז אַרבייט איז אַ הייליגע זאַך, אַז פאַר דער אַרבייט צאָהלט מען אויף יענער וועלט, נור ער איז

בעז פאַר וואָס האָבען אַנדערע גימנאַזיום און אוניווערזיטעט און דערנאָך אַ גוטע שטעלע... און זיינע קינדער נישט! ער זאָגט נאָך, אַז די פאַבריקאַנטען קאָנקורירען אויף זיין חשבון, און דריי פערטיל סחורה איז זיין שוויים און בלוט...

און אַז עטליכע מיליאָנען מיינען איז ביטער ווי גאַל!

נור דאָס אַלץ איז אין אייראָפּאַ... ביי אונז איז פון דעם אַלעם קיין זכר נישט דאַ, מיר האָבען קיין פאַבריקען נישט, קיין אַרבייטער נישט... מיר קענען, דאַכט זיך, רוהיג שלאָפען... און דאָך האָבען מיר אַ קליין „שאלת הפועלים"יל... אַ קליינס, אַ חנודיגס... צום קישען!

מיר שטיצען די אַרבייטער אין ארץ ישראל...

טאָג טעגליך געהען אין המליץ נדבות אויף די פועלים!

און עס איז אַ גוטע זאַך! אויסער וואָס די אַרבייטער וועלען אַ מאָל עפּיס האָבען פונ'ם געלד, איז דאָס דערוויל די בעסטע רעקלאַמע, וואָס אַמעריקאַ פערמאָגט עס נישט!

עס האָט אַ יונגער שנעק ערגיץ אַ דרשה געהאַלטען און עס וויל קיינער דעריבער אין צייטונג קיין וואָרט נישט שרייבען.. שרייבט ער אַליין: „וויל איך האָב אין האָציפּלאָץ פאַר די משכילים אין שטאָדט אַ דרשה געזאָגט און אַלע זענען שיער אויסגעגאַנגען — שענק איך 18 גדולים לטובת הפועלים". דער מליץ דרוקט און די וועלט קלינגט מיט'ן נייעם בעל דרשן.

שאלת הפועלים איז אַפילו אַ סגולה אויף פּראַקסע פאַר אַ יונגען דאָקטאָר; אויב ער האָט נור אַ גוטען פריינד, וועט שוין אָן איהם דאָס פּובליקום נישט פערגעסען...

קוים האָט ער געענדיגט דאָס אוניווערזיטעט, שענקט זיין גוטער פריינד פאַר גרויס פרייד, וואָס דער בעריהמטער קאָפּ האָט געענדיגט מעדיצין — ח"י גדולים! ווערט דער דאָקטאָר אַ חתן — ווייטער ח"י גדולים! האָט ער חתונה — נאָך אַ מאָל ח"י גדולים... מאַכט ער אַ ברית — ווייטער ח"י גדולים! פערשרייבט ער די ערשטע רעצעפּט עמיצען אויף אַ קאַטאַר — גאָר נייע ח"י גדולים פון דער נאָדעל! און אַזוי ערנאָך קלינגט גאַנץ אייראָפּאַ מיט'ן דאָקטאָרעל, וואָס, ווען נישט די שאלת

הפועלים, וואָלט ער געמוזט אַרומלויפען אין די גאַסען, שרייען: „אני שלמה!" און יעדען אַריינשטופען אין האַנד אַריין די אַדרעס...

אַ ליטעראַט האָט פערקויפט — נישט די פעדער, די איז שוין לאַנג פערקאַניעט... נור זיך אַליין, פאַר עטליכע רובל נדן! ווער וואָלט געוואוסט דערפון? שאלת הפועלים! 20 נומערען דורכאַנאַנד ווינשט מען איהם, און פאַר יעדען וואונש קריגען די אַרבייטער ח"י גדולים...

און עס וואַקסט פון טאָג צו טאָג!... די גבירה האָט דעם גביר געוואָרפען אַ ראָנדעל אין קאָפּ אַריין: האָט זי געטראָפען, שענקט דער גבירה'ס מוטער, ד. ה. דעם גביר'ס שוויגער, ח"י גדולים! האָט זי נישט געטראָפען — שענקט די דיענסט, וואָס האַלט מיט'ן בעל הבית, ח"י גדולים! געהט די דיענסט אַוועק דיקער ווי זי איז געקומען, שענקט דעם בעל הבית'ס אַ גוטער פריינד ח"י גדולים...

נו, זאָגט אַליין, קען אַזאַ שאלת הפועלים עמיצען שאַטען?

מען זאָגט אַז דאָ האָבען מיר אַ סך אָרימע בעל מלאכות, אַז פאַר דעם געלד וואָלט מען זיי געקאָנט וואַרשטאַטען מאַכען, ניי־מאַשינען קויפען...

עס קאָן זיין, נור מיר קענען נישט אַנדערש, מיר מוזען האָבען אונזער איינען, היימיש, וואַרם, שטיל שאלת הפועלים'יל!

אין אייראָפּאַ זענען געוועזען פּאַנאַמאַס און פּאַנאַמינאַס...
און גאַנץ אייראָפּאַ האָט געקאָכט ווי אַ קעסעל!

אין פראַנקרייך האָבען מיניסטאָרען גע'גנב'ט און געגאַנגען אין קרימינאַל אַריין; אין איטאַליען האָבען סענאַטאָרען געגראַבעלט אין דער קאַסע, און גאַנץ איטאַליען האָט געזאָטען! אין שפּאַניען האָבען אַ סך אַריסטאָקראַטען געהאַט לאַנגע פינגער און מען האָט זיי נישט געשוויגען! אין שיקאַגאָ האָט מען איינגעזעצט אין

עסטרייכישען קאָנסול פאַר געלד-זאַכען; אין ענגלאַנד איז אַריינ-געפאַלען, נעביך, אַ לאָרד...

אומעטום — סקאַנדאַלען, ערד-ציטערניש!

ביי אונז איז געוועזען אַ פּאַנאַמינאַלע — און שטיל! שאַ! —

עס האָבען גאַנץ קליינע מענשעליך געמאַכט אַ גאַנץ קליין חברה׳לע צו קויפען ערד אין ארץ ישראל... קוים טויזענד מענשען און אין גאַנצען צו הונדערט פראַנק...

מיט דער צייט, האָט מען אויסגערעכענט, וועט די ערד וואַקסען און וואַקסען, און יעדערער פון די טויזענד מיטגליעדער וועט האָבען זיין אייגענע קאָלאָניע אין ארץ ישראל... וואו אַ שניידער, וואו אַ שוסטער, וואו אַ קבצן, האָט פערקויפט דאָס צירונג מיט׳ן בעט-געוואַנד, צו-געבאָרגט די רעשט אויף פּראָצענט — און אַריינגעטראָגען 100 פראַנק... צו וועמען? מן הסתם צו אַ יוד... וואָס האָט מען דאָ צו פרעגען...

אין קורצען האָט מען געקויפט אַ שטיק ערד, מען האָט עס אַ נאָמען געגעבען „עין-זיתים"... און במשך פון אַ יאָהר זענען געפלויגען פון ארץ ישראל בשורות טובות ווי די טויבען, דער כנסת ישראל צו׳ם דערקוויקעניש... די אייגענע, וואָס האָבען די חברה צוזאַמענגעשלאָגען, האָבען דעם גאָרטען געפלאַנצט, וויין געבויט... „אונזער וויינגאָרטען — האָט מען געשריבען — וואַקסט פון טאָג צו טאָג, מיט יעדער מינוט וואַקסט זיין ווערט, מענשען זעהען און גלויבען נישט זייער אייגענע אויגען"... „נור אַזויערנאָך — האָט מען געשריבען, קאָן קומען די גאולה, „נור דורך אַזוינע חברות קען מען אויסגעלייזט ווערען פון גלות.

פּלוצלינג איז אָבער דער געזעלשאַפט איינגעפאַלען אַראָב-צושיקען אַ מענש קיין ארץ ישראל, צו בעקוקען עין-זיתים, און עס איז איהם פינסטער געוואָרען פאַר די אויגען — שטיינער און ביינער!

די 100 טויזענד פראַנק — פיו!

נור שטיל! קיין סקאַנדאַלען מאַכט מען נישט! מען האָט קיינעם נישט אָבגעגעבען „פּאַר-סוד"... וואָס דען, עס האָט זיך אויסגעוויזען דאָס אייגענע וואָס אין העלם!

אין חעלם איז אַ מאָל פערשוואונדען געוואָרען מילך פון אַ טאָפּ... און קיינער איז נישט שולדיג געוועזען! די קאַץ איז געווען געפּגרט, דער בעל הבית און די בעל הבית'טע — פליישיג, און פאַר דער דיענסט וואָלט דער רב געמעגט שווערען...

אין אונגאַרן איז ערשט נישט לאַנג געוועזען אַ שטאַרק מחלוקת וועגען חופה וקדושין. די אַריסטאָקראַטען, וואָס האָבען דאָרט אַ גרויסע דעה, זאָגען אַז אין חתונה האָבען שטעקט אַ גרויסער סוד, אַ הייליגקייט, אַ הימעל־זאַך, און אַז חאָטש „בת פלוני לפלוני" איז בעשערט און ווערט אויסגערופען נאָך 40 טאָג איידער גאָט טראַנספּאָטירט אַרויס די נשמה פון אוצר, מוז איבער יעדען זווג דאָס שטריימעל מאַכען אַ ברכה!.. דאָס פּראָסטע פאָלק אָבער זאָגט אַ חתונה האָבען איז אַ מענשליכע זאַך, אַז עס שטעקט דעריגען גאָר קיין סודות נישט, און מען דאַרף דערצו נישט מעהר, נור ער זאָל וועלען, זי זאָל וועלען און דאָס מאַגיסטראַט זאָל פערשרייבען, אַז זיי האָבען ביידע געוואָלט; כדי מען זאָל וויסען ווער מיט ווען עס וועט זיך אַ מאָל גט'ען און ווער עס וועט נאָך וועמען נעמען ירושה און קדיש זאָגען...

אין אונגאַרן איז דאָ אַ פּאַרלאַמענט, וואו עס זיצען אויס־דערוויילטע פון פאָלק, און אַ הערנהויז, וואו עס זיצען גרויסע הערען — אַריסטאָקראַטען. קיין פּראָווע איז דאָרט נישט גילטיג, ביז זי ווערט נישט אָנגענומען אין פּאַרלאַמענט, בעשטעטיגט אין הערנהויז און דערנאָך ערשט — אונטערגעשריבען פון קייזער. נאַטירליך האָט דער פּאַרלאַמענט געוואָלט, אַז די חתונה זאָל בלייבען אַ ציוויל־זאַך, נישט קיין הייליגער סוד... נור דאָס הערן־הויז האָט נישט געוואָלט, און עס האָט זיך נישט אונטער־געגעבען, ביז מען האָט עס נישט גענייט מיט שטיינער אין בלאָטע די אַריסטאָקראַטען אין די קאָטשען אַריין און מיט אויס־האַקען די שויבען. זיי האָבען זיך אונטערגעגעבען און — היינט מאָרגען וועט דער קייזער אונטערשרייבען דאָס נייע געזעץ, אַז חופה וקדושין קענען זיך בעגעהן אָהנ'ם שטריימעל...

ביי אונז איז אויך עפּיס עהנליכ'ס געשעהען נור... מיט'ן קאָפּ אַראָב!

אין אַ געוויסע שטאָדט האָבען די „דייטשען", דאָס הייסט אונזער ליבעראַלע, געבילדעטע פּאַרטיי געוואָלט דורכאוים אַריינפיהרען די חופּה אין שוהל אַריין, גלייך צום אָרון קודש... און די פרומע קלאַס האָט נישט געלאָזט! פאַר דער חופּה — זאָגען זיי — איז גענוג פּלאַץ אויפ'ן בערגעל מיסט, אויפ'ן שוהל-הויף...

זעהט איהר, פּונקט פערקעהרט ווי אין אונגאַרן!

די פרומע קלאַס איז לייבט צו פערשטעהן... זיי ווילען בכלל נישט קיין נייעס... דערצו ווייסען זיי, אַז לויט אונזער געזעץ איז גענוג, אַז זי שטעקט אוים אַ פינגער, ער זעצט אַרויף אַ פינגעריל וואָס מוז ווערט זיין ווענינגסטענס אַ פּרוטה און זאָגט „הרי־את"... דערביי דאַרפען, נאַטירליך, זיין עדות, ער זאָל נישט אָבלייקענען שטיין און ביין; אַ מנין איז נאָך בעסער, נור אַזוי ווי יעדער קען צוקומען צום עמוד, אַזוי קאָן יעדערער מקדש זיין...

נור וואָס די „דייטשען" ווילען, פאַר וואָס גיט דער ראַבינער חופּה וקדושין דוקא ביי'ם אָרון קודש אין קאָהר־שוהל, איז נישט צו פערשטעהן...

דאַכט זיך, אַז אין דער קלאַס שטעלען זיך צו דער חופּה: אַ חתן, וואָס האָט שוין קיין האָר און קיין סודות נישט, און אַ כלה, וואָס ווייסט פון פאַל דע קאָק, זאָלאַ און אַנדערע, אפילו ווי אַזוי מען האָט קיין קינדער נישט, אַז עס האָבען נישט חתונה קיין מענשען, נו צוויי בייטעליך געלד... וואָס'זשע דאַרף מען דאַ דעם פרעדיגער?

נור נישט אין דעם געהט אונז...

גענוג, אַז די פראַגע, וואָס האָט אויפגעקאָכט גאַנץ אונגאַרן האָט זיך אָבגעשלאָגען אין אונזער טראָפּען וואַסער, נור מיט'ן קאָפּ אַראָב!

פון דעסטוועגען מיינט נישט, אַז עס איז גאָר אין גאַנצען שטיל! די פרומע חובבי ציון שלאָגען זיך מיט די ליבעראַלע חובבי ציון... אין וואָס עס נעהט, איז שווער צו וויסען פון די הונדערטער פאַשקווילען, וואָס ווערען צושיקט אין בריעף אָדער געדרוקט אין צייטונגען... עס מוז דאָך זיין איין אַרט פראַגע: וואָס עס איז בעסער. געשאָבענער אָדער געריבענער רעטיך!

געדאנקען
איבער ליטעראטור.

אין אַ ליטעראַרישער געזעלשאַפט, בײ'ן אַ פּאָדראַזדציק, צוליב זײן שענער פרוי און גרויסאַרטיגען קאָפּע פערזאַמעלט, — האָט עמיץ אַ פראַגע געשטעלט: נאָך וואָס שרײבט מען? פערשפּילענדיג בײ'ם קאָרטען-טישעל, האָט דער ווירט, אויסדרעהענדיג זײן שווערען קאָפּ, מיט די שטענדיג גערײטעלטע אויגען, גערײצט, אין צימער אַרײן געוואָרפען: ווער עס קאָן נישט לעבען, שרײבט!

— אָבער — האָט אָנגעהויבען די פרוי ווירטין, בעטענדיג מיט די שענע, שטענדיג פייכטליך שמאַכטענדיגע אויגען די ליטעראַרישע געסט אום פערצײהונג פאַר'ן מאַן, „אָבער —

זי האָט אָבער נישט געענדיגט. אײן אַלטער ליטעראַט, וואָס איז געבען איהר געזעסען, האָט זי אָנגעכאַפּט בײ דער פײן געטאָקטער, נאַקיטער האַנד: מאַדאַם, די ליטעראַטור איז דאָך נאָר אַ סוראָגאַט פון לעבען, אַ נאָכגעמאַכט לעבען, — ווי ספּאָרט איז דער סוראָגאַט פון אַרבײט...

— געוויס — האָט נאָכגעגעבען אַ יונגער דיכטער, וואָס איז געזעסען בײ דער מאַדאַם פון דער צווײטער זײט, און האָט ערשט נישט לאַנג איהר געווידמעט אַ בענדיל, מיט בענקשאַפט דורכגעוועבטע געדיכטע אויף וועלין פּאַפּיר — „געוויס", האָט ער ווידערהאָלט, און זײן שטימע האָט אָנגעהויבען עטוואָס ציטערן, — „ווען די, צו וועלכער איך בעט, וועלכע איך פערהײליג, ווען די..." און — נאָך אַ קורצער פויזע פון פיעל דײטענדיגע אויגען געשפּראַך, מיט דער רעכטער אין דער שעוועליור און דער לינקער אויפ'ן האַרץ, האָט ער, אַראָבבײגענדיג דעם קאָפּ, די אויפגעפּאָכטע בליצען אין ד'אויגען צו בעהאַלטען, געענדיגט: „וואָלט איך מײן הויך ליעד געלעבט, געלעבט נישט געזונגען —"

דער אַלטער דיכטער ווערט אונרוהיג, וויל זאָגען עטוואָס ביטערס און בײסענדיגס, נאָר דער אינזשעניער, וואָס האָט בײ'ם שפּיעל-טישעל די קאָרטען טאַסירט און געוואָלט צוטײלען, האָט

זיך אָבגעשטעלט און מיט אַ שמייכעל געזאָגט: איך אַרבייט מיינע אידעען אויס: פּאַלאַצען, באַהן-בריקען —

— אָדער איינקינפטס הייזער! — מורמעלט ניפּטיג דער זוירטה. — טהייל בעסער. —

דער אינזשיניער צו טהיילט די קאָרטען; מאַכט עס אוּם-געלומפּערט אויפגערעגט.

מאַדאַם לאָזט ווייטער די אויגען אַראָב, עפענט זיי דאָך באַלד, הערט זיך איין צום ווייטערען געשפּרעך צווישען די ליטעראַטען, וועגען געשטעלטען פּראָבלעם. מיט האַלב-אָפענע ליפּען, גערייטעלט געזיכט אין גיעריג איינלאַטענדיגע אויגען שלינגט זי יעדעם וואָרט.

ביי'ם קאָרטען טישעל: פּאַס, פּאַס! דערנאָך — ליציטאַציע און באַלד אַ שטילע נאָכדענקליכקייט.

אַ סאָציאַל-געפאַרבטער ליטעראַט מיט אויסגעשפּראָכענע סימפּאַטי'ען צו די נידריגע שיכטען און עלעגאַנטע פרויען פון די העכערע, — האָט זיך דערווייל די הענד צופיהרט.

— גיעט מיר די קראַפט, די מאַכט — רופט ער לויפענדיג איבער'ן צימער, נאָכגעיאָגט פון דער מאַדאַם'ס אויגען — גיעט מיר די מעגליכקייט צום שטערען און בויען...

און פּלוצלונג:

— פּאַרדאָן!

ער האָט אָנגעטרעטען אויף דער מאַדאַם'ס שלעפּ. און אַז זי פערצייהט איהם מיט אַווארעמען בליק, געשיקט מיט איין פוס וואַרפענדיג דעם שלעפּ אונטער זיך:

— ווען איך האָב צו שאַפען; ווען די וועלט איז אַליים און איך בין סקולפּטור...

און — נאָך אַמאָל: פּאַרדאָן!

ער האָט זיך אָנגעשלאָגען אָן דער טאַץ מיט טיי, וואָס דאָס דינסט-מיידעל האָט אַריינגעבראַכט. איין אויסגעשריי פון מיידעל, אַ געקלינגעריי פון פּלאַצענדיגע גלעזער, אַ לענגערער, מעלאָדישער קלונג פון דער געפאַלענער טאַץ, דאָס מיידעל וואַרפט זיך, אויפצוהייבען דאָס געפאַלענע, דער יונגער דיכטער

מיט דער שעוועליור, לויפט צו הילף און בויגט זיך איין, — אַ קלאַפּ פון צוויי יונגע, שטאַרקע שטערן; בליצען אין דער מאַדאַם'ס אויג...

דער יונגער דיכטער זעצט זיך שוין אין איין אַנדערן ווינקעל; דאָס מיידעל האָט צוזאַמענגעקליבען דאָס געשיר, איז אַרויסגעגאַנגען נאָך אַ פרישע טאַץ און אַ „יונג-מאָדערנער" קלאַרנעטירט דערוויל:

גיט מיר אַ קריסטאַלענעם פּאַלאַץ אין מיט'ן ים... פּאַווע-פעדערן, פּערל-שנירען, קריסטאַלן-געשיר — און לאָזט מיך שוימען, אויף אַ מוטער-פּערל שיפעל שווימען און קוקען, צוברעך איך מיין פּען...

אַ היסטאָרישער ראָמאַניסט ענטפערט דעם סאָציאַל-געפאַרבטען:

— מיר איז ענג, דאָס לעבען איז אַ געפענגעניש... פליהען קענען דער צוקונפט האָט מיר גאָט קיין פליגעל נישט געגעבען, אויסטראַכטען, מעשה'ליך שרייבען קען איך נישט... געה איך צוריק. די היסטאָריע איז אַ גוטע וועשין; זי האָט די אַלטע צייטען ריין געוואַשען... פון אַלע שאַנד און בלוט-פלעקען און אין די ריין געוואַשענע צייטען לעבען און דיכטען — דאָס איז מיין איינציגע טרייסט...

מען האָט שוין געברענגט פרישען טהע און, הויך זופענדיג, זאָגט דער ווירט:

— מען שרייבט, ווייל מען וויל עסען...

די מאַדאַם, שוין פון הויכען זופען דענערוויערט, שטעהנט.

— פאַלש! שפּרינגט אויף דער אַלטער ליטעראַט. מען ד ר ו ק ט צוליב ברויט — אָבער פריהער ווערט ג ע ד י כ ט ע ט, פריהער האָט מען שעפּפערישע אידעען; צו פריהע, צו שטאַרקע, צו הויכע... (מיט אַ גיפטיגען בליק צום אינזשיניער) מען זאָל עס קענען באַלד, אויגעבליקליך אויסבויען... און... און...

ער פערהאַקט זיך, די מאַדאַם דריקט איהם צערטליך די האַנד...

דער יונגער דיכטער מיט דער שעוועליור לאָזט פון וויטען די אויגען אַראָב, בעהאַלטענדיג די צאָרניגע בליקען. —

עס איז ענג אויפ'ן ארט, וואו דאס לעבען האט אונז איינגעפלאנצט אדער וואו עס פיהרט אונז, ווי איין באַרייטער אויף א קורצער שטריק. און צו קורץ איז אונז די צייט פון אונזער לעבען. וואס איז די ליניע אדער דער איינצעלנער פונקט אינ'ם אונגעהייערען, אינ'ם נישט פערשטענדליכען וועלט-בילד? און ווי פערשווינדען אונזערע לעבענס-יאהרען אין דער אייביגקייט. אונטער זיך — איין אונגעהייערע פערגאנגענהייט, וואס האט אונז נישט געקענט, פאר אונז — איין אונענדליכע צוקונפט, וואס וועט אונז נישט גערענקען.

חלומט זיך דער פרומער איין אייביג לעבען אויס: א קורצען גיהנם און — איין אונענדליכען גן-עדן, נאכ'ן איבערקומען דאס רייניגען אין גיהנם... חלומט ער זיך תחית המתים אויס, אויב ער וויל זיך נישט מיט דער זינדיגער ערד געזעגענען אויף אייביג... וויל זיך איינער דאס לעבען מיט א נאמען פערלענגערן. גרעסערע — א מאנומענט פערדינען; שטעלט זיך דער עגיפטישער קעניג פיראמידען אויף, פערהייליגט דער חינעזער זיינע קברים, לאזען רייכע אייזערנע קאפיטאלען, שטעלען זיך שטארקע מצבות פון גראניט מיט גאלדענע אותיות — און מען לעבט זיך ארויס פון דער צייט.

רייזען מענשען איבער דער וועלט; ווי א פאנאראמע געהען פארביי לענדער, שטעדט און פעלקער, און מען לעבט זיך פון ארט ארויס...

און מיט'ן לעבען אליין, אויסער דער קורצקייט און דער ענגשאפט, מיט'ן אינהאלט פון לעבען איז אויך דער מענש נישט צופרידען. נישט נאר ברייטער און לענגער, אויך העכער און טיפער וויל ער לעבען. און אפט — אנדערש, ער וויל עס פערבייטען, טוישען...

אבער זעלטען ווער עס קען עס טון אין דער ווירקליכקייט... די דריקענדע מעהרהייט מוז קומען צום בוך, צו דער ליטעראטור. גיט דער היסטארישער ראמאן די פערגאנגענהייט, די פאבעל — די שענערע, שטראהלענדיגערע צוקונפט; דער ראמאן — דאס הייניגע לעבען שענער, ערהאבענער, טיפער...

און מיט דער הילף פון דער ליטעראַטור רייסט זיך דער מענש פון זײַן געפענגעניש אַרויס: קען דער שוסטער דורכלעבען אַ ריטערליך אָדער אַריסטאָקראַטיש פרונק=לעבען... געהט דער שוואַכער האַנד אָן האַנד מיט איין אַלכסנדר מוקדון, עראָבערן די וועלט. אָדער זיצט מיט אַ נאַפּאָלעאָן אין סאַנקט העלענע און לעבט נאָך אַמאָל איבער וואַטערלאָאַ; ווערט דער אָרימסטער רייך ווי ראָטשילד, און בעשיט די אָרימסטע מיט גאָלד; און דער שטילסטער לעבט דורך די שטאַרקסטע ליידענשאַפטליכע אָרקאַנען. טויזענדפאַך און רעגענבויגען=פאַרביג ווערט דאָס לעבען. נישט ריהרענדיג זיך פון אָרט, שטייגט איהר אויף די העכסטע בערג, שפּאַצירט איהר אין די שענסטע טאָלען, שווימט איבער'ן צופלאָסענעם שמאַראַגד פון די שענסטע זעען. אין דער ענגסטער, פינסטערסטער קעלער=שטוב שפּראָצען אויף גערטנער, וואַקסען אוים אַרקאַדען, פּאַלאַצען פּיראַמידען, ספינקסען... מיט'ן בוך אין דער האַנד שפּאַצירט איהר אין לאָנדאָנער נעפּיל און הערט דאָס פייפען פון גיגאַנטע מאַשינען; זעהט איהר דאָס בליצענדיגע, געשמאַק=פאָלע אויסגעלאַסענקייט פון נייעם בבל — פּאַריז; טאַנצט איהר אויף אַ יאַפּאַנישען ביימער=פעסט, בערעגענט מיט די ווייסע שמעקענדיגע קירשען בליטען... אין צווייטען קאַפּיטעל האָט איהר גלעטשער, שניי=בערג, קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט גאָלדענע מעטשעטען, און פיליכט ווילט איהר אַספּאַזיא בעוואונדערן? זעהן ווי קלעאָפּאַטראַ שטאַרבט פון אַ שלאַנגען=ביס, אָדער ווי משה צוברעכט די לוחות, אָדער אַ בעזוך מאַכען ביי די גריכישע געטער אויפ'ן אָלימפּ? און פיליכט ווילט איהר הערען ווי מחמד פרעדיגט אָדער בודא?

אַלץ גיט אײַך די ליטעראַטור — די קונסט!

און אָפט פערשטעהט דער מענש זײַן אייגען לעבען נישט.

עס ליגען אין זײַן טיפסטען האַרץ זאָמען פון די פלאַמענדיגסטע רויזען; ער קען זיי נישט וועקען. עס שטיקען איהם טרערען — פּערל; טריקען איז איהם דאָס אויג, ער קען זיי נישט אויסווייגען און זיי ווערען פערגליווערט, און פאַלען צוריק אין האַרץ אַריין, ווי שטיינער. און אין די טינקעלסטע האַרץ=

ווינקאַליך ווילען געפיהלען ווי די בלומען שפּראָצען, און האָבען קיין ליכטיגע שטראַהל, און וועלקען, און גיסען זיך איבער אין אַ וויימאָג אָהן אַ נאָמען...

און קומט דער דיכטער, — שפּריצט ער טהוי אויף די רויזען אין האַרץ און זיי פלאַמען אויף, און שטראַהלען אויס'ן מענש'ס אויגען אַרויס, און דופּטען... מיט זיין צויבער-וואָרט עפענט ער די שלייסען און דער זילבערנער טרערען-שטראָם שפּריצט אַרויס, און לייכט ווערט דעם האַרץ, פון שטיינער בעפרייט, און קלאָר שטראַהלענדיג ווערען די אויגען, און גליקליך דער מענש, וואָס האָט אויסגעוויינט זיין שמערץ. און ער פאָרמט די צופלאָסינע נעפּיל פון האַרציגע געפיהלען, און זיי לעבען אויף. — און טיעף, און שען, און הויך; און פול ווערט דאָס לעבען, ווי פון דער זון געבענשטע טרויבען.

דער געשיכטליכער העלד בויט זיך זיין לעבען לויט זיין ווילען; דער וואורם-מענש ליגט צופרידען אין ערד-גריבעלע, וואו ער ווערט געבוירען און פערלוירען; דער מעהרהייט שענקט דער דיכטער דאָס, וואָס די נאַטור האָט זיי פערזאָגט.

קונסט איז אַ סוראָגאַט פון לעבען, נאָר זעהר אָפט טיפער, ערהאַבענער און וואָהרער פאַר'ן לעבען...

און צוליב דעם לעזט מען.

און אויבוואָהל איהר פערלאַנגט פון ליטעראַרישען קינסטלער דאָס לעבען, די צייט און דאָס אָרט, וואָס איהר אַליין האָט נישט, פערלאַנגט איהר דאָך נישט פון איהם, ער זאָל עס געבען אַזוי ווי עס איז אין דער ווירקליכקייט. אַ'זיסט וואָלט איהר אייך בעגנוגט, וואָס אַנבעלאַנגט דעם אָרט, מיט דער געאָגראַפיע, וואָס בעשרייבט אַלע וועלט-טיילען, אַלע לענדער; וואָס גיעט אייך אין ציפערן די הייך און דעם פערנעם פון בערג, די טיעפקייט און דעם לויף-גאַנג פון וואַסערן; וואָס בעשרייבט אייך גענוי אַליץ, וואָס וואַקסט און לעבט אין יעדער געגענד. דאָס אָבער ווירקט אויף אייער פערשטאַנד, נישט אויף אייער אויג. איהר הערט עס, נור איהר זעהט עס נישט; איהר פערשטעהט עס, נור איהר קענט עס אייך נישט פאָרשטעלען. און איהר פער-

לאַנגט „עס זאָל אײַך שטעהן פאַר די אויגען”. ריכטיג אָבער פאַרוואָס גענינגט אײַך נישט די פאָטאָגראַפיע? ווייל די פאָ־טאָגראַפיע איז מעכאַניש. איהר ווילט נישט זעהן די זאַכען, ווי דאָס טויטע גלאָז אינ׳ם אַפּאַראַט זעהט עס; איהר ווילט זיי זעהן מיט׳ן אויג פון אַ קינסטלער, בעשטראַהלט פון זיין נשמה, בעלעבט מיט זיין גייסט. און דעריבער, ווען איהר ווילט די פערגאַנגענ־הייט, גענינגט אײַך נישט דער היסטאָריקער, נאָר דער היסטאָ־רישער ראָמאַן. און ווען איהר לעבצט צו דער צוקונפט, נישט אַלס פאַרטיימאַן אָדער פּאָליטיקער, אַז איהר ווילט די צוקונפט זעהען — ווערט לעשען אײַער דורשט אַ דיכטערישע פאַבעל (מעשה׳לע), און נישט דער אוטאָפּיסט, ווי צום ביישפּיל, בעלאַמי.

און דאָך האָט מען ערשט נישט לאַנג גערופען: רעאַליזם! דאָס לעזער־פּובליקום איז צוגעשטאַנען צום דיכטער, ער זאָל זיי געבען דאָס לעבען ווי עס איז; די ווירקליכקייט, נישט פער־שענערט, נישט געענדערט. און אויפ׳ן פערלאַנג פון גרויסען פּריץ — פּובליקום — האָט די ליטעראַטור אָנגעהויבען פאָטאָ־גראַפירען. מען איז אַרויפגעקראָכען אויף דעכער און פיקסירט די גאַס, אָבסערווירט דורכגעהענדיגע, געגאַפט און פערצייכענט בעוועגונגען, ווערטער; געשטאַנען אונטער טירען, אונטערגע־הערט דורכ׳ן שליסעל־לאָך וואָס יזן שטוב טהוט זיך. די אַרבייט איז געוואָרען אַ מעכאַנישע און פון דער קונסט — אַ קונץ — נאָכצומאַכען. עס איז אָבער געווען אַ געוועהנליך מיספערשטענד־נים. אויב מען דאַרף דיכטען — האָבען די ליטעראַרישע צושטע־לער, ווען דיכטונג איז מאָדע געווען, געמיינט — בעדאַרף מען קיין לאָגיק, קיין נויטוועגדיג ענטוויקלען פון אורזאַך און רע־זולטאַט, און וואָס מעהר אויסגעטראַכט — איז בעסער. און מענשען האָבען אָנגעהויבען מאָלען איידער זיי האָבען געקאָנט צייכענען; עס איז געוואָרען איין אויסגוס און צוזאַמענמישונג פון פאַרבען אָהן קאָנטורען, אָהן ליניען און פונקטען. און מען האָט נאָך אָפט דאָס אַלץ מיט אַ מיסטעריעזען נעפּעל בעדעקט, מען זאָל דאָס, וואָס האָט געפעהלט, אין נעפּעל נישט זוכען. און דעמאָלט האָט דער לעזער, וואָס האָט געוואָלט זעהן און דורכ־

לעבען, און נישט געהאַט וואָס, געשריען: רעאַליזם! און גע־מיינט האָט ער: לערנט איך צייכענען. דאָס היינטיגע, פערגאַנ־גענע און צוקינפטיגע, זאָלט איהר צייכענען מיט אַ פעסטער האַנד, זאָל אַלץ האָבען זיינע פעסטע קאָנטורען.

אָבער זעהען וויל מען מיט'ן אויג פון קינסטלער און דאָס קינסטלער־אויג זעהט די ווירקליכקייט, נישט אַזוי ווי זי איז, נאָר פיעל ווירקליכער. וואָרום ער זעהט איהר אינערליכען אינהאַלט, איהר בעציהונג און אַבהענגיגקייט פון דער נשמה פון דער וועלט, און מיט דעם וואָס טהוט זיך הינטער די קוליסען פון דער וועלט אין אבהענגינקייט פון זיין קינסטלערישער וועלט־אַנשויאונג.

וואָרום ביי דעם ווירקליכען קינסטלער געהט דאָס זעהען און בעשרייבען נישט צוזאַמען. ווי די פערשידען־פאַרביגע גלעזלעך אין קאַליידאָסקאָפּ ליגען טיעף אין האַרץ ביים דיכטער. אונטער דעם שוועל פון בעוואוסטזיניגקייט, פערשידענע איינדריקע, מאָמענטען, און ביי יעדער האַרץ־בעוועגונג ווערען נייע פיגורען בעשאַפען און דעמאָלט ערשט בעשריבען. ווי אייזען־שטויב ליגען דאָרט די פון געהירן פערגעסענע איינדריקע, און די קינסטלערישע וועלט־אַנשויאונג איז דער מאַגנעט, וואָס ציהט אַרום זיך די איינדריקע אויף אַ געוויסער פיגור.

אָבער דאָס נייע קען אַרויסשפּראָצען נאָר דעמאָלט, ווען דער אַלטער זאָמען, וואָס דאַרף זיי אַרויסרופען, פוילט און שטאַרבט; וואָרום דאָס נייע געשפּראָצטע איז נישט ניי בעשאַפען, נאָר דאָס אויפלעבען פון געשטאָרבענעם אין אַ נייער פאָרם.

דאָס מאַטעריאַל פאַר דער קינסט איז די ווירקליכקייט. יעדער מאָמענט, יעדער איינדרוק בעזונדער — דאָס זענען די פערשידען־פאַרביגע גלעזלעך; דאָס דיכטערישע האַרץ — דער קאַליידאָסקאָפּ; די סטרוקטור גיט די וועלט־אַנשויאונג און די שענהייט זענען די שטראַהלען פון דער דיכטערישער נשמה. אין שענעם שלאָס זענען די ציגעל מעכאַניש, די סטרוקטור — טעכניש, דער פּלאַן, אויב ער איז נישט קאָפּירט — דיכטונג.

דאָס דיכטען מוז זיין אָריגינעל, אַ פּערזענליכע שעפפונג. פּאָעזיע איז פּערזענליכקייט.

דאָס פּראָבלעם *).

די זון גערט אונטער. דער עולם זאַמעלט זיך צו נעילה.
מיין בעקאַנטער דרעהט זיך אַרום פאַר דער שוהל, שטעלט מיך אָב.

— עס ציהט! — מאַכט ער מיט אַ פערבענקטען בליק צו דער שוהל. — אָבגעריסען, אין דער ערד אַריינגעגראָבען. — „ממעקים"... גליטשיג-פייכט, מיט מאָך בעוואַקסען, און עס ציהט...

איך שמייכעל: אַלטע געפיהלען, טראַדיציע... אַטאַוויזם! דער שטערען פערשאַטענט זיך איהם; די אויגען ווערען איהם טונקעלער, דאַכט זיך, ער האָט זיך אומגעקעהרט צו זיך אין האַרץ אַריין פּרופענדיג.

— דאַכט זיך — ניין! האָט ער אויסגעשטאַמעלט נאָך אַ ווײלע.

דער עולם געהט פרום און פערטראַכט פאַרביי, ער נעהמט מיך אונטער'ן אָרים און ציהט מיך צו דער ווינקעל-מויער צו.

— איך פיהל מיך — זאָגט ער — עלענד... פער'יתום'ט... כ'בין עפּיס אַ זאַך, וואָס מען האָט אין גאַס פערלוירען, אין שטוב ניט אַריינגענומען, און מען האָט דערין פערגעסען, מען זוכט עס ניט...

דער אָטהעם ווערט ביי איהם האַסטיגער.

— עס איז דאָך מיין פאָלק: מיינע עלטערען, שוועסטער און ברידער, היימישע, פריינד, בעקאַנטע... אַ גאַנץ יאָהר זענען מיר דאָך צוזאַמען; צוזאַמען געדריקט. מיר צאַפּלען דאָך דאָ אין איין נעץ, אין איין שפּינוועבס — קומט אַ טאָג, אַ טאָג יום-כפור, געהען זיי זיך אַלע צוזאַמען, געהען זיי אין איין הויז אַריין בעטען צוזאַמען, וויינען צוזאַמען, טרייסטען און שטאַרקען זיך צוזאַמען. און איך איינער בלייב אין דרויסען... — נישט איינער! — פּרוו איך איהם טרייסטען — ניט אַלע זענען אין שוהל... זעהר פיעל... ער ווערט אונגעדולדיג.

דאָס ווייסט ער... ער קומט עבען פון איין אָרט וואו די אַנדערע זענען.

— זיי האָבען געגעסען און געטרונקען, און האָבען זיך נאָך דאַמען געשיקט... דאָס מעהרסטע האָבען זיי איהם אַהער געטריבען! זיי זענען אַזוי עלענד-זיכער, זיי לאַכען אַזוי אידיאָטיש-פעסט. אַ טענצעל און געלאַכט... ער האַפּט מיך אָן ביי די הענד און הייבט מיך אָן האַסטיג צו פיהרען אויף און אָב. — געלע פּנים'ער — געוויס אַזאַ

---

*) השמטה פון 7-טען באנד.

בעלייבטונג. אַ קעלער־קנייפּע ... אַ טעג־צעל און געלאַכט ... און איך האָב געזעהן: געלע הערבסט־בלעטער, אָבגעריסענע פון צווייג ... פון אַ הערבסט־ווינטעל אַרומגעטראָגען, און זיי היפּען אַרום בוים, צו זיינע פיס ... — דאָס — מאַכט ער, צו דער שוהל ווייזענדיג — איז דאָך דער שטאַם ... איבערגעפלאַנצט, אין אַ זומפּ אַריינגעשטעלט, אָבער אַ שטאַם מיט וואָרצלען ... יענע זענען בלעטער, אָבגעריסענע ...

— איך וויל נישט — שרייט ער אויס — אָבגעריסען ווערען!

אין די אויגען בעוויזט זיך איהם שרעק: — עס איז כרת! פון שוהל הערט זיך דער נעילה־קדיש. — קום אַריין! — און איך נעהם איהם אָן ביי דער האַנד. ער רייסט זיך אויס:

ל — כ'קען נישט!

אין די אויגען איבער'ן געזיכט — שמערץ ... רער אָטהעם ווערט האַסטיג: — איז אָבער פאַרהאַן, — זאָגט ער — עטוואָס העכערס, עטוואָס הייליגערס ווי אַ פאָלק ... פאַרהאַן פאַרהאַן — — דאָס העכסטע, דאָס גרעסטע — — — ער שטאַמעלט עפּיס. איך וויל טרעפען:

— דער אמת? מיט געוואַלד רייסט זיך איהם פון מויל אַרויס:

— גאָט! איך שטוין: — דו און גאָט! דו גלויבסט?

— איך? — איך ווייס נאָר — אַ „צופעליגקייט" איז אונזין ... „זעלבסטשעפּפונג" — אַ גרעסערער! „ענטוויקלונג" — אַ לעקעכיל פאַר קליינע קינדער, פערשטופּ דאָס מויל און פרעג ניט ... אָבגערוקט די שאלה אויף אַ צייט ... — רעדסט קיינמאָל ניט דערפון. קיינמאָל גאָטס נאָמען נישט דערמאָהנט?! — אַ גאַנץ יאָהר ניט, צווישען מענשען — ניט. עס איז אַוואָרט. אַ גרוים וואָרט. אַ סימבאָל, אַ בעצייכנונג פאַר'ן העכסטען, פאַר'ן הייליגסטען ... האָבען זיי עס אין מויל אַריינגענומען, מיט שפּייעכץ בענעצט ... האָט זיך יעדערער אַ געטעל צו זיין פרנסה צוגעפּאַסט, צו זיין תאוה'לע צוגעשניטען. האָבען זיך געפּרוכפּערט און געמעהרט די עבודה זרה'לעך ...

עס דערהערען זיך יעלה'ס. — קום, רעד צו דיין גאָט ...

צאָרניג ענטפערט ער: — מיין גאָט לויבט מען ניט, מיין גאָט בעט מען ניט ... איך קען מיין גאָט ניט בעליידיגען.

— — — — — — — — — — — — —

מיר האָבעןביידע נעילה ניט געדאַווענט.